STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00047

BRONZVIL

Chaver-Paver

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Gary Drucker & Rebecca Newman
in honor of
Max & Diane Drucker

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כאַווער-פאַווער

בראָנזוויל

(ראָמאַן)

—און—

דראַמאַטישע שפּילן

אַרויסגעגעבן פון

כאַווער-פאַווער בוך-קאָמיטעט

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע

1976

100

BROWNSVILLE

(A NOVEL)

— and —

ONE-ACT PLAYS

By

CHAVER—PAVER

•

Published By

CHAVER–PAVER BOOK COMMITTEE

Los Angeles, California

•

Printed in U.S.A.



כאַווער-פּאַווער

רעדאַקציע־קאָלעגיע:
י. אַשפּיז • פּ. טשערנער • י. א. ראַנטש
פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר: פּ. טשערנער

•

דאַנק:

ווען כאַווער־פּאַווער וואָלט געלעבט, וואָלט ער געשריבן דעם דאַנק צו דעם בוך־קאָמיטעט — איז ער דאָך אָבער — צו אונדזער גרויסן ווייטיק — מער ניטאָ מיט אונדז — וועל איך, ווי זיין נאָענסטער חבר און ווי דער רעדאַקטאָר פון דעם בוך, — זיך נעמען די פּריווילעגיע צו באַדאַנקען דעם בוך־קאָמיטעט, וואָס האָט מיט אַ סך ליבשאַפט און פאַרערונג צו כאַווער־פּאַווערן — זיך באַמיט און געהאָלפן אַרויסגעבן די צוויי ביכער: „קלינטאָן סטריט" אויף ענגליש און דעם בוך „בראָנזוויל" אויף יידיש.

איך וויל דאָ מיט באַזונדערער ליב פאַרצייכענען די נעמען: צירל, די אַלמנה פון כאַווער־פּאַווער; אהרן קוירטמאַן, סעקרעטאַר און יעקב אַשפּיז, פאָרזיצער פון דעם בוך־קאָמיטעט, פאַר זייער באַזונדערן גרויסן בייטראָג צו דער גאָר מיזאַמער אַרבעט אַרויסצוגעבן די צוויי ביכער, צו פאַראייביקן דעם ליכטיקן אָנדענק פון אונדזער וואונדערלעכן, אומפאַרגעסלעכן פאָלקס־שרייבער — כאַווער־פּאַווער (גרשון איינבינדער).

פּוליע טשערנער

כאַווער־פּאַווערױש

(אַ וואָרט וועגן „בראַנזוויל")

אַזאַ כּח פאַרמאָגט אין זיך דאָס וואָרט פון כאַווער־פּאַווער, אַז וואָס און ווען איר זאָלט ניט לייענען פון אים, ווערט איר תּיכף־ומיד פאַר־כאַפּט פון זיין סטיל און ריטעם.

מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס?

מיט זיין וואַרעמען אָטעם וואָס באַהויכט אייך; מיט דער ליבשאַפט וואָס דערנעענטערט צו אים; מיט דער אַטראַקציע פון זיין אינהאַלט.

די דראַמאַטישע האַנדלונגען זיינען ביי אים ניט דער עיקר. ס'איז אָבער פאַראַן טיף־דראַמאַטישעס אין זיין אויפן פון דערציילן. איר באַ־גלויבט אים, איר ווערט אַריינגעצויגן, ווי אַ חבר, אין זיין אינטימקייט.

כאַווער־פּאַווער איז קיינמאָל ניט לאַנגווייליק, מחמת ער דרינגט אַריין אין דער נשמה פון זיינע טיפּן און העלדן און ער באַהעפט זיך מיט זיי ווי אַן אייגענער. דאָס גרויסע קינד אין אים דערזעט די אמתן, ווי קליינע קינדער דערפילן זיי אינטואיטיוו.

און ווען אַ שרייבער געווינט דעם צוטרוי פון זיינע קינדער־לייענער, דאַן איז דאָס אַ סימן־מובהק, אַז ער איז עכט, אַז זיין שרייבן קומט אַרויס פון אינווייניק, פון נשמת־חיים.

אַלץ וואָס כאַווער־פּאַווער האָט אַרויסגעגעבן ביים לעבן איז געווען פּאָפּולער. צו וואָס פאַר אַ סוזשעט ער האָט זיך צוגערירט, האָט מען דערפילט, אַז ער האָט מיטגעלעבט, מיטגעליטן, זיך מיטגעפרייט.

זיין וועכנטלעכער ביישטייער אין אַ טעגלעכער צייטונג האָט אים ניט באַוואויגן צו ווערן זשורנאַליסטיש. זיינע געריכט־בילדער, וואָס זיינען געווען צייטונג־מאַטעריאַל, זיינען אין זיינע הענט געוואָרן קונסט־מי־ניאַטורן.

„קלינטאָן סטריט", וואָס איז דראַמאַטיזירט געוואָרן און געגאַנגען אויף דער ראַדיאָ, איז געווען דער אָנזאָג פון אַ נייעם נוסח, פון גרויס־שטאָטישקייט, פון רעאַליזם אויף דער יידישער גאַס, פון דער ניו יאָר־קער איסט סייד. בולט איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער קאָנפליקט צווישן צוויי דורות, ווי:

„איטשע־מאיר האָט געוואָלט, אַז זיין זון מאַיק זאָל אויך גיין אין די וועגן פון זיין גאָט. איז אָבער די אַמעריקאַנער גאַס מעכ־

טיקער פון דעם גאָט פון זיינע עלטערן. מעכטיק איז די אָרעמקייט פון קלינטאָן סטריט, מיט אירע אייגענע געשאַפענע געזעצן, מיט די פּאָליטישנס, גענגסטערס, הולטאַיעס און אויסוואורפן, מיט דער גאַנצער פאַרדאַרבענער אָרדענונג.״ (ז. 25).

ווי איז צו אַזאַ צאַרט, איבערגעשראָקן קינד, ווי פּאַווער, געקומען אַ סיפּור המעשה וועגן גענגסטערס? ווי איז צו אים געקומען די גרויזאַמ־קייט פון „גיבורים פון דער נאַכט״?

אויף דעם קאָן מען ענטפערן מיט אַ פראַגע: ווי קומט צו אים אַזאַ דערוואַקסענער אינטערעס צו די טראַגעדיעס, מערסטנס, פון די גע־ריכט־סצענעס?

דער ענטפער איז באַשייַנפּערלעך קלאָר. אַלץ וואָס איז מענטשלעך האָט צוגעצויגן דעם קינסטלערישן אויפמערק פון כאַווער־פּאַווערן. דער מענטש איז ביי אים געווען דאָס דראַמאַטישסטע, אַפּגעזען פון דער פּאַבולע. איין קוק אויפן מענטשן און ער האָט שוין געקאָנט זיך דער־גריבלען אין זיין נשמה און אַרויסקריגן פון דאָרט מאַטעריאַל פּאַר זיין אינטערעס. פּאַווער האָט ניט געדאַרפט זוכן קיין טעמעס. יעדער מענטש איז פאַר אים געווען אַן אינטערעסאַנטער אינהאַלט.

„די צען לאַנדסלייט״ (1942) איז אַ שטיק יידיש אַמעריקע פון אימי־גראַנטן־דור. ניט די צאָל איז דאַ געמיינט געוואָרן, נאָר די טיפן וואָס מען האָט געקאָנט ציילן אין די טויזנטער.

די הויפּט־זאַך: דער אינטימער טאָן, וואָס קלינגט אָפּ אין אַלע זיינע ווערק, איז אַן אָפּשפּיגל פון אים גופא. אין יעדן העלד זיינעם וועט איר געפינען עפּעס פון פּאַווערן אַליין. ער מעסט אָן די טיפּן אויף זיך. דערפאַר וואָס ער קאָן קיין בלוט ניט זען, פאַרמאַכט ער די אויגן אויף וויטיקן און פּיין.

ס'איז ניט געווען קיין צופאַל וואָס איינע פון זיינע ערשטע גרעסערע אַרבעטן זאָל דערשיינען איצט, נאָך זיין טויט. דער ראָמאַן „בראַנזוויל״ איז געגאַנגען אין דער „פרייהייט״ אין יאָר 1930. יונג איז ער געווען, פּאַווער, און פול מיט אייפער און מיטן דראַנג צו וועלן איינזאַפּן אין זיך די אַטמאָספערע, אין וועלכער ער האָט געלעבט טאָג־טעגלעך.

„בראַנזוויל״ איז אַריין אין בלוט פון אַ יונגן אימיגראַנטן דור. איר באַגעגענט זיך היינט־צו־טאָג מיט עלטערע לייענער, וואָס אַז מען דער־מאָנט זיי אין צויבער־וואָרט „בראַנזוויל״, לייכטן אויף זייערע מידע אויגן און די יוגנטלעכקייט דערוואַכט צוריק.

כאָווער־פּאָווערן איז געלונגען אויפצוכאַפּן דעם ריטעם און ריח, דעם פּולס און פּילדער פון פּיטקין עוועניו און „קיצל פּאַרק", פון דער סאַבוויי און „טאַנץ־קאַלעדזש", פון די יוגנט־יאָרן פון אימיגראַנט. ער איז אַליין געווען איינער פון אים.

היפּערט איבער די סיטואַציעס און ס׳באַקומט זיך אַ קאַליידאָסקאָפּ, וואָס באַפרישט אונדז און מיר זיינען דאַנקבאַר, וואָס אים איז געלונגען איבערצולאָזן אַ חותם פון יענער עפּאָכע.

וועט דער היינט־צייטיקער לייענער פאַראינטריגירט ווערן ניט בלויז מיט די טיפּן, נאָר מיט דעם וואָס איז געווען און וואָס איז ניטאָ מער.

די בילדלעכקייט איז געבליבן און זי רעדט מער ווי ווערטער. אַ פּאָרביישפּילן:

„אין בראַנזוויל, אַז מען גייט צו דער אַרבעט אין די פינצטערע פּאַרטאָגן, קוקט דאָס אויס, ווי גרויסע טשערדעס שאָף מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ."

וועגן דער געפּאַקטער סאַבוויי:

„די וואָס שטייען אָנגעפּאַקט איינער איבערן אַנדערן, ווייל זיי האָבן שוין ניט קיין פּלאַץ, מוזן טאַנצן. די שווערע רעדער זיינען די קלעזמער און זיי קלאַפּן אויס דעם ניגון פון טאַנץ."

ווער זיינען די העלדן פון „בראַנזוויל"?

ניט דער מענטש, נאָר די סביבה, דער אַנדערשדיקער לעבנס־שטייגער פאַר דעם נייעם אימיגראַנט. פון היימישן שטעטל אַריין אין ווירוואַר פון שטאָל און צעמענט.

ס׳איז ניט געווען צופעליק וואָס פּאָווער האָט אויסגעקליבן די ניט־טיפּישע פּרנסה פאַר אליעזרן — פּאַרשפּאַרט אין אַ סאַבוויי־בודקעלע, וואו ער בייט אויס מטבעות אויף ניקלס. און ס׳איז געווען אליעזר, וואָס איז באַפאַלן געוואָרן פון רויבערס אין סאַבוויי, ווי אַן אַנדייט אויף דעם וואָס פּאַסירט טאָג־טעגלעך אין דער ניו יאָרקער סאַבוויי היינט־צו־טאָג.

דאָס לעבן איז דאָ געוואָרן מער דרויסנדיק און דערפאַר באַשרייבט דער מחבר מער די סאַבוויי, די גאַס, דעם פּאַרק, קאָני איילאַנד.

די וויקטראָלע שפּילט דאָ אַן אָפּטע ראָל ווי:

„ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכט און אַלע פענצטער זיינען גע־שטאַנען אָפן צו דער גאַס. אומעטום האָבן געשפּילט וויקטראָ־לעס און אומעטום האָט מען געקאָנט הערן ווי לודוויג זאָץ פּעש־טשעט זיך אויפן רעקאָרד: „איך וויל ניט גיין אין חדר". אָדער

מאַלי פּיקאָן חנדלט זיך: „ס'פּעלט איר די ראָזשינקע".

נתן, דער נייער אימיגראַנט, איז געוואָרן אַ פּרעסער פון קליידער. פּאָוער באַשרייבט דער שאָפּ אויף זיין אייגנאַרטיק אופן:

„צוועלף סענט פאַר אַ קליידל נעמט ער און טראָגן וועט זי אַ ניו יאָרקער טאָכטער צו אַ גרויסן באַל... ער האָט שוין אויס־געפּרעסט אַזויפיל קליידלעך און ער הענגט זיי אויף דער וואַנט... זיי הענגען ווי לעבעדיקע מיידלעך, אָבער אָן קעפּ און אָן פיס."

„אַ נעגערטע שטייט אויך לעבן נתנס טיש און פּרעסט מיטן שווערן אייזן. ביי יעדן גלעט צעוויגט זי איר קערפּער מיט גרויס כח."

בראָנזוויל איז די היים. ניו יאָרק איז דער שאָפּ און ווען מען ווערט פּטור פון אים איבער נאַכט, איילט מען זיך אַהיים קיין בראָנזוויל און —

„לויפן מיט די טרעפּ אַראָפּ טויזנטער טאַטעס, מאַמעס, ברידער און שוועסטער. לויפן זיי גיך און איילנדיק, כדי וואָס שנעלער אַרויף אויף די גאַסן, וואו בראָנזוויל וועט זיי באַגעגענען אַ רואיקע, אַ שטילע און די לופט וועט פאַרשמעקן מיט געקאָכטער וועטשערע און זיי קיצלען די נעזער מיט די ריחות פון געבראָטן פליש, פּעטע זופּן און באָרשטש."

שוין אין זיין צייט האָט פּאָוער דערזען, אַז בראָנזוויל ווערט אויס בראָנזוויל. ערשטנס, איז מען געוואָרן אומצופרידן מיט אַמעריקע און „משה דער משוגענער" איז „געקומען סטראַשען אליעזרן, אַז אַמעריקע טויג ניט און אַז מאָרגן פאָרט ער קיין פילאַדעלפיע, ווייל דאָרטן איז בעסער."

צווייטנס, האָט מען גענומען בויען „נאָך אַ שטיק בראָנזוויל".

„ס'זיינען אָנגעפאָרן די ריזיקע גראָב־מאַשינען, האָט שיינע־רחל באַלד געכאַפּט די ציג און זי צוגעבונדן צום גאַניק."

און אַזוי בייט זיך די אידיליע פון אימיגראַנט און ס'וואַקסט אויס אַ „פּרייז־פאַיט" פון אייגן בלוט, כאָטש עס ציט זיך נאָך אַ פּראָצעסיע מיט אַ ספר־תורה איבער בראָנזווילער גאַסן, א. א.

כאָוער־פּאָווערס „בראָנזוויל", ווי זיינע דראַמעס, איינאַקטערס און שפּילן, וועלן בלייבן אַ לעבעדיקער מאָנומענט פאַר דור דורות. ניטאָ מער די אַמאָליקע בראָנזוויל, ווי ס'זיינען פאַרשוואונדן די כאַראַקטערן אין זיינע שפּילן.

נאָר פּאָוער איז דאָ אין זיי און ער וועט בלייבן.

יצחק אלחנן ראָנטש

בראָנזוויל

נתן קומט צופֿאָרן אין בראָנזוויל

בראָנזוויל איז אַ גרויסע שטאָט אין אַמעריקע. דאָרטן פֿאַרקויפֿט מען אַלע פֿרייטיק פֿיש לכבוד שבת, עס זיינען דאָרט פֿאַראַן כשרע מקוות פֿאַר יידישע טעכטער אויף אַלע גאַסן, שולן און שולעכלעך מיט פֿאַרצייטיקע קיילעכדיקע פֿענצטערלעך, תלמוד תורות, חדרים און מוהלים, און אויף לבנון סטריט הענגט אַ שוואַרצער שטאָלענער בריק איבער אַלע הייזער אין דער לופֿטן. טראָגן זיך איבער אים באַנען מיט אַ געפּילדער און טומל, לויפֿן גיך, גיך, כדי צו ווערן איינגעשלונגען מיט אַלע וואַגאָנען פֿון אַ גרויסן אָפֿענעם שוואַרצן מויל, וואָס פֿירט טיף אונטער דער ערד איבער גאַסן און טונעלן פֿון אייביקער נאַכט.

געקומען איז נתן קיין בראָנזוויל צו זיין שוועסטער פֿריידע, אַן עלטערע מיידל פֿון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, אין אַ וואַטאָווע לייבל און מיט אַ שווערן קאַסטן אָנגעפּאַקט מיט זיינע שבתדיקע קליידער און א טוצן העמדער און גאַטיעס, וואָס די מאַמע האָט מיט אַזוי פֿיל זאָרג אים צוגעגרייט נאָך ביי איר לעבן.

די שוועסטער פֿריידע האָט זיך צעוויינט, ווען זי האָט אים דערזען, און שוין אַזוי גיך ניט געוואָלט אויפֿהערן. ס׳איז געווען זייער אָנגענעם צו וויינען. שוין יאָרן און יאָרן ניט געפֿילט אַזאַ גוטסקייט פֿון וויינען, ווי איצטיק מאָל. נאָכדעם ווי ס׳איז איר לייכטער געוואָרן אויפֿן האַרצן און ס׳איז איר געוואָרן זייער גוט פֿון דעם, האָט זי אויפֿגעהערט וויינען און איינגעגעבן דעם ברודער ביטער־זאַלץ.

— ביטער־זאַלץ, נתן, — האָט זי אַ זאָג געטאָן מאַמיש, — נעמט אַיין יעדער איינער, וואָס שטעלט נאָר אַ פֿוס אויף דער אַמעריקאַנער ערד. אַמעריקע איז טאַקע אָלרייט, אָבער אַלע מענטשן ליידן דאָ שטאַרק פֿון די מאָגנס. שוין צען יאָר, אַז דער מאָגן איז ביי מיר אויך ניט אַזוי אַיי, אַיי. ס׳איז טאַקע ביטער, אָבער נעם דאָס אַיין, וועסטו דאָס איבערקומען און ס׳וועט דיר דערנאָכדעם זיין גוט.

נתן האָט אַיינגענומען און זיך געלייגט שלאָפֿן. די שוועסטער האָט אָנגעצונדן ס׳גאַז איוועלע, ס׳זאָל אים זיין וואַרעם דעם ברודער און אַליין זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן בעט. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז די מאַמע האָט אים זייער ליב געהאַט און פֿלעגט אים רופֿן נתניו און איינמאָל האָט זי אים געקויפֿט אַ גראָ קוטשמעלע מיט אַ גרין

קוטאַסל. דערפאַר, וואָס די מאַמע האָט אים איינמאָל געקויפט אַ גראָ קוטשמעלע מיט אַ גרין קוטאַסל, האָט זיך ביי איר אין האַרצן אויפ־געוועקט זייער וואַרעמע געפילן צו איר ברודער און זי האָט זיך אַנגעבויגן און אים אַ לייכטן קוש געטאָן.

פריידע האָט אַפילו אויף קיין איין מינוט ניט אַ קלער געטאָן, אַז דאָס שלאָפט איר חתן אין בעט. זי האָט גוט געוואוסט, אַז דאָס איז איר ברודער נתן. אָבער אויסגעקומען איז שוין, אַז עס איז הייַנט ביי איר אַ גרויסער יום טוב.

נתן מיט דער שוועסטער גייען שפּאַצירן אין קיצקיל פּאַרק

נתן מיט דער שוועסטער זיינען געגאַנגען שפּאַצירן. זי האָט אים געקויפט אַ ברוינעם מאַנטל, אַ געלע שליאַפּע און אים פאַרפּוצט אין די שיינע בגדים ווי אַ מלכות. דעם ראָק האָט זי אים געהייסן פאַרשפּיליען אויף אַלע קנעפּ, דעם קאָלנער האָט זי פון אונטן אויס־געצויגן, ס'זאָל אויסקוקן לייטיש, דעם געלן הוט האָט זי אַרויפגעטאָן אויף זיין קאָפּ זייער פּאַרזיכטיק, כדי דער קנייטש אינמיטן זאָל ניט קאַליע ווערן און זיי זיינען ביידע אַוועק איבער פיטקין עוועניו.

נתן מיט ביידע הענט אין די קעשעניעס האָט געשפּאַנט גלייך און אויסגעצויגן און די שוועסטער זיינע האָט זיך געוויגט אין ביידע זייטן.

די שוועסטער פריידע האָט אָנגעהויבן שווער צו סאָפּען; אַז זי גייט, זאָגט זי, אַ סך, איז איר שווער צו אָטעמען.

— לאָמיר גיין אין „קיצל פּאַרק" וועלן מיר זיך זעצן אויף אַ באַנק און קוקן, ווי די קינדער שפּילן זיך דאָרטן.

— יאָ, פריידע, — מאַכט נתן — לאָמיר גיין אין פּאַרק, זיך אַנידער־זעצן אויף אַ באַנק און קוקן, ווי קינדער שפּילן זיך דאָרטן.

אויף אַ באַנק אין קיצקיל פּאַרק האָט פריידע צעשפּרייט די פיס און פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויפן ווענטל. איר פּנים איז געווען רויט און אירע ברילן האָבן געגלאַנצט פון דער זון.

דער האַרבסט טאָג איז שוין געווען נאָענט צו נאַכט און אַ ווינט האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ ציַיטונג. ער איז געלאָפן מיט איר איבער אַלע אַלייען ביז וואַנען ער האָט זי אויפגעהאַנגען אויף אַ

צווייג, זי דאַרטן איבערגעלאָזט און אַליין זיך אַוועק ערגעץ אַנדערש.

נתן האָט אַראָפּגענומען זיין גלעלע שליאַפּע, זי אַרויפגעלייגט אויף אַ קני און אויך פאַרוואָרפן דעם קאָפּ. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי די שוועסטער פריידע איז געשטאַנען לעבן פּאָיעזד אין אַ שטרויען היטעלע און אין ברוינע הענטשעקעס און האָט געשמייכלט. דאָס שטרויען היטעלע איז געווען באַצירט מיט רויטע ווייַנשעלעך, צווישן גרינע בלעטער. דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען געשטאַנען לעבן איר און געוויינט. זי האָט קיינמאָל ביז איר אָפּפאָרן ניט געטראָגן קיין שטרויען היטעלע מיט ברוינע הענטשעקעס. נאָר אַז מען שיקט אַ טאָכטער קיין אַמעריקע, קען מען זי דאָך ניט אָפּלאָזן אַזוי אַ, לייטן אויף חוזק. האָט מען זי פאַרפּוצט און זי האָט אויסגעקוקט פּונקט ווי אַ פּריצטע. ווען דער גלאָק האָט אַ קלונג געטאָן און די מאַמע האָט זי געוואָלט אַרומנעמען, האָט פריידע זיך אַ ריס געטאָן און אויסגעשריען מיט דערשרעק:

— פּאַוואָליע, מאַמע, וועסט נאָך צעקנייטשן מיין שטרויען היטעלע.

— נאַריש קינד וואָס דו ביסט, — האָט די מאַמע געזאָגט, — איך וועל דיך אפשר אין מיין לעבן מער ניט אָנזען און די ציטערסט איבער דיין היטעלע.

פריידע האָט זיך פאַרשעמט און אָנגעהויבן צו כליפּען און ווען די באַן האָט זיך גערירט, איז זי געשטאַנען ביים פענצטער און האָט נאָך אַלץ געוויינט אַ פאַרפּוצטע אין די ברוינע הענטשעקעס און שטרויען היטעלע מיט די רויטע ווייַנשעלעך צווישן די גרינע בלעטער.

אָבער ניט נאָר דאָס האָט זיך נתן געוואָלט דערמאָנען. ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען, אַז זי האָט ליב געהאַט אַהרון דעם משורר.

— זע נאָר, פריידע, — האָט ער זיך אָנגערופן פאַרחידושט, — פאַרוואָס פרעגסטו מיך ניט, וואָס ס׳מאַכט אַהרון דער משורר?

האָ, אַהרון דער משורר, יאָ טאַקע, — האָט די שוועסטער זיך פאַרשעמט, — וואָס מאַכט ער?

אַהרון דער משורר האָט געהאַט אַ סאָפּראַנאָ און געזונגען אַ סאָלאָ מיט אַ ציטערדיק קולכל פאַר אַן עולם יידן אין שול אַלע שבת ראש חודש און פריידע פלעגט אַרויסקוקן פון די פענצטערלעך, וואָס אין דער ווייבערשער שול און געזען, ווי אַהרון דער משורר אין אַ קליין יאַרמולקעלע שעמט זיך ניט און זינגט אַ סאָלאָ.

איינמאָל אַ שבת נאָכן עסן זיינען זיי בײדע געגאַנגען שפּאַצירן הינטער דער שטאָט און זיי האָבן זיך פֿאַרזאַמט ביז מעריב. פֿריידע איז געקומען אַהיים אַ פֿאַרפּלאָמטע און אַ דערשראָקענע און די מאַמע האָט זי ניט געקניפּט, ווי איר שטייגער איז געווען, בלויז אָנידער־געזעצט לעבן זיך און איר אָנגעהויבן צו זאָגן מוסר. די שטראָף־רייד זיינען געווען ערגער, ווי געשלאָגן, און דאָס מיידל האָט געוויינט און זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן.

ס׳איז געוואָרן קיל און זיי זיינען אַרויפגעקראָכן אויפן באַרג, כדי זיך צו לאָזן אַהיים, אָבער אויבן האָט זיך נתן אָפּגעשטעלט, כדי צו באַטראַכטן דעם פּאַרק אין טאָל. זיינען שוין אַלע ביימער און גראָזן דאָרטן אונטן געווען שוואַרץ, נאָר די ליידיקע בענקלעך האָבן נאָך געגלאַנצט מיט אַביסל זון. אַביסל ווייטער האָט זיך געצויגן דער שוואַר־צער שטאָלענער בריק און איבער אים זיינען געלאָפן צוויי באַנען איינע אַנטקעגן דער אַנדערער מיט אָנגעצונדענע פענצטער. אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָט די, וואָס האָט געדאַרפט אַריין אין טונעל אַ קוויטשע געטאָן, די צווייטע, וואָס איז ערשט געקומען פון דאָרטן האָט ניט אָפּגעענטפערט נאָר זיך אַ לאָז געטאָן מיט פרייד באַרג־אַרויף אַ פרייע און אַ דערלייכטערטע פון דער שווערער פינצטערניש, וואָס האָט זי געשטיקט אין דער אונטערערדישער גאַס.

— נתן, קום, — האָט פריידע אים אַ צי געטאָן ביים אַרבל. דער ברודער האָט ניט געענטפערט און איז געווען, ווי אין אַ חלום. האָט שוין פריידע אויך געמוזט בלייבן. זיי זיינען ביידע אַזוי געשטאַנען, דער גרינער ברודער מיט זיין שוועסטער אין די גאָלדענע ברילן, אין דעם לאַנד אַמעריקע, אין דער שטאָט בראָנזוויל און געקוקט, ווי דער פּאַרק אונטן איז געוואָרן חושך, אַפילו די בענקלעך האָבן זיך שוין אויך אויסגעלאָשן. ווייט אַרום האָבן זיך געצויגן שוואַרצע פּוסטע פעלדער און וואו ניט וואו האָבן זיך געהויבן ווי די שאַטנס הויכע, ברייטע, ניט פאַרענדיקטע הייזער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין בויען.

אליעזר דער נאַכט־קאַסירער

יעדע באַן־סטאַנציע האָט זיך אַ בודקעלע און אין יעדן בודקעלע פאַרשפאַרט מען אַ מענטשן אויף לאַנגע שעהן, ער זאָל זיצן און בייטן גרויסע מטבעות אויף ניקלס.

אליעזרן האָט מען אויך פאַרשפאַרט אין אַזאַ בודקעלע פון אָנהויב נאַכט ביז העט פאַרטאָג. און די ווענט פון דער סטאַנציע זיינען ליידיקע און גרויע און די דריי גולמס מיט די שפּיציקדיקע דישלס האָבן דווקא יאָ ליכטיקע אויגן, קוקן אָבער פון דאָרטן שטענדיק אַרויס טאַמעוואַטע גרויסע ניקלס.

אַלע אברים פון אליעזרס קערפּער מעגן איינשלאָפן, אָבער זיינע פינגער וועלן שטענדיק בלייבן וואַך. לעבעדיקע מידע פינגער, וואָס דאַרפן שוין ניט האָבן אליעזרס מח. זיי זיינען באַלעבאַטים פאַר זיך אַליין און בייטן גרויסע מטבעות אויף ניקלס גיך, גיך און מאַכן קיינמאָל ניט קיין טעות. אַ לעבן אויף זיינע פינגער; ווייל שפּעט אין דער נאַכט נאָגן די ליידיקע ווענט פון דער סטאַנציע אויס דאָס חיות און אַן אומעטיקייט פון דער גאָס אַזאַ מין דינע און מעטאַלענע פונקט ווי עמיצער וואָלט געאָטעמט איבער אַ בלעך, דרימלט אליעזר מיט גרויס רחמנות צו זיך אַליין און די פינגער זיינע טוען שוין פאַר אים די אַרבעט זעלבסטשטענדיקע און פּינקטלעכע.

אליעזרן וואָלט שוין געווען גוט, ווען ניט די אומגעבעטענע געסט, וואָס ציען זיך צו דער ליכטיקער סטאַנציע פון אַלע גאַסן אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מיט באַוואַקסענע פּנימער.

אליעזר האָט מורא פאַר זיי, ווייל מענטשן, וואָס פאַרמאָגן מער ניט, ווי די שמאַטעס אויף זייערע לייבער, זיינען הפקר צו דער גאַנצער וועלט און זיי קענען אים נאָך אָנכאַפּן ביים גאָרגל, דערוואָרגן און צונעמען ס'גאַנצע מינץ, וואָס ער האָט אָפּגעלייזט פאַר דער נאַכט.

אין מענערשן וואַשצימער הייצט זיך אַ גאַנצע נאַכט אַ גרויסער אייזערנער אויוון. צעציען זיי זיך דאָרטן אויף די בענק און כראָפּען. וואָלט אליעזר ניט מורא געהאַט פאַר זיי, וואָלט ער זיי געבראַכט קאַלדרעס און קישנס, ער וואָלט זיי אויסגעבעט ווייכע געלעגערס און זיי געזאָגט: שלאָפט טרעמפּעלעך, שלאָפט אָפּגעריסענע און לאָזן זיך אייך חלומען גוטע חלומות...

צוריק מיט אַ פּאָר יאָר, האָט אים אַן אַלטיטשקער בעטלער גע־

וואַרגן און ס׳האָט געהאַט אַזוי פיל כוח אין די אויסגעדייוועדטע הענטלעך. ס׳האָט געשנייט און ער איז אַריינגעקומען אין סטאַנציע אײנגעאַנצן אַ ווייסער און האָט ניט געהאַט קיין ניקל צו באַצאָלן. איז ער זיך געשטאַנען אין אַ זייט, געקוקט צום פענצטערל און געשמייכלט. דער שניי איז זיך צעגאַנגען, זיינע קליידער זיינען געוואָרן נאַס, אָבער אים האָט דאָס ניט געאַרט און ער האָט נאָך אַלץ געשמייכלט. ווען אליעזר איז אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן קוילן אין אויוון, איז דער אַלטיטשקער אַנגעפאַלן אויף אים פון הינטען אַרומעט און אים גענומען וואַרגן.

פון וואַנעט האָט דער פּאַליסמאַן זיך דערוואוסט, אַז אליעזר איז אין אַ גרויסער צרה און אַז אָט באַלד קומט דער סוף זיינער? — אָבער ער איז דערשיינען אַ ווייסער, אַ הויכער, ווי עוג מלך הבשן, מיט אַ פּולן מאַנטל שניי און ער האָט דאָס געבראָכן די ביינער דעם אַלטיטשקן, אַז אליעזר האָט דאָס אַזש ניט געקאָנט צוזען און ער האָט זיך אָנגעהויבן בעטן ביי אים:

— נו, גענוג שוין, גענוג שוין, וועסט דאָך אים אָט אַזוי נאָך דערהאַרגענען.

שיינע רחל און בתיה די ציג

אליעזר פאַרמאָגט אַן אייגענע כאַטע מיט אַ צעבראָכענעם גאַניק. דער רעגן האָט אויסגעזויגן די פאַרב פון די הילצערנע ווענט, די ווינטן האָבן אָנגעלייגט הויפנס שטויב אויף די שינדלען פון דאָך און די ציג בראָדיעט אַרום אויף די פעלדער און האָט ניט וואָס צו עסן, ווייל אַלע גראָזן זיינען הויכע און ביטערע.

ווען בראָנזוויל האָט זיך ערשט אָנגעהויבן בויען האָט אליעזר אָפּגעקויפט די כאַטע פון אַן אירישמאַן, אָבער אַלע גאַסן זיינען אויסגעלייגט געוואָרן ווייט אַרויף און דאָס הויז איז געבליבן שטיין איינע אַליין צווישן די פּוסטע לאָטס, מיט דער ווייסער ציג און מיטן קוימען, וואָס האָט געלאָזט רויך גאַנץ פרי און פאַרנאַכט.

מען האָט לעצטנס דאָרט אויסגעבויט אַ שיינעם שפּיטאָל פאַר געוויינעריגס מיט אַ רויטער הויכער וואַנט און אַ סך פענצטער. קוקן פון די פענצטער אַרויס ווייסע בעטן און אויף די בעטן ליגן פאַרחלשט די יידישע מאַמעס. די בענקלעך, סעמעליעך, סאָפּיעס און סילוויעס

האָבן ניט קיין צייט און רייסן זיך שוין מיט אומגעדולד אויף דער וויסער וועלט, ווייל זיי קאָנען נאָך פאַרשפּעטיקן שפּילן באַל צו־זאַמען מיט אַלע קינדער אויף די בראָנזווילער גאַסן און שרייען נאָך העכער פון די רעדער פון דער באַן, וואָס לויפט אויפן שוואַרצן שטאָלענעם בריק איבער לבנון גאַס מיט גרויס אימפּעט.

אליעזר שלאָפט בייטאָג און די ווייב זיינע, שיינע רחל, איז אַ טויבע. זיצט זי זיך גאַנצע טעג אויפן גאַניק, שמייכלט און בורטשעט זיך אונטער ווי אַ קאַץ און קוקט אויפן ברייטן ווייסן וועג, וואָס שניידט דורך די פעלדער. באַוואַקסענע מיט בוריאַן און פּוסטע גראָזן. אויפן ברייטן וועג איז אַלע מאָל דאָ עפּעס צו זען. מאַשינען יאָגן און אַ ייד אַ פּעדלער שלעפּט זיך מיט זיין פּעקל. אַ גרינער טראַמוויי מיט אַ הויכן שטאַנג אויפן דאַך פירט בראָנזווילער קיין פלעטבוש און צוריק. פון די דראָטן שפּריצן פונקען פייער און אין די פענצטער קעפּ פון מענטשן.

די ציג, די ממזרת, דערגייט איר אָבער רי יאָרן. זי האָט ליב צו פאַרקריכן דער רוח ווייסט וואו און שיינע רחל דאַרף נעבעך לויפן מיט איר אַלטע פיס און שרייען:

— בתיה, בתיה, וואו ביסטו, אַ שלאַק זאָל דיך טרעפן.

די ציג הייסט בתיה. און קיינער ווייסט ניט ווער ס׳האָט איר אַזוי אַ נאָמען געגעבן.

פאַרנאַכט צינדט זיך אָן גאַנץ בראָנזוויל און שטעכט די פינצטערע פעלדער מיט מיליאָנען קליינינקע ליכטיקע שפּיזעלעך. די פענצטער פון שפּיטאָל זיינען צעעפנט און שוואַרץ. אַז די צייט קומט אָן און דאָס בענעלע אָדער סילוויעלע גיט זיך אַ ריס, הויבט אָן די מאַמע צו שרייען מיט גרויס צער און די ציג, וואָס שטייט און מעלקט זיך, דרייט אויס דעם קאָפּ אַהין פון וואַנען די געשרייען קומען און וואונ־דערט זיך: נאַרישע מענטשן, וואָס שרייען זיי, וואָס?

אליעזר, אַז ער שטייט אויף פון שלאָף, דערלאַנגט אים באַלד זיין ווייב שיינע רחל אַ גלאָז וואַרעמע מילך, נאָר וואָס פון מילך־שעפּעלע. זופּט ער טראָפּנווייז מיט איין אייגל אַ פאַרמאַכטס און האָט הנאה, וואָס אַפילו אין אַמעריקע קען ער אויספירן צו האָבן אַ ציג ביי דער הויז.

שימעלע דער אָפּערייטאָר

שימעלע דער אָפּערייטאָר ביי קינדער־הייזקעס איז דאָס געווען אליעזרס חבר. ביידע זיינען געווען לאַנדסלייט פון איין שטאָט. ער, שימעלע, איז געווען אַ קליין־וואוקסיקער, מיט אַ גרויסן קאַפּעליוש, און אַלע אַרום אים זיינען געווען אַזוינע געזונטע און ברייטע. זיינע צווי בנים, בילי און ווילי, זיינען געווען ווי די ריזן. איינער האָט זיך געלערנט פאַר אַ לויפער און דער צווייטער — פאַר אַ שלעגער. די טאָכטער זיינע, איווא, מיט ליכטיקע האָר און גרויסע, בלויע אויגן, איז געווען אַ הויכע און אַ שטאַלטנע. די יידענע זיינע, רבקה, אויך אַ שווערע און אַ ברייטע. נאָר ער, שימעלע, איז געווען קליין און מאָגער.

און וואָס האָט מען דאָרט אין הויז געהאַט צו אים? אַז די שכירות פון דער וואָך האָט ער ביז אַ פּעני אָוועקגעגעבן דער וויב זיינער, רבקהן. אַ שווייגנדיקער איז ער אויך געווען און געזעסן איז ער גאָר תמיד נאָך וועטשערע אין פינצטערן שלאָף־צימער פאַרן פענצטער, און געדרעמלט.

געדאַנקען האָט ער געהאַט אַ סך, און אַפילו ווען ער האָט אָנגע־הויבן דרימלען אַזוי זיצנדיק, האָבן זיי אויך ניט אויפגעהערט קומען און זיך אָנהויבן וויגן צוזאַמען מיט דעם הויז אַנטקעגן, מיט אַלע דעכער און ער, שימעלע, אין מיטן, ווי אין אַ גרויס בעט.

אַז רבקה האָט זיך באַדאַרפט מיט אים קריגן, פלעגט זי שוין אים אָפּזוכן אין פינצטערן שלאָף־צימער, וואו ער איז געזעסן פאַרן פענצ־טער. די צווי בנים, אַז זיי זיינען געווען אין הויז, האָבן אויך אונטער־געהאָלפן דער מאַמען. די טאָכטער איווא אָבער האָט ניט געקענט פאַרליידן און מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם פלעגט זי שטיין אין אַ ווינקעלע און איר פּנים האָט געפלאַמט פאַר חרפּה און בושה. דער טאַטע אַליין פלעגט בלייבן זיצן אויף זיין פּלאַץ מיט פאַרמאַכטע אויגן, געשוויגן און זיך צוגעהערט מיט גרויס חידוש צו יעדער קללה, וואָס איז געפאַלן אויף זיין קאָפּ.

שימעלע איז זעלטן אַרויס פון די כלים, אָבער אַז דאָס וויב זיינס האָט אים שוין גוט דערליגעט די ביינער, פלעגט ער זיך אויפהויבן מיט אַמאָל אַזוי טראַציק, פאַרשפּיליען דאָס מאַנטעלע אויף אַלע קנעפּ און אָוועק מיט אַזאַ מינע, באַגלייך ווי ער האָט דאָס מאָל אויף אַן

אמתן באַשלאָסן, אַז שוין, אויס. מערער טרעט שוין זיין פוס ניט אַריין אין הויז.

און וואוהין איז ער אַוועק? צום לאַנדסמאַן און חבר זיינעם, צו אליעזרן, אויף דער סטאַנציע, מיט אַ פּאָר בלאַק ווייטער.

די חברים האָבן שוין ווינציק וואָס געהאַט וואָס צו ריידן צווישן זיך. איז שימעלע געזעסן אַן איינגעהויקערטער אין ענגן בודקעלע און אליעזרס פינגער האָבן געביטן ניקלס שנעל און פלינק.

אַז דער אָוונט הויבט זיך אָן אין בראָנזוויל, לויפן די בחורים און מיידלעך קיין ניו יאָרק. אַ טייל אין די קאַלעדזשעס, וואו מען לערנט ביינאַכט, אַ טייל אין די מואוויס, טעאַטערן און טאַנץ־זאַלן. באַנען יאָגן זיך דעמאָלט זייער אָפּט. לויפן זיי אַזוינע שווערע איבער שימעלעס און אליעזרס קעפּ און ס'איז אַ חידוש, וואָס די סטעליע פאַלט ניט איין און דאָס בודקעלע קערט זיך ניט איבער.

אַז דער אָוונט הויבט זיך אָן אין בראָנזוויל, קומט אויך אָן אויף דער סטאַנציע דער שטענדיק־געקריוודעטער מאַן מיט זיין יונג ווייבל, וואָס האָט זיך פאַרלייגט צו זיין אַן אַקטריסע און דערפאַר פאָרט זי אַלע אויפדערנאַכט קיין ניו יאָרק אין דער סטודיאָ, וואו מען לערנט זי צו זיין אַן אַקטריסע.

דער מאַן וויל עס קיינמאָל ניט ליידן, און דערפאַר גייט ער איר נאָך אַזש פון הויז, טענהט צו איר, בעט זיך ביי איר רחמים. זי איז אַ נערוועזע, די דינע פּרוי זיינע, און אַ כעסניצע אַ גרויסע. ער איז אַ וואָגיקער, מיט גרויסע לאַפּעס. ער איז זייער פאַרזיכטיק בשעת ער טענהט צו איר. און קומען קומט אים שטענדיק אויס ריידן צו אירע פּלייצעס, ווייל זי איז גיך אויף די פיס און לויפט פאָראויס. ער איז אַ שווערלעכער, קען ער זי קוים כאַפּן.

אַזוי אַלע נעכט. און קיינמאָל האָט ער זי טאַקע ניט אָפּגערעדט. זי וואָרפט אַריין אַ ניקל מיט אַזאַ כעס און גיט אַ לויף איבער די טרעפּ אַזוי שנעל, אַז ער האָט אַפילו קיין צייט ניט פאַרענדיקן זיינע רייד. בלייבט ער אינמיטן דערינען מיט צעגומענע הענט און עס איז אויף אים אַ גרויס רחמנות.

אַז דער אָוונט הויבט זיך אָן אין בראָנזוויל, ווערט די סטאַנציע אויך אַ פונקט פון טרעפעניש פאַר די יונגע פאָרלעך, וואָס „גייען אויס". אַז די אַנדערע העלפט האָט זיך פאַרשפּעטיקט און קומט ניט אַזוי גיך, שטייט מען און מען וואַרט און די אויגן פאַרשן און זוכן.

פונקט ווי די אַמאַליקע שטאָט־פּאַנאַרן, וואָס וואַרטן פּאַרלאָשענע אויפן לאָמפּן־צינדער, אַז ער זאָל שוין קומען מיט זיין ברענענדיקן שטורקאַטש, אַזוי וואַרטן זיי אויף זייערע געליבטע. און אַז ער קומט, צינדן זיך אָן די לאָמפּן אין די אויגן און עס גייט אויף אַ פרײדיקע ליכט. געאַרעמט לאָזט מען זיך גליקלעכע צו דער פּלאַטפאָרמע, וואו באַנען יאָגן פון בראַנזוויל קיין ניו יאָרק און נאָך ווייטער.

באַנען יאָגן זיך פון בראַנזוויל קיין ניו יאָרק און שימעלעס הענט און פיס זיינען געפּענטעט. וואוהין וועט ער גיין, אַז ער האָט קיינעם ניט אויף דער וועלט?... זיצט ער איינגעהויקערט און די אויגן קלעפּן זיך ביי אים. אליעזר דרימלט שוין אויך און זיינע בלייכע פינגער בייטן ניקלס און מאַכן קיינמאָל ניט קיין טעות.

אַז ס׳ווערט שפּעט אין דער נאַכט, קומט נאָך אַמאָל אויף דער סטאַנציע דער געקריוודעטער מאַן, שפּאַרט זיך אָן אין דער וואַנט מיט גרויס געדולד. אַז אַ באַן קומט אָן מיט אַ גערודעריי, כאַפּן זיך אַלע דריי אויף. אַ גרויסער עולם לויפט פון דער פּלאַטפאָרמע. דאָס פירן אָפּ די באַנען פון ניו יאָרק צוריק אַהיים די בראַנזווילער מענטשן פון די קאַלעדזשעס, פון די טעאַטערס, מאָוויס און טאַנץ־פּלעצער.

דער באַעולהטער מאַן האָט געדולד. אַלע באַנען וואַרט ער איבער, און אַז זי קומט, פאַרגעסט ער אַלע עוולות און ער גיט זיך אַ לאָז אַנטקעגן איר אַזאַ אויפגעלעבטער. אַ שאַל האָט ער איר אויך גע־בראַכט זי זאָל זיך פאַרוויקלען, ווייל די לופט איז געוואָרן קיל. זי איז בלייך, אויסגעמאַטערט און באַליידיקט, דאָס יונגע ווייבל זיינס. אָבער ער האָט שוין אַלצדינג צוגעגרייט אין הויז. צעוואַשן דאָס געשיר, דאָס בעט געמאַכט, וועט ער זי ברענגען אַ היים מיט גרויס ליבשאַפט, פּויען זי מיט הייסע טיי, איר העלפן זיך אויסטאָן, זיך לייגן מיט איר אין בעט און פאַרגעסן אויף אַ ווייל, אַז ער וויל ניט ליידן, וואָס זי לויפט אַלע אָוונט קיין ניו יאָרק אין דער סטודיאָ און ווער ווייסט מיט וועמען זי טרעפט זיך דאָרטן.

שימעלע בלייבט ניט נעכטיקן אויף דער סטאַנציע. זיין טאַכטער איוואַ קומט אים אָפּנעמען. צום אַלעם ערשטן מאַכט ער זיך, אַז ער וויל טאַקע ניט אומקערן זיך אַהיים, אָבער ער קערט זיך אום, טוט זיך אויס אין דער פינצטער און לייגט זיך אַ שטילינקער לעבן זיין ווייב רבקהן, וואָס שנאַרכעט זייער ערנסט אַ פּאַרטיפּטע אין אַ געשמאַקן שלאָף.

שימעלעס שאַפּ

דריי זיינען זיי דאָרטן געווען, וואָס האָבן צוואַנציק יאָר געאַרבעט צוזאַמען און זיך קיינמאָל ניט באַמערקט.

דעם באַלעבאָס וואָלט אויסגעקומען מאָדנע צו טראַכטן: זע נאָר, איך באַמערק גאָר קיינמאָל ניט שימעלען דעם אָפּערייטאָר, אַקוראַט, ווי ער וואָלט יאָ געווען און ניט געווען. דאָס זעלבע וואָלט אויסגע־קומען מאָדנע צו טראַכטן שימעלען וועגן משה אַהרון דעם פּרעסער און משה אַהרונען וועגן שימעלען.

אפשר דערפאַר, ווייל דער שאַפּ איז געווען אַ פינצטערער און ער האָט קיינמאָל קיין טאָג ניט אָנגעזען. שטענדיק אַן איינגעהילטער אין שאָטנס. איז אויך אויסגעקומען מאָדנע, וואָס אין דרויסן איז העלער טאָג און אין שאַפּ ברענען לאָמפּן, ווי ביינאַכט. משה אהרון פּרעסט. שימעלע לעבן דער מאַשין ציט קינדער־הייזקעס פון אונטער דער נאָדל און דער באַלעבאָס גייט אום אַ שווייגנדיקער און גיט אַכטונג אויף די פאָר מיידלעך ביי די איבעריקע מאַשינען.

אין דעם שאַפּ האָט מען קיינמאָל ניט געזונגען, ווי ס׳פירט זיך אין אַנדערע שעפּער. משה אהרון אין די ערשטע יאָרן האָט יאָ געפּרואווט זינגען, אָבער ער פלעגט עפּעס אינמיטן דערינען פאַרשעמט ווערן און אָפּהאַקן. אַ חוץ דעם, פון זינט ער האָט אָנגעהויבן האָבן צו טאָן מיטן מאָגן, שוין העכער פופצן יאָר, איז ער אינגאַנצן געוואָרן אַן אומעטיקער. ער איז אומעטיק געוואָרן דערפאַר, וואָס ער טאָר צוליב זיין קראַנקן מאָגן גאָרניט עסן אַ חוץ קאַשקעלעך אין פּוטער, פון האָ־בערגריץ. אַזוי האָט אים אַ גרויסער דאָקטאָר איינמאָל פאַרזאָגט. זיינע קאַשקעלעך פלעגט ער זיך מיטנעמען פון דערהיים אין אַ טע־פּעלע און זיי אָנוואַרעמען אויפן גאַז־איוועלע מיטאָג־צייט. דערנאָכ־דעם פלעגט ער זיך אַנידערזעצן אויפן ביגל־טיש און מיט אַ לעפל גלייך פון טעפּל אַרויסשקראָבען פון דאָרט די קאַשע.

די מיידלעך פלעגן זיך בייטן אַלע וואָך. קיין איינע פון זיי האָט ניט קיין חשק געהאַט צו פאַרבלייבן אין אַזאַ שאַפּ. משה אַהרון און שימעלע אָבער זיינען קיינמאָל ניט אַוועק. די לעצטע פינף יאָר איז אויך פאַרבליבן גאָסי די פינישערין. די ערשטע צייט האָט זי אויך געוואָלט אַנטלויפן און גערעכנט: לאָז זי נאָר געפינען אַן אַנדער פּלאַץ און זי וועט דעם פינצטערן לאָך שוין פאַרלאָזן. ס׳האָט זיך אָבער אַזוי

געמאַכט, אַז זי האָט ניט געקענט געפינען קיין אַנדער פּלאַץ און איז שוין פאַרבליבן מיט משה אַהרונען און שימעלען.
דער באַלעבאָס איז געווען דער בלאַנדזשענדיקער שאָטן פון שאָף. אַלע דאָרטן זיינען כאָטש געווען פאַרטיפט אין דער אַרבעט. ער האָט אָבער גאָרניט געהאַט וואָס צו טאָן. פלעגט ער זיך אַרומדרייען אַן אומעטיקער און ניט געוואוסט, וואָס וועט זיין דער סוף.
וואָלט ער כאָטש אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן זיך דורכשפּאַצירן, איז אים קיינמאָל גאָרניט איינגעפאַלן אַזאַ זאַך. אַקוראַט ווי עמיצער וואָלט אים פאַרשאָלטן און ער מוז דוקא אַרומבלאָנדזשען אין זיין שאָפּ אַ פאַראומערטער.

ווילי און בילי

ווילי איז אַלט געווען זעכצן יאָר און בילי אַכצן. ווילי האָט זיך געלערנט פאַר אַ לויפער און בילי פאַר אַ שלעגער און דערפאַר טאַקע זיינען זיי ניט געגאַנגען אַרבעטן. ווייל, ווי זיי האָבן דערקלערט דער מאַמען גאַנץ ערנסט ניט איינמאָל, צו וואָס דאַרפן זיי פינצטערן ערגעץ אין אַ שאָפּ פאַר אַכצן דאָלער אַ וואָך; זיי וועלן זיך איצטער אין זייערע יונגע יאָרן זיך בעסער לערנען אַ לייטישערע מלאכה.
איז ווילי אַלע טאָג געלאָפן. געלאָפן אָן אויפהער. אַפילו אין הויז אויך געלאָפן. פון קיך אין אַלקער און פון אַלקער אין קיך, מיט גרויס ערנסטקייט און פונקט דענסטמאָל, ווען שימעלע איז זיך געזעסן פאַרן טיש מיט פאַרמאַכטע אויגן. (זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן פאַרן טיש איז געווען שימעלעס באַליבטע טבע, ווי ער האָט אַמאָל דער־קלערט, אַז כדי דער טומל פון שאָפּ זאָל אים אַרויס פון די אויערן).
בילי האָט זיך געשלאָגן. געגעבן בוכטשעס די ייִנגלעך אין גאַס, געגעבן בוכטשעס דער טיר, און יענע האָט שוין געוואוסט זיין טבע און זיך אַליין געעפנט; געשלאָגן זיך מיטן טיש און מיטן קישן און איינמאָל, פאַרגעסנדיק זיך, האָט ער אויך דעם טאַטן זיינעם, וואָס איז צופעליק אָנגעקומען אַנטקעגן, אויך אַ בוכטשע געטאָן. פון דעם קלאַפּ איז שימעלע געפאַלן חלשות און ווען ער האָט זיך אויפגע־כאַפּט, איז שוין געלעגן אַ קאַלטער קאָמפּרעס אויף זיין בויך און בילי איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און האָט געראַיעט. ער האָט שוין געמיינט, אַז שוין, אויס טאַטע! שימעלע האָט ניט געהאַט קיין כח צו

זיך אין כעס אויף זיין זון. ער האָט נאָר געקוקט אויף אים מיט אַ וואונדער און זיך געחידושט: ווי קומט דאָס, וואָס ביי אים האָט גע־קענט אויסוואַקסן אַזאַ בורמילאַ!...

מ׳נעמט אויף געסט אין בראָנזוויל

זונטיק איז נתן געגאַנגען מיט דער שוועסטער צוגאַסט צו איר חברטע פּעסי. מען האָט דערלאַנגט עפּל, ניס, באַנאַנאַס און טיי מיט קיכלעך. ליאָ, דער מאַן אירער, דער סטאָליער, האָט אָנגעטאָן ס׳רעקל און זיך געזעצט אויבן־אָן און צעלייגט זיינע געזונטע ידים איבערן גאַנצן טיש. ער האָט זיך געחכמהט, דער באַלעבאָס. צווישן חברים, אין גאַס, אָדער אין שאַפּ, האָט ער זיך מורא צו חכמהנען, כדי מען זאָל אים ניט אויסלאַכן. שווייגט ער תמיד, הערט זיך צו צו קלוגע מענטשן און שמייכלט. אין דער היים אָבער איז ער זייער אַ וויכ־טיקער און שטאַרקער. אָן אים וואָלט דאָס ווייב מיטן מיידעלע גאָר ניט געקענט אויסקומען. אַלצדינג דאָ אין שטוב איז זיינס: די וויקטראָלאַ מיט די רעקאָרדס, בעטן, ס׳גאַנצע מעבל, אַפילו די באַ־נאַנאַס מיט די ניס. דערפאַר האָט ער ניט מורא זיך צו חכמהנען. דאָס ווייב מוז לאַכן און אויך די געסט. אַז ניט קאָן ער צונעמען דעם כיבוד און אים פאַרשליסן אין שאַפע. ער קען אַפילו, אַז ער וויל, אַרויסטרייבן דאָס ווייב מיט די געסט צוזאַמען. דאָס קינד, פאַר־שטייט זיך, וועט ער ניט אַרויסטרייבן, ווייל ס׳איז אויך זיינס און ווייל ער האָט דאָס ליב און ס׳איז געראָטן אין אים. דאָס קינד זיצט איצט אויף זיינע קני, רוימט פון טיש די ניסלעך און דערלאַנגט זיי דעם טאַטן, ער זאָל זיי פאַר איר צעקנאַקן.

די וויקטראָלאַ האָט געשפּילט „אלי, אלי״ און זיי זיינען אַלע געזעסן אין אַ צימער, וואו ס׳שטייט אַ נאַקעטער פאַליטורטער טיש מיט אַ גרויסן גלאָז איבערגעדעקט, כדי מען זאָל דאָס געפאַרבטע האָלץ ניט פאַרפלעקן. די שטולן זיינען אין טשעכאָלן איינגעוויקלט. אומ־באַקוועמע, מיט גלייכע אויסגעצויגענע ווענטלעך. אויף די ווענט איז אויסגעמאָלט פיש און אַ טייך מיט גראָזן און ווייסע שטיבעלעך מיט גרינע גאַניקעס, סאַמע אונטער דער סטעליע זיינען אַריינגעזעצט דריי לעמפּעלעך — אַ געלס, אַ רויטס און אַ גרינס. האָט דער באַ־לעבאָס אָנגעצונדן אַלע דריי לעמפּעלעך און זיך צעשמייכלט פון זיין

אייגענעם איינפֿאַל. ער, ליאָ, איז געווען אַ „מייַנסטער" וויקטראָלאַ־שפּילער און דערפֿאַר האָט ער קיינעם ניט צוגעלאָזט צו איר. איז ער געשטאַנען לעבן דער וויקטראָלאַ מיט איין אויג אַ פֿאַרמאַכטס, אונטערגעקנאַקט מיטן פֿינגער און געהאַט גרויס הנאה פֿון דעם האַרצרייסנדיקן „אלי, אלי". און אַז דאָס געזאַנג האָט זיך אויסגע־לאָזט, האָט ער אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון שטערן און אַ מאַך געטאָן צו נתנען ווי אַ גרויסער מומחה:

— ס'איז יאָסעלע ראָזענבלאַט. וואָס זאָגסטו נאָר אויף דער שטי־מעלע גנבֿ? ער מאַכט אפֿשר הונדערט טויזנט דאָלער אַ יאָר פֿאַר זיינע סאָנגס.

שפּעטער־צו זיינען אָנגעקומען נאָך געסט. פֿריינט און באַקאַנטע יונגעלייטלעך מיט זייערע ווייבלעך. מען האָט זיך אַלע אויסגעזעצט ביים טיש, אַרויסגענומען אַ ניי פּעשל קאָרטן און געזעצט זיך רייבן אַ „גיים" איינע נאָך דער אַנדערער. נתן מיט דער שוועסטער האָבן שוין ניט געהאַט דאָרט וואָס צו טאָן, האָבן זיי זיך געזעגנט און אַרויס אויף דער גאַס.

ס'איז שוין געווען פֿאַרנאַכט און אַלע פֿענצטער זיינען געשטאַנען אָפֿענע צו דער גאַס. אומעטום האָבן געשפּילט וויקטראָלאַס און אומע־טום האָט מען געקאָנט הערן, ווי לודוויג זאַץ פּעשטשעט זיך אויפֿן רעקאָרד: „איך וויל ניט גיין אין חדר". אָדער מאַלי פּיקאָן חנדלט זיך פֿון דער וויקטראָלאַ אַרויס: „ס'פֿעלט איר די ראָזשינקע, ס'פֿעלט איר די ראָזשינקע", אָדער אַ טרויעריקער ימים־נוראָימדיק קול פֿון יאָסעלע ראָזענבלאַט, וואָס וויינט און קלאָגט אַזוי זיס, אין זיין „ומפּני חטאינו".

ביים רייכן לאַנדסמאַן

דער רייכער לאַנדסמאַן, וואָס האָט אַ גרויסן שאָפּ אויף בראָדוויי און אין יאָנקערס, איז זיך געזעסן אין באַלויכטענעם גאַניק, אָנגע־שפּאַרט אויף זיידענע קישעלעך און זיך געהוידעט אין אַ שטול. פֿריידע מיטן ברודער זיינען געבליבן שטיין ביי דער טיר, ווי צוויי אָרעמע קרובים און געוואַרט, אַז ער זאָל זיי איינלאַדן אינווייניק און זיך זיי הייסן זעצן.

אויף איסטערן פּאַרקוויי ציט זיך אַ בולוואַר אינמיטן דער ברייטער

גאָס. הויכע געדיכטעביימער פון ביידע זייטן פלעכטן זיך מיט די צווייגן און פאַרשטעלן דעם הימל. ווען דער טאָג איז זוניק זיצן דאָרטן אויף די גרינע בענק די גאָווערנאַנטקעס מיט אויסגעפוצטע קינדערלעך. די שיינע הייזער, ווי די פּאַלאַצן, האָבן אַ סך פענצטער און איבער די פענצטער הענגען געשטרייפטע קאָלירטע חופּות. די גאַניקעס זיינען ווייסע און גלאַנצן אַנטקעגן דער וועלט מיט גרויס גאווה. אין דער גאַס וואוינען בלויז די רייכע און דערפאַר איז דאָרטן אַזוי ברייט און ליכטיק און דערפאַר וואוינט אויך דאָרטן דער לאַנדס־מאַן זייערער, וואָס האָט אַ גרויסן שאַפּ אויף בראָדוויי און אין יאַנקערס.

סאָלאָמאָן הייסט ער. ער איז אויך אַמאָל אָנגעקומען קיין בראַנזוויל אַן אָרעמער און אַן איבערגעשראָקענער פון דער גרויסער פרעמדער וועלט און דערפאַר האָט ער זיך געטוליעט צו זיינע קרובים מיט אַזוי פיל שטומער הכנעה. אַ פּאָר טעג נאָך זיין אָנקומען, האָבן די אייגענע געוואָלט ער זאָל זיך אויסרוען, איידער מען וועט אים געפינען אַר־בעט, האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער אַלע צימערן און קיין שום אבר האָט ניט געקאָנט רוען. פאַרטאָג האָבן די זייגערס געשריען אי־בערן גאַנצן הויז און די גאַנצע שטאָט איז געוואָרן אַזוי אומרואיק און אין די טונקעלע גאַסן האָבן זיך געלאָזט לויפן אַזוי פיל מענטשן. זיינע אייגענע זיינען אויך אַוועקגעלאָפן, זיינען געבליבן זייערע בעטן ניט פאַרבעט און אים האָט מען איבערגעלאָזט אַליין מיט די שפּיגלען אויף אַלע ווענט און אַלע שפּיגלען האָבן געצייגט, ווי ס׳דרייט זיך אַרום אַ בחור מיט איבערגעשראָקענע אויגן און ווייסט ניט וואָס צו טאָן...

דערפאַר, אַז מען האָט פאַר אים שוין געפונען אַרבעט, איז ער אויך געלאָפן אַלע פאַרטאָג איבער די גאַסן צום באַן. געלאָפן און געפרייט זיך, וואָס אַלע מענטשן מיט אים האָבן איין ציל. ער האָט זיך אויך געפרייט, וואָס אין שאַפּ האָט זיין מאַשין געשטעפּט און דאָס בענקל איז געווען זיין פּלאַץ, זיין שטיקל באָדן פאַר דעם גאַנצן טאָג.

נתן איז איצט געקומען צו אים זוכן אַ דזשאָב אין זיין שאַפּ — און ער איז שוין אַזוי רייך: דאָס הויז זיינס און די רייכע מאַשין, וואָס וואַרט אויף דער גאַס איז אויך זיינע. די טאָכטער איז אַ קראַסאַוויצע און זעט אויס ווי אַן עכטע אַמעריקאַנערין. קען ניט קיין וואָרט יידיש און רעדט אַזוי קונציק די אַמעריקאַנישע שפּראַך, שפּילט טעניס, טרייבט אַ מאַשין, און דאָס רייכע הויז מיט דעם לוקסוסדיקן מעבל

איז ווי צוגעפּאַסט פאַר איר. ער איז מיט זיין ווייב געגאַנגען ווי פאַר־בלאָנדזשעט, פאַרבלאָנדזשעט אין דער ברייטער גאַס מיטן קילן שטילן בולוואַר, ווייל רעכט ענגליש ריידן קענען זיי נאָך ניט. אויף די פּנימער ליגט נאָך אויסגעגאָסן דאָס פּוילישע שטעטל מיט אַלע פּישטשעווקעס. ס׳האָט ניט געהאָלפן, וואָס דאָס ווייב זיינס האָט זיך אונטערגעשוירן די האָר, טראָגט קורצע קליידלעך און פאַרבט זיך די ליפּן. עס האָט אויך ניט געהאָלפן, וואָס ער טראָגט נאָר זיידענע העמדער מיט דימענטן אויף דעם שניפּס און גאָלט זיך אַלע טאָג די מאָרדע. ס׳אַרט אים אָבער ניט, ווייל די גאַנצע האָפענונג איז די טאָכטער זיינע און ער וועט איר דערפאַר אַוועקגעבן אַלע זיינע רייכ־קייטן. זי האָט געוואָלט אַ מאַשין, האָט ער איר געקויפט; זי האָט געוואָלט אין קאָלעדזש, האָט ער זי געשיקט. ווייסט זי אַלצדינג און זי איז קלוג ווי די וועלט; אפשר נאָך קליגער פון טאַטע און מאַמע.

סאָלאָמאָן וועט הייסן דערלאַנגען כיבוד צו זיינע אָרעמע לאַנדס־לייט. די שוואַרצע דינסט איז העפלעך פּונקט ווי צו אַנדערע געסט. אָבער אירע אויגן שפּאָטן. מילא, לאָז זי שפּאָטן. בתן וויל אַ דזשאָב, אוודאי וועט ער אים געבן. אַ פּראָפעסאָר זיין וויל ער? אַ פּרעסער מאַכט זעכציק דאָלער אַ וואָך און אַמאָל מערער. אָבער זאָל ער ניט פאַר־געסן, אַז מען טוט אים אַ טובה און זיך ניט פאַרמישן מיט דער יוניאָן, ווייל די יוניאָן איז אַ באַנדע רויבער. לאָז ער אַרויפקומען צו אים אין אַ פּאָר טעג וועט ער אים, נתנען, שוין לאָזן וויסן.

די טאָכטער זיינע הייסט עמאַ און זי איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל אַ הויכע און שטאָלצע פאַר די אָרעמע געסט. זי האָט שוואַרצע האָר און איר קליידל איז אַ ווייס און אַ קורצס. שיינען פון דאָרטן אַרויס אירע פּיס אַזוינע שטייפע און חנעוודיקע. בתן האָט זיך אויפ־געהויבן, און ער איז אויך אַ הויכער און אַ שטאָלצער. ער איז טאַקע אַ גרינער, אָבער ער פאַלט ניט אַראָפּ ביי זיך. קוקט ער גלייך אין די אויגן אַריין פון דער רייכער אַמעריקאַנער מיידל און מיינט צו זאָגן: נאַרעלע, ביזט טאַקע שיין און דיין טאַטע איז אפשר אַ מיליאָ־נער. מיינסטו שוין אוודאי, אַז דו דאַרפסט זיך פילן געהויבענער פון מיר. נאַרעלע, ווען איך האָב נאָר די געלעגנהייט צו זיין מיט דיר אליין און איך ווייס אַזאַ סוד, וואָס אַלע מענטשן ווערן דענסטמאָל גלייך. וואָלסטו געפאַלן אין מיינע הענט, ווי אַ הילפלאָזע טויב און דיין רייכקייט וואָלט שוין גאָרניט די ווערט געהאָט.

זי האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. דעם טאַטן האָט זי אַ קוש געטאָן אין דער באַק אַריין און געזאָגט: „סאַ לאָנג אָלד מען". דער „אָלד מען" האָט זיך צעשמאָלצן פון נחת און נאָכגעשריען: „גיי געזונטערהייט, טאָכטערשע, אָבער זיי ניט ווילד".

די מאַשין פאַרן הויז האָט אָנגעהויבן ציטערן. ס'האָט זיך אַ קאָך געטאָן, אַ דריי געטאָן אינווייניק און דער גאַנצער מעטאַלענער קער־פּער האָט געגעבן זיך אַ ריס פאָראויס גראַציעז און שלאַנק אין דער מיט פון דער ברייטער גאַס.

נתן קאָן ניט שלאָפן

שוין די דריטע נאַכט אין אַמעריקע, און נתן קאָן נאָך אַלץ ניט שלאָפן. דער פאַרטאָג האָט אַריינגעשפּאַנט אין צימער אַ בלאַסער, אַ צעטראָגענער. די שוועסטער פריידע ליגט אויף אַ זייט און ווייסט גאָר ניט, אַז די קאָלדרע איז אַראָפּגעפאַלן פון בעט נאָך אין מיטן דער נאַכט. די ברעמען אירע זיינען געדיכטע, שוואַרצע, און דאָרטן האָט זי פאַרבאַהאַלטן אירע אַלע מחשבות.

„שלאָף, פריידע, שלאָף, ווייל אהרון דער משורר האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט. ער האָט שוין צוויי קינדער, אַ ייִנגעלע מיט אַ מיידעלע. זיין ווייב הייסט ברכה און קינדלט שוין מיטן דריטן. שלאָף, שוועס־טער, און אַז איך וועל געפינען די גרויסע פרייד אין אַמעריקע, וועל איך זי דיר איינגאַנצן אַוועקגעבן און פאַר זיך גאָרניט לאָזן, ווייל ווי איז צו דער בתולה, וואָס איר לייב איז פאַרוויאַנעט געוואָרן און זי דאַרף טראָגן גאָלדענע ברילן".

דער וועק־זייגער האָט זיך צעשריען און אָן אומרו האָט זיך צע־וואַקסן. די בעטן זיינען געוואָרן האַרט און מען האָט שוין ניט גע־קענט איינליגן. איבער אַלע צימערן האָבן טירן אָנגעהויבן צו סקריי־פּען און באָרוועסע פיס זיינען אומגעלאָפן איבער די פּאָדלאָגעס.

— אוי! — האָט פריידע אַ געשריי געטאָן, ווען דער זייגער האָט זיך צעשריען. זי איז גלייך געווען אויף די פיס און געצויגן אויף זיך אירע קליידלעך.

— שלאָף, נתן, שלאָף, רו זיך איצט אויס אין אַמעריקע. אָבער נתן קאָן ניט רוען, ווייל אויף אים איז אויך געפאַלן די קללה. גאַנץ בראַנזוויל איז איצט אויף די פיס, קאָן ער דען איינליגן?

אין קיך ביים אויוון שטייט שוין די באַלעבאָסטע אין נאַכט־העמד און קאָכט אייער און קאַווע מיט מילך. די קאַווע איז הייס און בריט. דער בייגל מיט פּוטער איז האַרט און וואַרגט אין האַלדז.

— וואוהין גייסטו, נתן? — מאַכט די שוועסטער, — און זי איז שוין אויף יענער זייט טיר.

אָבער נתן קאָן ניט פאַרבלייבן. ער איז אויך אַרויס פון הויז און לויפט איר נאָך. ער מיט דער שוועסטער זיינען אַריינגעפאַלן אין דעם עולם, וואָס האָט זיך געצויגן מיט אַ רעש פון אַלע עקן און ווינקעלעך צו דער שוואַרצער בריק, וואָס הענגט אין דער לופטן איבער אַלע דעכער. די פּלאַטפאָרמע שיינט מיט קילע, אויסגעמאָ־טערטע לעמפּלעך. איבער די טרעפּ אַרויף־צו לויפן פיס אָן אָן אָטעם. באַנען געפּאַקטע טראָגן זיך, און די פענצטער זיינען שוואַרץ פון קעפּ און פנימער. בראָנזוויל גייט צו דער אַרבעט, קיינער קאָן ניט איינרוען אין אַזאַ שעה און נתן ווייסט ניט וואָס צו טאָן.

די שוועסטער איז אַרויף די טרעפּ און נאָך איר זיינען הונדער־טער און טויזנטער באַלד אַרויף און זי איז פאַרטראָגן געוואָרן אין די אָפענע טירן פון דער באַן. מער זעט ער זי שוין ניט.

נתן האָט זיך אומגעקערט אַהיים. אין דרויסן איז שוין געווען ליכ־טיק, אָבער אין צימער איז נאָך געווען טונקל. אויף די צעקנייטשטע בעטן און אויף די ווענט זיינען אומגעלאָפן אומרואיקע שאָטנס. האָט זיך נתן אַנידערגעזעצט אויף דער ערד, דעם קאָפּ אַריינגע־נומען אין די הענט, פאַרמאַכט די אויגן און אַזוי איינגעשלאָפן.

אַ טאַנץ אין סאַבוויי

אין בראָנזוויל קאָן מען זען, ווי די זון גייט אויף ערשט ווען מען שטייט אויף דער פּלאַטפאָרמע פון דער שטאָלענער שוואַרצער בריק. אַ גרויסער אַמעריקאַנער הימל מאָנט עפּעס ביי נתנען מיט גרויס ווייטיק. וואָס איז נתן שולדיק?

פון אַלע גאַסן איילן אַהער בלאַסע מיידלעך מיט אויסגעצויגענע ווייסע העלדזער און פון אַלע טירן לויפן בחורים מיט שטיקער נאַכט אויף זייערע אָנגעבויגענע פּלייצעס. דאָס גרויסע שטיק פייער אין מזרח נאָגט און בעט און מיט וואָס קאָן ער זיך פאַרענטפערן, אַז ער האָט גאָרניט אַ חוץ די קליידער אויף זיין קערפּער. סיידן ער זאָל זיך

אויסטאָן נאַקעט און אָוועקגעבן אַלצדינג, וועט אים שוין גאָרניט ווי טאָן און ער וועט שוין קיינעם גאָרניט בלייבן שולדיק.

אַ באַן דאַרף אָנקומען. ציטערן די ברעטער אויף דער פּלאַטפאָרמע און טויזנטער אויגן זיינען אָנגעשטרענגט. אַ באַן לויפט אָן. איין אויג אַ רויטס, דאָס צווייטע אַ גריבס און די שוועסטער פריידע האַלט נתנען ביים אַרבל און מאַכט דערשראָקן:

— פּאַוואָליע, נתן, פּאַוואָליע, מען זאָל ניט איבערפאָרן.

דאָס פירט זי איר ברודער אין שאַפּ אַריין צו זיין ערשטן טאָג אַרבעט אין אַמעריקע.

פון אַלע בעטן און פון אַלע געלעגערס איז מען אויפגעשטאַנען מיט שטיקער שלאָף אין די אויגן. די, וואָס זיצן אויף די בענק, האַלטן צוגעמאַכט די אויגן, שאָקלען זיך און ווילן גאָרניט קוקן אויפן פריי־מאָרגן־טאַנץ אין דעם ווייסן וואַגאָן מיט די שוואַרצע פענצטער.

די, וואָס שטייען אָנגעפּאַקט איינער איבערן אַנדערן, ווייל זיי האָבן שוין קיין פּלאַץ ניט, מוזן טאַנצן. די שווערע רעדער זיינען די קלעז־מער און זיי קלאַפּן אויס דעם ניגון צום טאַנץ: טראַ־טאַ־טאַ־טאַ. בלאַסע מיידלעך מיט שטיקער שלאָף אין די אויגן קאָנען זיך ניט האַלטן אויף די פיס, שטרעקן זיי אויס די הענט און ווילן פאַלן די בחורים אויף די העלדזער. די בחורים בויגן זיך, לאָזן זיך ניט, הויבן די הענט צו דער סטעליע און ווילן זיך אין ערגעץ אָנכאַפּן. בלייבן פאַרחלשט די מיידלעך, פאַרמאַכן די אויגן און לאָזן אָפּ די הענט הילפלאָזע און שטומע. גיט דער וואַגאָן אַ שפּרונג אונטער, אַ טרייסל, און אַלע הויבן די הענט, כדי זיך ערגעץ אָנכאַפּן און אַז זיי האָבן ניט וואו, בויגן זיי זיך צו דער ערד, פאַלן אַלע אינאיינעם איינער אויפן צווייטן.

נתן האָט אויך געטאַנצט אין וואַגאָן. זיין פּאָרל איז געווען אַן איטאַ־ליענער מיידל מיט גרויסע שוואַרצע אויגן. האָט זיך אָבער דער בחור געשעמט, ווייל ס'איז אים געווען ס'ערשטע מאָל. די שוועסטער פריי־דע האָט זיך שוין אָבער ניט געשעמט. איר פּאָרל איז געווען אַ הוי־כער נעגער מיט ברייטע פּלייצעס, און ווען זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, אָפּגעלאָזט די הענט און איז געפאַלן, האָט ער זי אַרומגענומען מיט ביידע הענט און אַזוי זיינען זיי שוין פאַרבליבן.

נתן איז אַ הויכער און דאָס איטאַליענער מיידל האָט פאַרוואָרפן איר קאָפּ אויף זיינע אַקסלען. איז ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט

ער זי געגלעט איבער אירע גלאַנציקע שוואַרצע האָר און וואָלט געזאָגט:

בני אדם, יושבי חושך וצלמות, אסירי עני וברזל, אוי, איר מענטשנס־קינדער, וואָס וואוינען אין דער פינצטערניש, געפאַנגענע פון נויט און שטאָל.

נתן באַגעגנט זיך מיט אַ מיידל

די קעלט פון דער שפּעטער נאַכט איז געפאַלן אויף נתנס אַקסלען, ווי אַ מאַנטל און אים גוט איינגעוויקלט. דער רייכער לאַנדסמאַן האָלט דעם שאָפּ אַזוי ווייט, אַזש אין די יאָנקערס און מען דאַרף פאָרן אַהין פון בראָנזוויל אַזש צווי און אַ האַלב שעה. וואָס־זשע אַרט דאָס אים! ער איז איצט אייגער אַליין אויף דער גאַס, אויפן ראָג שטייט אַ וועגעלע מיט פלעשלעך מילך און דאָס פערד מיט אַן אויסגעדרייטן קאָפּ צו אַ הויז, קוקט, וואַרט און וואונדערט זיך, וואָס דער באַלעבאָס מיטן ווייסן היטל, וואָס צעטראָגט די פלעשלעך מילך איבער אַלע שטיגן, איז נאָך ניט אַרויסגעקומען פון דאָרטן און זאַמט זיך אַזוי לאַנג.

נתן שפּאַנט צו די ליכטיקע לעמפּעלעך אויף דעם שוואַרצן בריק, וואָס שאַטנט זיך ערגעץ ווייט, און די גאַנצע גאַס הערט זיינע טריט. די כחות קוועלן ביי אים פון יעדן אבר און אים איז גוט. אומעטום וועט ער זיין, נתן, און וועט טראָגן מיט זיך זיין גרויסן חשק צו זען די פרעמדע גרויסע וועלט מיט אַלע מענטשן, וואָס ער וועט באַגעגענען אויף זיין וועג.

די רעלסן גלאַנצן מיט אַ בלוטיקן אָפּשיין פון אַ רויטן לעמפּעלע, וואָס שיינט אויף אַן אייזערנעם סלופּטשיקל ניט ווייט פון דער פּלאַטפאָרמע און היט די פינצטערניש, וואָס שפּרייט זיך איבער דער גאַנצער לענג פון שטאָלענעם בריק. איבער דער גאַנצער ליניע איז שטיל. אין אַזאַ שפּעטער שעה לויפן ניט אָפט קיין באַנען. אין בראָנזוויל דערשלאָפט מען די לעצטע מינוטן אויף די וואַרעמע געלעגערס. אָבער שטענדיק פאַרמאַגט די נאַכט אַזוינע מענטשן, וואָס מען קאָן איינגאַנצן ניט וויסן צי זיי שלאָפן אַמאָל, צי זיי האָבן גאָר איינגאַנצן היימען. זיי שטייען אויף די ראָגן, ווי פינצטערע געשפּענסטער און קוקן אויף עפּעס אַרויס, זיי בלאָנדזען אום איבער דער

שטאָט, שטעלן זיך אָפּ פּאַר יעדער קראָם. אויף דער פּלאַטפאָרמע זיינען זיי אויך דאָ. זיי זיצן אויף דער באַנק מיט אויפגעשטעלטע קאָלנערס און קוקן זיך גאָרניט אום אויף נתנען, וואָס שפּאַנט זיך, מיט אַ ציטער אין זיינע טריט, אַהין און צוריק.

די רעלסן שווייגן מיט אַ רויטן שמייכל, און נתן איז געבליבן שטיין, זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און אין די אויגן איז אים געוואָרן אַ מחיה וואַרעם. ער קען אַזוי אַנטשלאָפן ווערן און ס׳וועט אים אַפילו גאָרניט אַרן, אַז אַ באַן וועט קומען צולויפן אַ דערשראָקענע מיט צעעפנטע טירן.

שימעלעס טאָכטער, איוואַ, איז אַרויפגעלאָפן די טרעפּ מיט אַ הוילן קאָפּ. זי דאַרף זיך אויך שלעפן שעהן און שעהן ביז זי דערגרייכט דעם פּלאַץ וואו דער אָפּיס אירער געפינט זיך. אויף אַ שרייבמאַשינקע אַרבעט זי און קריגט 17 דאָלער אַ וואָך. דערפאַר מוז זי זיך פּעדערן. אויפשטיין אַזוי פרי און לויפן צו דער בריק מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, ווייל זי האָט שטאַרק מורא פאַר דער פינצטערניש.

אויף איין מינוט איז נתן איינגעשלאָפן און אין דער מינוט האָט זיך תיכף אָפּגעטאָן פון אים די פרעמדע ווייטע וועלט, ווי דורך אַ כישוף, און אַלצדינג איז געוואָרן זייער היימיש. די מאַמע זיינע איז געשטאַנען אָנגעבויגן ביים פּריפּעטשיק איבערן רויטן פייער און געקאָכט די ציקאָריע מיט מילך. דער הויכער טאַטע זיינער איז געשטאַנען אין דרויסן, געהאַקט האָלץ מיט זיינע געזונטע ידים און געמאַכט הע, הע, נאָך יעדן האַק. ווען ער האָט זיך אָבער אויפגעכאַפּט איז געשטאַנען אַנטקעגן אים אַ פרעמדע מיידל מיט ליכטיקע האָר און געלאַכט פון אים. נתן האָט זיך אָנגעכמורעט און זי האָט אויפגעהערט לאַכן און איז אַוועק.

דאָס מיידל איז אַ הויכע און אירע שטאַלטנע פיס אין די ווייסע זאָקן שפּאַנען זיך אַזוי זיכער איבער דער פּלאַטפאָרמע אַרויף ביז צום עק, וואו דאָרט שיינט דאָס רויטע פייערל אויף דעם אייזערנעם סלופּטשיקל ביז דער גרעניץ פון דער פינצטערניש. קוקנדיק אויף איר פּלייצע, אויף אירע שטאָלצע אויפגעהויבענע אַקסלען, דאַכט זיך נתנען אויס, אַז איר פּנים איז אַ שטייפס און די אויגן זיינען קאַלטע און פרעמדע. ווען זי האָט זיך אָבער אומגעקערט, האָבן זיך אירע באַקן געררויטלט פול מיט גוטסקייט און אירע וואַרעמע בלויע אויגן האָבן געקוקט אויף אים גאַנץ היימיש, אַקוראַט ווי זי וואָלט

געוועזן זיינע אַ שוועסטער און ער קען זי שוין יאָרן און יאָרן.

די רעלסן האָבן אָנגעהויבן צו הודיען און די לעצטע ביינאַכ־טיקע באַן איז אָנגעלאָפן מיט פיר וואַגאָנען. דער הימל האָט זיך געבראָכן אויף טאָג. ס׳איז געוואָרן אַ גרויסער ליכטיקער שפּאַלט אין מזרח. די פינצטערניש האָט זיך געיאָגט אַהין פון אַלע זייטן, אָבער די שפּאַרונע איז געוואָרן ברייטער און לענגער. נתן מיטן מיידל זיינען אַריינגעגאַנגען אין ליידיקן וואַגאָן און האָבן זיך גע־זעצט אויף די שטרויענע געלע בענק איינס אַנטקעגן ס׳אַנדערע.

ס׳האָט זיי אונטערגעטרייסלט, האָבן זיי אונטערגעשפּרונגען, גע־שאָקלט זיך אַהין און אַהער און זיך געלאָזט טראָגן אין דער לאַנגער פינצטערער גאַס אונטער דער ערד, וואָס ציט זיך איבער ברוקלין, ניו יאָרק און די בראָנקס אויף צענדליקער מיילן.

נתן און די נעגערטע

נתן קען שוין פּרעסן. זיידענע קליידלעך פּרעסט ער: ווייסע, גרינע, רויטע און אַלערליי. אַז די זון קומט אַריין דורכן פענצטער און ציט זיך אויס אויף אַ ווייס זיידן קליידל, גלעט ער עס מיטן אייזן זייער צאַרט.

צוועלף סענט פּאַר אַ קליידל נעמט ער און טראָגן וועט זי אַ ניו יאָרקער טאָכטער צו אַ גרויסן באַל. דער דינער זייד וועט גלעטן אירע שמעקעדיקע ברוסטן און די זוימען וועלן צופאַלן צו אירע שטייפע פיס. ער האָט שוין אויסגעפּרעסט אַזוי פיל קלייד־לעך און ער הענגט זיי אויף דער וואַנט. 200, 300, 400. טייערע קליידלעך, זיי הענגען ווי לעבעדיקע מיידלעך, אָבער אָן קעפּ און אָן פיס.

ס׳האָט זיך אים איינמאָל געחלומט, ווי אין שאָפּ זיינען געשלאָפן די פענצטער אַנטקעגן דעם לאָמטערן, וואָס האָט געברענט אין דער טונקעלער גאַס. די מאַשינען זיינען געשטאַנען פּאַרגליווערט און די קאַץ, וואָס מען האָט פּאַרשפּאַרט אין אָפיס איבער נאַכט, האָט געמיאוקעט און געוויינט. דער נאַכט וועכטער איז אומגעגאַנגען אי־בער די טרעפּ אַרויף און אַראָפּ און געזאָגט תהילים. פּלוצלונג האָט זיך געעפנט די טיר און אַלע מיידלעך פון בראָנזוויל האָבן זיך אַריינ־געגליטשט אין די נאַכט־העמדער אַזוי שטילערהייט און גענומען

אַנטאָן די קלײדלעך, װאָס ער האָט אָנגעפּרעסט דורכן טאָג.

— ניטע! — האָט ער צו זײ געשריען, — איר װעט זײ צעקנײטשן.

— אַ װערט האָט דאָס בײ אונז, אַז מיר װעלן זײ צעקנײטשן,

— האָבן זײ געמאַכט צו אים מיט חוזק. — קײן שום זאַך האָט שוין בײ אונז ניט די װערט, װײל אונזערע יאָרן האָבן מיר אײנגענײט אין טאָרבעס, אָנגעהאָנגען אױף די פּלײצעס, דערפאַר גײען מיר אַזױ אָנגעבױגן און קוקן אױס װי האָרבאַטע...

דער שאַפּ האָט דרײ גרױסע פענצטער, קוקן זײ אַרױס צום האָד־סאָן, זעט נתן װי אױפן ברײטן טײך שװימען שטאָלצע װײסע שיפן מיט טױזנטער מענטשן אױף אַלע דעקן. אָפּטמאָל קומט אָן אַ ריז, אַ שמאָלער אַזאַ פון שטאָל און אײזן, מיט הונדערטער פענצטער אױף דעם גרױען בױך. אױף דער װאַסער־דעק שטײען האַרמאַטן מיט לאַנגע אױסגעצױגענע העלדזער און סטראַשען די װעלט מיט זײער בײזער גבורה, װאָס ליגט פאַרבאַהאַלטן טיף אין די רערן דאַרטן.

אַ נעגערטע שטײט אױך לעבן נתנס טיש און פּרעסט מיטן שװערן אײזן. בײ יעדן גלעט צעװיגט זי איר קערפּער מיט גרױס כח. די מלאכה פון פּרעסן שטײט אײן פון יאָרן און יאָרן נאָר בײ די מענער, װײל זײ האָבן געזונטע און שטאַרקע הענט. דעם רײכן לאַנדסמאַן אָבער לױנט זיך בעסער, אַז נעגערטעס זאָלן טאָן די אַרבעט. האָט ער געהײסן דעם פאָרמאַן ער זאָל מאַכן אַ פּרואװ. װײל איצט דאָס שװאַרצע מײדל באַװײזן, אַז זי קען אױך פּרעסן װי אַ מאַן, אי דאָס גיך. גײט אָן אַ געװעט צװישן נתנען און איר. נתן צעװיגט זיך מיט זײן קערפּער און שטרענגט זיך אַזױ פיל ניט אָן, נאָר שטײט זיך אַביסל אָנגעבױגן פאַראױס מיטן פּרעסל און קנײטשן גלײכן זיך אױס גלאַטע, װאַרעמע און שמעקן מיט פאַרע, אױסגעמישט מיט דעם ריח פון זײד.

זי האָט אָבער נתנען ניט געקאָנט דעריאָגן. אױף דעם ברױנעם שטערן אירן האָבן אַרױסגעטראָטן קלײנטשיקע גלאַנציקע טראָפּנד־לעך. אירע אױסגעסטאַרטשעטע קײלעכדיקע שװאַרצע אױגן זײנען געװען מלא יאוש און זי האָט שטאַרק פײנט באַקומען דעם בחור, װאָס שטײט זיך אַזאַ געמיטלעכער און טוט אָפּ אַ כישוף די קלײד־לעך, װאָס פּרעסן זיך אַזױ לײכט און שנעל אונטער זײנע הענט, אַז אײדער זי פאַרענדיקט אײנע, איז ער שױן פאַרטיק מיט אַ פערטן און פינפטן. זי װאָלט שטאַרק חשק געהאַט אים דערלאַנגען מיטן פּרעסל איבערן קאָפּ און זאָל ער װיסן...

אַ פּאַרמאַן וואָס עסט געהאַקטע לעבערלעך מיט שמאַלץ

דער פּאַרמאַן הייסט סעם און האָט שוואַרצינקע וואָנצעלעך. אַ גרין פּאַרטעכל הענגט אים פאַרנט אויף זיין בייכל, גייט זיך אום מיטן בלייפעדער פאַרלייגט אונטערן אויער און פרייט זיך, וואָס ער איז אַן אינטעליגענטער מאַן. ער פרייט זיך אויך וואָס ער איז אַ פּאַר־מאַן אין שאַפּ, דער גרעסטער צווישן אַלע שעפּער. זעקס עטאַזשן פאַרנעמט ער און יעדער עטאַזש — אַ באַזונדערע סעקציע.

סעם איז אַן אָנגעלעזענער מענטש, ער קויפט אַלע יידישע בי־כער, וואָס גייען אַרויס און לייגט זיי אויס מיט גרויס ליבשאַפט אויף די פּאָליצעס ביי זיך אין צימער.

זייער שפּעט אין דער נאַכט קומט ער ערשט אַהיים, ווייל אַ פּאַרמאַן איז אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, מוז בלייבן אין שאַפּ נאָך אַלעמען, צונויפלייגן, צוגרייטן. אין דערהיים שלאָפט שוין דער טאַטע, אָבער די מאַמע זיצט אין קיך, פאַלט מיטן קאָפּ צום בלע־כענעם ווייסן טיש און וואַרט אויף איר זון. זי האַלט אויף דאָס פייער, כדי, אַז ווען ער וועט קומען, זאָל די וועטשערע זיין הייס און פריש. די טאַראַקאַנעס נוצן דערוויל אויס די געלעגנהייט וואָס די באַלע־באָסטע כאַפּט אַ דרימל און קריכן אַרויס פון די לעכער און צע־יאָגן זיך איבער אַלע טעלער, גלעזער און איבער אַלע פּאָליצעס, וואָס אין שאַפע.

סעמעלע איז איר געראָטענער בן־יחיד. געקומען קיין אַמעריקע מיט הוילע הענט, זיך באַלד אַרויפגעאַרבעט און אַראָפּגעבראַכט טאַטע און מאַמע צו זיך אין בראָנזוויל. איר זון האָט שוין אויך אָפּ־געשפּאָרט שיינע עטלעכע טויזנט דאָלער און מסתמא אינגיכן וועט ער אויפעפענען פאַר זיך אַליין אַ שאַפּקע.

דער זון קומט אָבער אַ מידער, אַן אויסגעבלייכטער און האָט שוין ניט הנאה פון דער וועטשערע, ווייל ס'איז שוין שפּעט אין דער נאַכט און דער הונגער איז ביי אים פון לאַנג איבערגעבראָכן געוואָרן.

ער גייט צו זיך אין צימער, דרייט אויף ס'בלויע לעמפּל און ציט זיך אויס אין ווייסן בעט מיט אַ יידישן בוך און טראַכט, אַז אייגנטלעך איז ער טאַקע דער בעסערער מענטש. דאָס וואָס ער יאָגט אַזוי אונ־

טער און דערגייט די יאָרן די אַרבעטער אין שאַפּ, איז דאָס דאָך אַ פּרנסה זאַך. פאַר זיך, ווען ער איז אויסגעטאָן פון זייטיקע זאַכן, לייענט ער זיך אַ בוך און ס׳קומען אָן צו אים אַזוינע איידעלע געדאַנקען און דאָס האַרץ ווערט פול מיט נאָבעלע געפילן. דערפאַר טאַקע וואָס ער ווייסט, אַז ער איז אַן אינטעליגענטער מאַן, קליידט ער זיך אַזוי נעט, כאָליעט זיך אַ פּאָר שיינע וואַנצעלעך, רעדט צו מענטשן איי־דעלע רייד און בעט אַנטשולדיקונג ביי יעדער געלעגנהייט. אַפילו ווען ער דאַרף אָנבייזערן זיך אויף אַן אַרבעטער, זאָגט ער אויך: „אַנטשולדיקט, אַזוינער און אַזוינער, אַזאַ אַרבעט טויג אויף כפּרות און אויב איר קענט ניט בעסער, וועט איר מיר אַנטשולדיקן און בעסער בלייבן אינדערהיים.״

ער איז אויך אַ טעטיקער מיטגליד אין אַ קולטור קלוב און אַז מען פירט דורך אַ ליטעראַרישן אָוונט און קאָנצערט, זעט ער שוין אַז מען זאָל אים מאַכן פאַר טשערמאַן. טוט ער זיך דענסטמאָל אָן זיין בלויען שבתדיקן אָנצוג מיט אַ ווייס זיידן העמד, שפּיליעט צו צו זיין באַנטיקל אַ קליינע דימענט שפּילקע, שטעלט זיך אַנידער אויף דער בינע אַ פאַרליבטער אין זיך און שמייכלט פוטערדיק צום גאַנצן עולם.

— חברים און חברטעס, — ציט ער אויס אויף זיין סאַמעטן טע־נאָרל, — איך האָב די ערע און דעם גרויסן פאַרגעניגן אייך פאָר־צושטעלן דעם וועלט־באַרימטן זינגער און קינסטלער, וואָס וועט זינגען דאָס באַרימטע יידישע פאָלקס־ליד „לאָמיר זיך איבערבעטן״.

נתן האָט אָבער געלאַכט פון אים און אים ניט געקאָנט פאַרטראָגן. צו מיטאָג־צייט אין רעסטאָראַן פלעגט זיך דער פאָרמאַן אַנידער־זעצן לעבן זיין טישל און זיך הייסן דערלאַנגען געהאַקטע לעבער מיט אַ סך שמאַלץ און אָנגעהויבןריידן פון טאָלסטאָיען, טורגע־ניעוון און אַנדערע וועלט־באַרימטע שרייבער. „ראָמאַן ראָלאַן״, זאָגט ער, און צעשמירט פאָרזיכטיק די שמאַלץ איבערן גאַנצן טעלערל — דער מאַנער פון אייראָפּעס יושר, איז אייגנטלעך קאָן מען זאָגן דער איידלסטער מענטש אויף דער גאַנצער וועלט.״

ער זיצט קעגן אים, נתן, און ער הערט די רייד פון דעם שמן־זיתדיקן פאָרמאַן און ער וויל אים אַזוי זאָגן: „וואָס פאַר אַ מחותן ביסטו מיט טאָלסטאָיען, מיט טורגעניעוון און ראָלאַנען — און וואָס

— וויסטו וועגן אײדעלע מענטשן, וועגן יושר און גערעכטיקייט? דו רעדסט בעסער וועגן די אָפּערייטאָרס, די פּינישערס און די פּרעס־ סערס, וואָס דו יאָגסט פון זיי אַרויס די נשמות אין שאָפּ...״ ער זאָגט עס אים אָבער ניט. ער ווייסט, נתן, אַז זיי וועלן בײדע באַלד צוריקגיין אין שאָפּ. ער, נתן, צום פּרעס־טיש און דער אינטעלי־ גענטער פאָרמאַן — צו באַלעבאַטעווען איבערן שאָפּ — און ווי וועט זיין צו נתנען ווען ער זאָל אים איצט דערצערענען... — שווייגט ער, נתן, און נודיעט זיך פון זײנע רייד מיט אַ סך ווייטיק און שנאָה אין זיין האַרצן.

אין דער אָוונט שול

נתן איז געבליבן שטיין פאַר דער הויכער אָוונט־שול געביידע מיט גרויס יראת הכבוד. די אונטערשטע פיר עטאַזשן זיינען גע־ ווען אויסגעלאָשן און פינצטער, נאָר די אויבערשטע צוויי שטאָק האָבן זיך געבאָדן אין שפע פון ליכט.

ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געלערנט אין אַ נאָרמאַלער שול. ער האָט נאָר געלייענט אַ סך צופעליקע ביכער און דערפאַר איז ביי אים אויסגעקומען, אַז אפילו די האַרטע בענקלעך אין שול זיינען אָנגעזאַפּט מיט תורה און די גלאַטע פאָליטורטע ווענט מיט די שיינע בילדער זיינען איינגעטונקען אין חכמה.

דער דירעקטאָר איז געזעסן פאַר אַ קליין טישעלע און איבער זיין קאָפּ איז געהאָנגען אַן עלעקטריש לעמפּל מיט אַ גרינעם צודעק. דער דירעקטאָר איז געווען פאַרטיפט אין אַ בוך און אויף זיין גרויסן שטערן האָט געציטערט אַ גרינער שאָטן מיט גרויס מורא פאַרן קלוגן געלערנטן קאָפּ. נתן האָט אויך מורא געהאַט פאַרן קלוגן, געהויבענעם קאָפּ, איז ער דערפאַר געשטאַנען פאַר אים אויסגע־ צויגן ווי אַ סאָלדאַט מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט.

אַ רויט קאַרטעלע האָט ער אים געגעבן צו צימער 506 און הייסן הייסט ער שוין ניט נתן, נאָר „נייטן״.

דאָס האָט אים דער קלוגער דירעקטאָר געביטן אַזוי זיין נאָמען און אים דערביי צוגעוואונטשן אין יידיש, אַז ס׳זאָל זיין מיט מזל און ער האָפט, אַז נייטן וועט גיין אין גוטע וועגן פון אַלע כשרע אַמע־ ריקאַנער לייטע; ווייל דאָס לאַנד איז רייך און פעט און נאָר דורך

ערלעכקייט און האַרעוואַניע קאָן מען דערגרייכן צו גרויסער עשירות.

— יאָ, — האָט דער נייער נייטן געטראַכט, גייענדיק איבער די טרעפּ מיטן רויטן קאַרטעלע אין די הענט צו צימער 506, — דער דירעקטאָר איז גערעכט, כ׳לעבן. מיין שוועסטער פריידע מיט אירע געשוואָלענע פיס און קאַליע אויגן איז דאָס טאַקע די גרעסטע גבירה־טע פון בראָנזוויל.

נתן איז הויך־געוואַקסן און דער גאַרניטער, וואָס די שוועסטער פריידע האָט אים געקויפט, פּאַסט אים זייער שיין, און אַז ער איז אַריינגעקומען אין קלאַס־צימער, איז דער טומל איבערגעריסן געוואָרן און אַלע זיינען געבליבן שטיל און פאַרהאַלטן דעם אָטעם.

נתן, אַז ער ווערט אין כעס, פאַלט אַראָפּ פון אים גלייך די גאַנצע שעמעוודיקייט און אַ שטאָלצקייט קומט צו אים אָן. ער איז איצטער אויך געווען אין כעס און ניט אויף זיין שוועסטער פריידען, וואָס האָט צו גרויסער עשירות ניט דערגרייכט. ער האָט אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס ער איז בייז, אָבער אַלע אין קלאַס האָבן זיך דערשראָקן און געמיינט אַז עפּעס אַ חשובע פערזאָן איז ערשט אַריינגעקומען צו זיי.

נתן האָט אויסגעקוקט ווי אַ חשובע פערזאָן, ביז ער האָט זיך אַנידערגעזעצט. און אַז ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און געמוזט נאָך אויסציען זיינע לאַנגע פיס אויף דעם דיל, איז דער גאַנצער שטאָלץ פון אים אַנטרונען און ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט זייער דערשלאָגן.

דער לערער איז אָנגעקומען. ער האָט געזאָגט „גוטן אָוונט" מיט אַזוי פיל גאווה, אַקוראַט ווי ער וואָלט געטאָן אַ גרויסע טובה דעם קלאַס. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט פאַרן טיש, אויפגעעפנט אַ ביכל, אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אויף דער האַנט און זיך פאַרטראַכט. דער גאַנצער קלאַס האָט געאָטעמט אַזוי שטיל, פּונקט ווי אימיצער וואָלט געשטאָרבן.

דער לערער האָט זיך ניט דערפרייט איבער נתנען, ווען יענער האָט אים דערלאַנגט ס׳רויטע קאַרטעלע. ער האָט זיך נאָר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, ווי די שיטערע הערעלעך זיינען געלעגן פאַר־קעמט איבערן פּליכעלע מיט גרויס חשבון און אים געהייסן זיך זעצן.

ביי נתנען איז אַ לערער שטענדיק אויסגעקומען ווי אַ וועלט־

חכם, אַ מענטש אַזאַ, וואָס עולם־הזה איז ביי אים ניט דער עיקר, נאָר די הייליקע אידעאַלן. און פּונקט ווי דער פלאַם פון אַ ליכט ווערט ניט געמינערט, נאָר פאַרקערט, צעשפּרייט זיך און ווערט גרע־סער ווען מען צינדט ביי זיין פייער אָן אַן אַנדער ליכט,—אַזוי אויך אַ לערער.

דער לערער אָבער איז געווען בייז און אָנגעבלאָזן. ער האָט גע־רעדט גיך. נתן האָט נאָך ניט פאַרשטאַנען קיין ענגליש, אָבער זיין טאָן איז געווען אַזאַ, אַקוראַט ווי ער וואָלט געסטראַשעט דעם קלאַס און געזאָגט אַזוי:

— וואָס מיינט איר, אַמעריקע איז אייך אַ לאַנד גלאַט אַזוי? איר דאַרפט זיין די גליקלעכסטע אויף דער וועלט, וואָס איר האָט גע־קענט אַנקומען אַהער, ווייל די רייכסטע מענטשן זיינען מיר און מיר בויען אַזוינע הייזער, וואָס גלעטן די וואָלקנס און אַלע גייען מיר אָנגעטאָן פיין און שיין און אַלע קענען מיר רעדן אַזוי פיין ענגליש.

נתן איז געזעסן ווי אַ תם מיט אַן אָפן מויל, געוואָלט כאַפּן עפּעס אַ וואָרט, וואָס ער זאָל פאַרשטיין, אָבער ס'איז גאָרניט אַרויסגע־קומען.

שפּעטער צו, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, האָט ער שוין יאָ פאַרשטאַ־נען, וואָס דער לערער רעדט און אַז ער האָט פאַרשטאַנען, האָט אים געברענט דאָס פּנים פון חרפּה. ער האָט זיך נאָך געוואונדערט, וואָס מען שווייגט אים, אָט דעם שוטה. די תלמידים אַזוינע דערוואַקסענע זיצן אַזוינע שטילינקע און נעבעכדיקע און שלינגען יעדעס וואָרט זיינס און יענער באַליידיקט גאָר אויף טריט און שריט.

ער באַליידיקט זיי מיט דעם, וואָס ער רעדט צו די תלמידים, אַקו־ראַט ווי זיי וואָלטן געווען ווילדע מענטשן. ער לערנט זיי ווי אויס־צושנייצן די נאָז און ווי אַזוי צו באַגריסן אַ חשובן מענטשן, און ווי אַזוי מען דאַרף רעדן מיטן באָס, מיטן לערער, מיט אַ פּאָליסמאַן.

וועגן פּאָליסלייט און וועגן פייערלעשער איז ער גאָר באַגייס־טערט, דער לערער, און דערציילט די תלמידים גאַנצע מעשיות פון דעם מוסטערהאַפטן לעבן, וואָס די הויכע חברה־לייט אין די בלויע רעק, פירן אין זייערע היימען.

וואָס ווייסט דען נתן? נתן ווייסט נאָך גאָרניט. אָבער זיין שוועס־טער פריידע האָט זיך געלערנט אין דער זעלבער אָוונט־שול. איז זי אין אָוונט געקומען נתנען אָפּנעמען אַהיים, האָט זיך דער די־

רעקטאָר שטאַרק דערפרייט איבער איר און זי איז גאָר געוואָרן רויט ביז די וואָרצלען.

פריידע שעמט זיך צו ריידן מיט געהויבענע מענטשן. אַחוץ דעם איז זי גאָר געשטאַנען, ווי אַ זינדיקע נשמה פאַר איר אַמאָליקן בעל־טובה. זינדיק איז זי געווען דערפאַר, ווייל אַלצדינג וואָס מען האָט זי דאָ געלערנט, האָט זי קיין איין זאַך ניט געקאָנט אויספּאָלגן.

לויט דעם דירעקטאָרס אויסרעכענונג האָט זי שוין געמוזט זיין רייך ווי קורח. איז זי נאָך אַזוי אָרעם, אַפילו קיין ריכטיקן ווינטער־מאַנטל קאָן זי ניט קויפן היינטיקס יאָר צוליב דעם, וואָס זי האָט זיך אויסגעבראָכט מיט נתנס קומען אַהער.

לייטיש האָט זי זיך אויך ניט אויפגעפירט די לעצטע פּאָר יאָר, ווייל זי האָט געמוזט סטרייקן צוזאַמען מיט אַלע אונטערקליידל שטעפּערינס, און דאָ אין אָוונט־שול האָט מען זי גאָר געלערנט, אַז סטרייקס זיינען אַנטי־אַמעריקאַניש.

האָט זי זיך געפילט זייער זינדיק פאַר איר בעל־טובה און גאָר ניט געוואוסט, וואָס צו רעדן מיט אים.

די זעלביקע טאַנץ־לערערין, וואָס האָט פריידען געלערנט טאַנצן, האָט אויך נתנען געלערנט טאַנצן אויף די פאַרווײלונגס־אָוונטן, וואָס די אָוונט־שול פלעגט דורכפירן איין מאָל אַ וואָך. די לערערין, אַ הויכע און אַ דאַרע, מיט רויטע האָר און בלויע אויגן, האָט זיך אויך מיט פריידען אַרומגעכאַפּט, ווען זי איז געקומען מיטן ברודער אויף איינעם פון די אָוונטן. האָט זיך פריידע ווייטער פאַרשעמט און ווידער אַמאָל געוואָרן רויט איבער די האָר. אויך פאַר דער לערערקע האָט זי זיך געפילט זינדיק. יענע האָט זי געלערנט ווי אַזוי אויפצוהאַלטן דעם קערפּער, ער זאָל אויסזען שטענדיק יונג, פריש און בויגיק און זי, פריידע, האָט גאָר געשוואָלענע פיס, ווי קלעצער, און איר פּנים איז אָפּגעפאָרן און פאַרוויאַנעט.

דערפאַר אָבער איז די טאַנץ־לערערין אַזוי פריש און בויגיק. שלאַנקע פיס האָט זי און אַלע תלמידים קלעפּן אַרום איר. ס׳טוט איר הנאה פון דעם, אָבער די אמתע הנאה איז גאָר אָנגעגרייט פאַר איר ערגעץ אַנדערש.

אין דרויסן שטייט אַ רייכע מאַשין, און דאָרטן ביי דער ראָד, וואַרט אויף איר דער שיינער געליבטער אירער. נאָכדעם ווי זי וועט פאַרטיק ווערן מיט אָט די „גרינע״, וועלן זיי ביידע אַוועקשמייסן אויף

בראָדווײ אין אַ קאַבאַרעט און דאָרטן ערשט וועט זי זיך צעװיגן. דאָ האַלט זי זיך אין דער מעלה און באַװײזט אירע שײנע מאַנירן, כדי די תלמידים זאָלן זיך אָפּלערנען פֿון איר, װעלן זײ װיסן װי אַזױ זיך צו פֿירן, װען ס'װעט זײ אױסקומען אַמאָל צו זײן אײנגעלאַדן אויף אַ פּאַרטי.

די שװעסטער האָט אויך געטאַנצט מיט די בחורים און ס'איז אױסגעקומען בײ איר זײער ניט געראָטן. האָט נתן געהאַט אַ גרױסן װײטיק פֿון דעם און ער האָט זיך פֿאַרטאַיעט אין אַ װינקעלע.

װי אַזױ פֿרײדע איז געװאָרן אַ גבירהטע

די מאַמע האָט אײנמאָל פֿרײדען געשלאָגן מיט אַ שטיק האָלץ. און פֿאַרװאָס? זי האָט צעבראָכן אַ טעלער. די מאַמע איז אַ קלײ־נינקע און דאָס שטיק האָלץ איז געװען גרעסער פֿון איר. און פֿרײדע אַלײן איז שױן אויך געװען אַ דערװאַקסענע. איבערן גאַנצן קער־פּער זײנען געבליבן בלױע סימנים און פֿרײדע האָט זיך נאָך דער־נאָכדעם באַרימט פֿאַר אַלע חברטעס, װען זײ זײנען געגאַנגען באָדן זיך אין דער װײבערשער קופּאַלניע, און זײ געװיזן די אױפּגעלאָ־פֿענע פּוכירן.

פֿרײדע האָט אָפּטמאָל געטראַכט, אַז אפֿשר איז זי גאָר אַ שטיף־קינד; װײל קײנעם פֿון די איבעריקע קינדער האָט די מאַמע אַזױ בײז ניט געקניפּט װי איר. נתנען האָט זי שטענדיק געפּוצט אין אַ רײן גאַרניטערל, פֿלעגט אים אײנגעצן די פּאַהקעלעך מיט שפּײעכץ, זײ צונױפֿגעדרײט װי צעפּעלעך, פֿלעגט אים געבן קיכעלעך און זאָגן:

— גײ, מײן זון, אין חדר, װעסטו לערנען תורה.

פֿאַרן אָפּפֿאָרן, האָט זיך פֿרײדע אײנמאָל אױפֿגעכאַפּט בײנאַכט און דערהערט, װי די מאַמע װײנט און קלאָגט זיך פֿאַרן טאַטן:

— װי אַזױ קאָן איך זי אָפּלאָזן אין די װײטע לענדער, אַז איך פֿיל, װי זי איז מיר ליבער װי אַלע קינדער.

האָט זיך פֿרײדע דענסטמאָל שטאַרק געװאונדערט. זי האָט גאָר קײנמאָל ניט געװאוסט, אַז זי איז אַזױ ליב... אַ חוץ אײן מאָל, װען זי איז געװען קראַנק און געהאַט היץ, האָט איר די מאַמע געטאַפּט דעם שטערן, און איר צוגעזאָגט װײסע שיכעלעך, קעמעלעך און העגטשעקעס װעט זי איר קויפֿן און אַ זײדן קלײד אויך דערצו.

אַלע צוגעזאָגטע זאַכן האָט איר די מאַמע קיינמאָל ניט געקויפט. בלויז פאַרן אָפּפאָרן האָט מען איר געקויפט אַ פּאָר הענטשעקעס און אַ שטרויען היטעלע. דאָס איבעריקע האָט שוין פרידע אַלעס דערקויפט, ווען זי איז שוין געווען אין בראָנזוויל, פאַרפּוצט זיך אין די אַלע טייערע שיינע זאַכן, און אַוועקגעגאַנגען צום פאָטאָגראַפ־טשיק זיך אַראָפּנעמען אַ בילד. דער עיקר האָט זי אים געבעטן, ער זאָל ניט פאַרגעסן אויך פאָטאָגראַפירן די ווייסע, קליינע שיכעלעך. אין בילד האָט זי אַוועקגעשיקט אַהיים און דאָס צווייטע צו איר חברטע אסתר, אהרון דעם משורדס שוועסטער.

די ערשטע פּאָר יאָר האָט זי זיך איבערגעשריבן מיט איר חברטע אסתר און אין יעדן בריוו געלאָזט גריסן אהרונען דעם משורר פון די טיפעניש פון איר האַרצן. אויף פּסח האָט זי אים געשיקט אַ זיידן טיכעלע פאַר אַ מתנה און אסתר האָט איר דערציילט אין אַ בריוו, ווי אַזוי איר ברודער טראָגט דאָס טיכעלע אין דער אויבערשטער קעשענע און אַלע אינגלעך זייענען אים מקנא. דער חברטע האָט פריי־דע געלאָזט וויסן, אַז זי לערנט זיך ענגליש און אַז זי קען שוין טאַנצן די אַמעריקאַנער טענץ, און אַז אַ סך בחורים לויפן איר נאָך. אָבער זי האָט קיינעם ניט ליב. זי וועט דאָ ניט חתונה האָבן... זי וויל חתונה האָבן אין איר אייגן שטעטל... זי זאַמלט געלט אין אַ באַנק און אין גיכן וועט זי מסתמא ווערן זייער רייך און קומען אַהיים אַ גבירהטע. זי וועט לייגן אַ נייעם דאַך אויף זייער שטוב. דער מאַמען וועט זי קויפן אַ ראָטאָנדע און דעם טאַטן אַ נייע קאַפּאָטע. דעם קלענסטן ברודער אירן וועט זי שיקן לערנען אין אַ גימנאַזיע און די איבעריקע ברידער און שוועסטער וועט זי גלאַט אַזוי שענקען רייכע מתנות.

זי האָט געאַרבעט ביי אונטער־קליידלעך, און דערפאַר וואָס פון דער פאַדלאָגע האָט געצויגן שטענדיק אַ קעלט אום ווינטער, זייען אירע פיס געשוואָלן געוואָרן און דער דאָקטאָר האָט איר געזאָגט, אַז זי מוז קויפן אַזוינע שיך מיט הויכע כאַלעווקעלעך, כדי אירע פיס זאָלן זיך האָבן אָן וואָס אָנצושפּאַרן. דערפאַר וואָס זי האָט אָפט־מאָל געדאַרפט אַרבעטן ביינאַכט, האָבן אירע אויגן אָנגעהויבן שוואַ־כער צו זען און דער דאָקטאָר האָט איר געזאָגט, אַז מען דאַרף טראָגן אַזוינע ברילן מיט גראָבע גלעזלעך. האָט זי זיך געקויפט ברילן מיט גראָבע גלעזלעך און גאָלדענע ראַמלעך.

נאָך דעם האָט זי צו אסתרן אויפגעהערט צו שרייבן. אַהיים אויף זייער זעלטן, אַחוץ אויף פסח פלעגט זי שיקן אַ פּאָר דאָלער און אויף ראש השנה אַ לשנה טובה אַזאַ, וואָס אַז מען צענעמט זי, וואַקסט אויס אַ גאַנצע שול מיט אַ חזן, וואָס האַלט אַ שופר און בלאָזט. צוויי רויטע פייגעלעך שטייען פון אויבן און האַלטן אין די ראָזעווע מיילעכלעך אַ קליין גרין בריוועלע, וואו ס'שטייט אָנגעשריבן: „געזונט און פּרנסה, נחמות והצלחות און ישועות טובות אויף יידן אמן סלה".

חלומות

די מיידלעך טראָגן אַרום אַזוי פיל סודות אין די זוימען פון זייערע קליידלעך. אין דער סאָבוויי זעט ער זיי און אויפן שפּאַציר־גאַנג אויף פיטקין עוועניו. זיי זיינען ווייטע און פאַרבאָרגענע. שמייכלען און רייצן. די יונגע ווייבלעך האָבן אומפאַרשעמטע אויגן, זיי האָבן קיי־לעכדיקע הענט, צעלאָזן זיך די האָר און צינדן אָן די שטוב מיט פייער.

די שוועסטער קומט אָפּט אַ שוויינגדיקע פאַרנאַכט פון דער אַרבעט, עסט אַפילו ניט קיין וועטשערע, וואַליעט זיך אַריין אין בעט און שלאָפט אַזוי אָפּ ביז דער זייגער צעשרייט זיך אין טונקלען פאַרטאָג.

אין דרויסן איז נאָך ליכטיק. פאַרפּוצטע מיידלעך און פאַרקעמטע בחורים לאָזן זיך שפּאַצירן. בלייבט שוין נתן אויף אין צימער. און אַז עס ווערט פינצטער, צינדט ער ניט אָן קיין לאָמפּ און בלייבט מיט די ליכטיקע שאָטנס, וואָס טאַנצן אַרום אויף דער וואַנט און אויף דער סטעליע.

אַז דער טאָג פאַרגייט אין רויטן פייער, לאָזט זיך אַראָפּ אַ קאַלטע נאַכט. אַז די לאָמפּן אויף אַלע גאַסן שיינען אויף, לאָזט מען אַראָפּ די פאַרהאַנגען איבער אַלע פענצטער און אויף די טישן מיט די ווייסע צעראַטעס צעלייגט זיך אַ בענקשאַפט און ס'ווערט שאַ־שטיל אין די הייזער.

אויף פיטקין עוועניו וועלן די מיידלעך לאַכן און זיין פריילעך און די שוועסטער פריידע וועט ליגן אין בעט, אין די קליידער, מיט פאַר־מאַכטע אויגן.

די ליכטיקע שאָטנס האָבן אויפגעהערט צו טאַנצן און די פינצטער־ניש האָט אָפּגעווישט די ווענט. דער צימער איז געוואָרן אַזוי ברייט

און גרויס אָן אָן עק און אָן אַ סוף. נתן געהער איר ניט אָן קיין ברו־דער, ער איז אַ פרעמדער בחור גאָר און זיך גלאָט אַזוי אַריין אין אַ פינצטער הויז און אָנגעטראָפן אַ מיידל ליגן אין בעט. גייט ער צו צו איר, זיינע טריט ציטערן און דער וועג איז אַזאַ לאַנגער.

— נתן, וואָס טוסטו? גיי לייג זיך שלאָפן.

נתן שוויגט. ער נעמט אַרום די שוועסטער און ציט זי צו זיך.

— נתן, לייג זיך ניט דאָ.

נתן ווייסט גאָרניט, וואָס ער טוט. די וועלט איז פאַרלאָרן געגאַנגען, און ער האָט זיך געראַטעוועט מיט זיין שוועסטער אויף אַן אינדזל. וועט ער ליגן מיט איר אַזוי אַרומגענומען.

ביידע זיינען זיי געלעגן אין די קליידער, אָבער פריידע האָט ניט געוואוסט צי זי איז אויסגעטאָן, אָדער ניט. זי האָט אויך ניט גע־וואוסט צי דאָס איז איר צימער, אָדער אַ פרעמדער. זי האָט אויך ניט געוואוסט, צי דאָס איז נתן, אָדער אַ נאָענטער בחור אַזאַ.

פאַרטאָג האָט זי זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש, איז קיינער ניט געלעגן לעבן איר. נתן איז זיך געשלאָפן אין זיין בעט אַ רואיקער און אַ שטילער.

„בעדרום טולעט"

מען איז ביידע געגאַנגען פאַרנאַכט איבער די גאַסן מיט פאַררי־סענע קעפּ צו די פענצטער און טירן. אומעטום הענגען ווייסע צע־טעלעך: „בעד רום טו לעט", דאָס מיינט: אַ צימער צו פאַרדינגען. אַ חוץ דעם בעט שטייט אין צימער אַ בענקל און אַ שאַפע מיט שופ־לאָדן. די ווענט זיינען שפּאַלירט און דאָרטן, אונטערן שפּאַליר, וואוי־נען גאַנצע עסקאַדראָנען וואַנצן, וואָס לאָזן זיך אַרויס אויף אַוואַנ־טיורעס שפּעט אין דער נאַכט, ווען דער מענטש ליגט אויסגעצויגן אין בעט, הפקר פאַר דער וועלט, אַ מידער און הילפלאָזער.

פריידע וויל דינגען נתנען אַ צימער ערגעץ אין אַ שטיל הויז. איר געפעלן ניט די זעקס־שטאָקיקע טענעמענט־הייזער, וואָס ציען זיך אויף צענדליקער בלאָקס גרויע און ברודיקע. טאָג און נאַכט שפּילן דאָרט וויקטראָלאַס און טירן רוען ניט, זיי האַלטן אין איין אויפּפּראַלן און זיך פאַרהאַקן. צעשויבערטע מאַמעס שטייען אויף די טרעפּ און באַריידן זיך איינע די אַנדערע. קליינע קינדער וויינען

אין די וועגעלעך און פאַרגייען זיך אַזוי ביטער. קעץ ראַיען זיך אין די אַש־קעסטלעך, וואָס שטייען ביי יעדער הויז, און פעדלערס פאָרן אום מיט די וועגעלעך און קלינגען אין די גלעקער, כדי צו לאָזן וויסן די באַלעבאָסטעס, אַז זיי זיינען שוין דאָ און וואָס נאָר זייער האַרץ גלוסט קאָן מען קויפן.

אין צוויי־שטאָקיקן הויז מיט אַ גערטנדל פון פאָרנט איז געווען באַלויכטן נאָר איין פענצטער. דאָרטן אין קיך זיינען זיך געזעסן מאַן און וויב און געגעסן וועטשערע. דער מאַן האָט געהאַט אַ נאַקעטן קאָפּ, נאָר ביי די פּאות האָבן אים געוואָקסן גרויע האָר. אַ קלייניקער, האָט ער אויסגעזען, ווי אַ קינד, וואָס מען האָט פאַרשטעלט פאַר אַן אַלטן. ער האָט געזופּט סופּ, געשוויגן, און זיך ניט אַריינגעמישט. גערעדט די גאַנצע צייט האָט די אַלטע זיינע.

— זיצט, זיצט. צי זי האָט אַ צימער צו פאַרדינגען? — אוודאי. אַז ניט, וואָלט זי דאָך ניט אַרויסגעהאַנגען קיין צעטל „רום טו לעט". אָבער זי וואָלט געוואָלט האָבן אַ שטילן באַי ביי זיך, ווייל זי קאָן ניט פאַרליידן קיין טומל. דער באָרדער, וואָס האָט ביי איר פריער געוואוינט, פלעגט ברענגען מיידלעך צו זיך אין צימער און זי האָט דאָס פיינט. דער יונגערמאַן, זעט דאַכט אויס צו זיין אַ שטילער. קומט, קומט, איך וועל אייך ווייזן די רום.

שטיל און רואיק דאָרטן. דאָס פענצטער קוקט אַרויס אין אַ הויף, וואו עס שטייען צוויי ביימער נאָענט איינער לעבן אַנדערן און האַלטן זיך ביי די הענט, ווי צוויי חברים. פון אַלע זייטן הויבן זיך הויכע אָפּגעקראָכענע ווענט, וואָס זיינען אַמאָל געווען וויים. פון אַלע פענצטער ציען זיך שטריק אין דער לענג און אין דער ברייט און אויף די שטריק הענגען: העמדער, ליילעכער, גאַטיעס און קינדערשע בגדים.

נתן איז געבליבן אין דעם צימער און געגאַנגען צו גאַסט פון צייט צו צייט צו זיין שוועסטער. אַז ער איז געקומען האָט ער איר געזאָגט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן:

— אַ גוטן אָוונט, פריידע.

האָט זי אים געענטפערט:

— אַ גוט יאָר, נתן, וואָס מאַכסטו?

— וואָס זאָל מען מאַכן, — האָט נתן זיך געשעמט איר קוקן גלייך אין די אויגן און זיך געזעצט אויף איר בעט.

רעדן מיט איר האָט ער ניט געהאַט וואָס, זיינען זיי ביידע

געזעסן אויף דעם בעט און געשוויגן, ביז פריידע האָט זיך אויפגע־הויבן, אַרויסגענומען פון דעם גלעזערנעם פּראָכטאָווניק אַ רויטן עפּל און געזאָגט:

— נאָ, עס נתן אַן עפּל, ער איז גוט, אַ מעקינטאָש.

נתן האָט ניט געגעסן דעם עפּל, געדרייט אים אין דער האַנט, באַטראַכט פון אַלע זייטן, פּונקט ווי ער וואָלט פאַר אים געווען אַ פרעמדע טשיקאַווע זאַך, און ווייטער געשוויגן. אַזוי לאַנגע שעהן, ביז ער האָט זיך אויפגעהויבן, געזאָגט: „אַ גוטע נאַכט, פריידע" — און דעם עפּל טאַקע ניט אויפגעגעסן. אים אַריינגעלייגט אין קע־שענע און אַוועקגעגאַנגען צו זיך אַהיים. דאָרט האָט ער אַנטליען ביי דער באַלעבאָסטע אַ מעסער, אים אָפּגעשיילט, געשניטן קליינע רעפּטעלעך און געקוויקט זיך מיטן מעקינטאָש.

אַ בראָנזווילער מאַמע

די הויכע ידענע, די באַלעבאָסטע זיינע, איז אומגעגאַנגען שטענ־דיק אין ווייסן מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים און רק געראַמט און געווישט. דאָס קעצל אין הויז איז איר נאָכגעגאַנגען טריט־ביי־טריט פון צי־מער צו צימער און געמיאַוקעט. אַז קיינער איז ניט געווען אין דער היים, האָט זי אַלע אירע געשפּרעכן געפירט מיטן קעצל און דאָס קעצל האָט איר קיינמאָל ניט געענטפערט, איר אויסגעהערט אויפ־מערקזאַם, קוקנדיק דער באַלעבאָסטע גלייך אין די אויגן און דער־נאָכדעם זיך אויסגעדרייט און זיך אַ קראַץ געטאָן אין דער פּלייצע.

דער באַלעבאָסטעס הענט זיינען געווען רויטע און פולע. פון איר געפּאַקטן קערפּער און גרויסע אויגן האָט געשטראַלט אַזוי פיל גוטסקייט און וואַרעמקייט, אַז ס'האָט זיך איר געפּאַסט, אַז זי זאָל האָבן אַ טוץ קינדערלעך און מיט זיי אַלע שלאָפן אין איין בעט. זי, די גרויסע שווערע מאַמע, אינמיטן, און די קינדערלעך איןביידע זייטן.

קיין קינדער זיינען אָבער ניט געווען אַרום איר און נתן האָט אַליין פון אָנהויב דערפילט, אַז אין דעם הויז איז געשען אַ גרויסער אומגליק, און דערפאַר שוויגן אַלע דאָרטן. ס'שוויגן די ווענט, דאָס מעבל און דער אַלטער מאַן מיטן פאַרשטעלטן קינדערשן פּנים. ער זאָגט אַפילו ניט „גוט אָוונט" ווען ער קומט פאַרנאַכט פון דער אַר־

בעט. ווען ער קומט אַהיים, וואַשט ער זיך די הענט, דאָס פּנים, זעצט זיך אַ שטילער ביים טיש און וואַרט. ווייסט זי שוין, די ווייב זיינע, אַז מ׳דאַרף אים דערלאַנגען וועטשערע, עסט ער זייער געשמאַק, לאָזט גאָרניט איבער און צום סוף בלייבט ער ערשט זיצן מיט אַזאַ פּנים, אַקוראַט, ווי ער וואָלט גאָר איבגאַנצן ניט געגעסן און ער איז נאָך אַלץ הונגעריק.

קיין צייטונג לייענט ער ניט, אין שול אַריין דאַוונען גייט ער ניט. מיט קיין שכנים רעדט ער ניט. זיצט זיך אין קיך, קוקט אויף דער סטעליע, ביז די אויגן הויבן זיך אָן קלעפּן און ער גייט זיך לייגן שלאָפן.

אין שלאָף־צימער הענגט אויף דער וואַנט אַ גרויס בילד פון אַ יונגן בחור, קוקן זיינע אויגן זייער עזותדיק. לואי, הייסט ער. שטייט די מאַמע אָפּט פאַר דעם בילד מיטן בעזים אין דער האַנט און קוקט מיט בענקשאַפט צו דעם זון מיטן חוצפּדיקן פּנים און טראַכט: „וואו איז ער איצט ערגעץ, אַז ווי איז צו דער מאַמען״.

ער איז געבוירן געוואָרן טאַקע דאָ אין בראַנזוויל, אַזאַ שרייענדי־קער, מיט אַזוי פיל פּאַרנעם, אַקוראַט ווי ער וואָלט געוועזן דער איינציקער, וואָס דאַרף לעבן אויף דער וועלט. אַ מאַמע, — האָט ער פאַרשטאַנען, — איז אַזאַ בריאה, וואָס דאַרף אַלצדינג טאָן פאַר אים: אים געבן עסן און טרינקען, לייגן שלאָפן, פירן אין סקול, קויפן קליידער און אים געבן ניקלס אויף זיסע זאַכן. אויף אַ מאַמען מעג מען אַפילו אָנשרייען, זי זידלען מיט מיאוסע ווערטער. און אַז זי וועט אַפילו ווערן אין כעס, האָט דער כעס אָבער גאָרניט ווערט, ווייל ניט ער בעט זי איבער, נאָר זי אים, מיט קושן, צערטלעכ־קייטן און מתנות.

אַלצדינג אין הויז, — האָט ער תמיד געטראַכט, — איז באַשאַפן געוואָרן נאָר פאַר אים, אַפילו דער טאַטע זיינער לעבט נאָר אין זיין זכות. אויף דער גאַס איז שוין עפּעס אַן אַנדער זאַך, אין פּאַבליק סקול אויך. דאָרטן זיינען זיי אַלע פרעמד און מען טאָר ניט זיין קאַ־פּריזנע, אַז ניט וועלן זיי אים נאָך פאַרשטויסן. אַ חוץ דעם איז דאָרטן עפּעס אַן אַנדער וועלט: אַ שענערע, אַ וויכטיקערע. האָט ער זיך געסטאַרעט און ער איז טאַקע געוועזן דער ערשטער לויפער אין גאַס, דער בעסטער באַל־שפּילער און זיך שטאַרק גערעכנט מיט דער מיינונג פון זיין געזעלשאַפט יינגלעך און מיידלעך פון דער

גאַס און שול.

אין תלמוד־תורה האָט ער דעם לערער גערעדט אַנטקעגן און זיך אים נאָכגעקרימט, ביז יענער איז געוואָרן אין כעס און האָט אים צעפּאַטשט און אַרויסגעוואָרפן. פאַר אַזאַ באַליידיקונג האָט דאָס בחורל אויסגעקלאַפּט אַלע פענצטער פון דרויסן און נאָך גע־סטראַשעט דעם לערער, אַז ווען ער וועט אים פּאַקן, וועט ער אים נאָך אַראָפּקנאַקן זיין שאַרבן פון קאָפּ. די געזעלשאַפט זיינע האָט אים ניט געמוסרט דערפאַר, פאַרקערט, געהאַט אַ סך פּאַן און אים גע־האַלטן פאַר אַ העלד, אַז ער קאָן טאָן אַזאַ זאַך.

טאַטע און מאַמע האָבן ניט געקענט קיין ענגליש און ער האָט בשום אופן צו זיי ניט געוואָלט רעדן אין יידיש, און דערפאַר וואָס ער האָט יאָ געקענט רעדן די שפּראַך פון לאַנד און זיי ניט, האָט ער זיך געפילט אַ סך העכער און גרעסער פון זיינע עלטערן און קיינ־מאָל ניט געהאַט פאַר זיי קיין גוט וואָרט.

ער האָט געענדיקט פּאַבליק־סקול, היי־סקול און איז אויסגעוואַקסן אַ געזונטער, שטאַרקער בחור, אָבער אָרעם און נאַקעט פאַר דער וועלט און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. באַל שפּילן האָט ער געקענט גוט. לויפן, שווימען, טאַנצן, די גאַסן־שפּראַך מיט אַלע חכמהלעך — אָבער וואָס צו טאָן אין דער וועלט, האָט ער ניט גע־וואוסט.

זיין ערשטער דזשאָב איז געווען אַן אַשער אין איינער פון די גרויסע מואווי־הייזער, וואָס אויף בראָדוויי. איז אים געפעלן גע־ווען די ערשטע ציים טראָגן די אוניפאָרם מיט די גאָלדענע קנעפּ, שטיין גלייך און אויסגעצויגן פאַר יעדן איינעם, אַ פאַרקעמטער, אַ שיינער. זומער אָבער האָט ער שוין מער ניט געוואָלט זיין דאָרטן און טעג און נעכט איבערגעלעגן אין קוני איילאַנד מיט זיינע חברים. אַהיים פלעגט ער קומען אַ פאַרברענטער פון זון מיט אַ גרויסן צע־רייצטן אַפּעטיט און געשלונגען אַלצדינג, וואָס איז געווען אויפן אויוון און אין אייז־באָקס. איינדערפרי ווידער אַוועק צו זיינע חברים מיט אַ פּאָר מטבעות, וואָס ער האָט מיט געוואָלדן און סטראַשונקעס אַרויסגעצויגן ביי דער מאַמען.

דערנאָכדעם איז ער געוואָרן אַ שיפּינג־קלוירק. אַ מלאכה אַזאַ, וואָס מען פּאַקט סחורות אין די קעסטלעך אויף אָפּצושיקן זיי אין די קראָמען. און אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו פּאַקן, הייסט מען אויסקערן

דעם שאָפּ, אָדער לויפן מיט אַ שליחות. לואי האָט אָפּגעאַרבעט איין וואָך און מיט זיינע שכירות אַוועק אין אַ פּולרום און דאָרטן פאַרשפּילט אין „קרעפּס״ זיינע גאַנצע פאַרהאָרעוועטע געלטער. ער האָט זיך ניט גענומען צום האַרצן פון דעם. גיין צוריק אויף זיין דזשאַב האָט ער שוין מער ניט געוואָלט, איז ער געוואָרן אַן אָפּטער באַזוכער פון אַזוינע פּלעצער, וואו מען שפּילט ביליאַרד, „קרעפּס״. אויב ער האָט אַליין ניט געשפּילט, האָט ער געהאַט הנאה, וואָס אַנדערע שפּילן. חברים האָבן אים מכבד געווען מיט בראָנפן און מיט גוטע וועטשערעס; און אויב מען איז געגאַנגען צו מיידלעך, האָט מען אים אויך מיטגענומען און געצאָלט פאַר אים.

דערנאָכדעם האָט ער אינגאַנצן ניט געסטאַיעט פון הויז און זיך מער ניט געיאַוועט.

ווי בראָנזוויל קומט פון דער אַרבעט

פאַרנאַכט צינדן זיך אָן עלעקטרישע לאָמפּן אויף אַלע גאַסן און קאָנען ניט גובר זיין דאָס ביסל ליכטיקייט, וואָס דער טאָג האָט פאַרגעסן און דאָס איבערגעלאָזט הפקר אויף אַלע דעכער און פענצטער. שעמען זיך די לאָמפּן, פינטלען מיט די אויגן פרעמד און ניט זיכער.

לויפן אָנגעפּאַקטע טראַמווייען איבער גאַנץ בראָנזוויל און האַלטן אין איין קלינגען און סטראַשען די דורכגייער אויף די גאַסן. שוואַרצע באַנען מיט ליכטיקע פענצטער קומען צולויפן פון ניו יאָרק אַלע מינוט, גיבן זיך אַ שטעל אָפּ אויף גיך און שטופּן אַרויס פון די וואַגאָנען טויזנטער און צענדליק טויזנטער מיידלעך, יינגלעך, מיטליאָריקע מענער און פרויען מיט פרייד אין די אויגן און מיט ברעכעניש אין די רוקנס.

טאַטעס, אַז זיי קומען פון דער אַרבעט, טיילן זיי ניקלס גאַנץ פריי. שטייען דערפאַר הונדערטער קינדער מיט פאַרריסענע העלדזער אונטער די טרעפּ פון דער סטאַנציע און וואַרטן.

לויפן מיט די טרעפּ אַראָפּ טויזנטער טאַטעס, מאַמעס, ברידער און שוועסטער. לויפן זיי גיך און איילנדיק, כדי וואָס שנעלער אַרויף אויף די גאַסן, וואו בראָנזוויל וועט זיי באַגעגענען אַ רואיקע, אַ שטילע און די לופט וועט פאַרשמעקן מיט געקאָכטער וועטשערע

און זיי קיצלען די נעזער מיט די ריחות פון געבראָטן פליישׁ, פּעטע זופּן און באָרשט.

עלטערע קינדער האַלטן ביי די הענט די קליינינקע ברידערלעך און שוועסטערלעך און ריידן זיי איין מיט זינגענדיקע קולעכלעך: „אָט וועט קומען פּאַ, פּאַ". דאָס קליינוואַרג ביי די טרעפּ וואַרפט מיט די אויגן איבער אַלע צעהיצטע פּנימער און זאָגט נאָך מיט פּאַר־בענקטע אייגעלעך: „יאַ, אָט וועט קומען פּאַ, פּאַ".

די סטאַנציע, מיט אַלע ווענט, טרעפּ און פּלאַטפאָרמעס, וויגט זיך פון דער גרויסער שווערקייט פון מענטשלעכע קערפּערס און איילנדיקע טריט. די רעלסן אויבן דונערן און גולמס מיט אָנ־געצונדענע ניקלס אין די אויגן, לאָזן אַרויס פריי יעדן איינעם און פאַרהאַקן זיך באַלד דערביי מיט אַ טעמפּן געשריי, פּונקט ווי האַ־מערס, וואָס וואָלטן געהאַלטן אין איין קלאַפּן איבער אייזערנע שטאַנגען.

טאַטעס קושן זיך מיט די קליינינקע, כאַפּן זיי ביי די הענט און לאָזן זיך לויפן אין די היימען.

— וואָס טוט די מאַמע? און וואָס קאָכט מען אויף וועטשערע?

— די מאַמע איז אַלרייט, און עס איז געווען דער מילך־מאַן, און ס'איז געווען דער אייזמאַן, און די מאַמע האָט זיך געקריגט מיט דער שכנה, און אויף וועטשערע קאָכט מען היינט מילכיקס און לאַטקעס פון קאַרטאָפליעס.

פון אַלצדינג דערציילן די קינדער דעם טאַטן אויפן וועג צום הויז. פרייען זיך די טאַטעס, ווערן מיט אַמאָל גוטהאַרציק און טיילן ניקלס צו זייערע קלוגע קינדערלעך, וואָס האָבן אויף זיי געוואַרט ביי די טרעפּ פון דער סטאַנציע.

אין אַלע הייזער פּראַלן זיך אויף טירן, און די טריט אויף די שטיגן דערציילן די ווייבער אין די ליכטיקע קיכן, אַז אָט גייען שוין זייערע מענער, באָרדערס, און באָרדערקעס. די טישן שטייען שוין געגרייט און די טעפּ אויף די אויוונס זידן און פאַרכלינען זיך מיט שוים פון גרויס זאַטקייט און פעטקייט.

גאַנץ בראָנזוויל עסט וועטשערע און די רייד, וואָס מען רעדט צווישן זיך, זיינען אַזוינע גוטע. מען פרייט זיך, וואָס די שעפּער זיינען געבליבן העט־וועיט פון יענער זייט, אין דעם גרויסן טומל־דיקן ניו יאָרק, און אַזוי פיל שעהן פון רו ליגן פאָראויס. מען קאָן זיצן און לייענען צייטונגען, מען קאָן גיין אין אַ מואווי, מען קאָן שפּילן

אין קאַרטן, אָדער גאַר אַנדרייען די וויקטראָלאַ און הנאה האָבן פון אַ פּאָר פיינע נגונימלעך.

נאָך וועטשערע הייבן זיך אָן צו פּוצן אַלע גרינע אין בראַנזוויל. טוען זיך אָן יום־טובדיקע קליידער, פאַרקעמען זיך די האָר גלאַט און איינגעפּרעסט און לאָזן זיך אין די אָוונט־שולן מיט שיינענדיקע פּנימער און נייגעריקייט אין די אויגן, זיך לערנען ענגליש. אַז זיי וועלן שוין קענען גוט ענגליש ריידן, וועלן זיי זיך שוין האַלטן מער זיכערער ביי זיך און זיי וועלן קוקן יעדן איינעם אין פּנים אַריין שטאָלץ און מוטיק. אַזוי האָבן זיי נאָך מורא, האַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן און שעמען זיך.

די געביידעס פון די אָוונט־שולן וואַקסן ביינאַכט אויס גרעסער און ריזיקער, און די רויטע ווענט מיט די הונדערטער באַלויכטענע פענצטער שרעקן דאָס האַרץ מיט אַמעריקעס מעכטיקייט און רי־זיקייט.

ציען זיך די גרינע אַהין הילפלאָזע ווי אָפּגעשוירענע שאָף, און אויף די גאַסן פון בראַנזוויל איז ליכטיק און טומלדיק. דאָס יונג־וואַרג האָט זיך נאָך וועטשערע אַרויסגעלאָזט שפּאַצירן, לאַכן זיי הויך אויפן קול. אין די צעעפנטע מוזיק־געשעפטן שפּילן וויקטראָ־לאַס און ראַדיאָס. איבער די מואווי־הייזער טאַנצן פייערדיקע אותיות אויף די שילדן און דער ייד מיט די פּינאָטס ציט זיך שוין מיט זיין פּושקאַרט און אָנגעצונדענעם איוועלע וואו עס פּראַזשען זיך פּינאָטס, אויף די באַלויכטענע גאַסן, וואו ער וועט פאַרקויפן יעדעס שקאַרמיצל מיט די וואַרעמע געשמאַקע ניסלעך, פּאַר בלויז אַ ניקל אַ שטיק.

די ציג בענקט

פאַרנאַכט האָט אָנגעהויבן צו פאַלן אַ שניי און שיינע רחל האָט אָנגעטאָן איר גראָען מאַנטל מיט גרויסע שוואַרצע ביינערדיקע קנעפּ און האָט זיך געלאָזט גיין אויף די ווייסע פעלדער צווישן ווינט און שניי.

די ציג איז געשטאַנען אויפן טיש, וואָס אויפן גאַניק, נאָכגעקוקט אַ פאַרוואונדערטע דער באַלעבאָסטע, וואָס האָט געשפּאַנט אַנטקעגן ווינט אַן איינגעהויקערטע. זי האָט זיך פאַרטראַכט, די ציג, אויף

דעם, וואָס די ערד ווערט ווייס, וואָס די שנייעלעך קומען גאָר אָן פון דער הויך און ציען זיך אָן אָן עק און אָן אַ סוף, און וואָס די באַ־לעבאָסטע האָט גאָר פאַרלאָזט די הויז און פאַרשווינדט מיט איר גראָען מאַנטל ערגעץ אין דער לופטן. איז איר געוואָרן קשה, דער ציג, דער גאַנצער וועלט־באַנעם און זי האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און אַ מעקע געטאָן.

מען קאָן קיינמאָל ניט וויסן, ווען שיינע רחל פאַרטראַכט פּלוצלונג דעם שפּאַציר צו אירע טעכטער. וואָכן און חדשים קאָנען אַזוי אַוועק־גיין און זי זאָל זיין רואיק, טאָן צופרידן איר אַרבעט אין הויז און ס'דאַכט זיך איר, אַז זי קלערט אַפילו ניט וועגן זיי. מיטאַמאָל אָבער באַפאַלט איר אַ באַגעניש, פון די הענט הויבט אָן צו פאַלן יעדע זאַך און איר האַרץ ווייסט שוין ניט קיין שלום.

ביי לייטן גייען מיידלעך אַוועק פון הויז, ווען זיי האָבן חתונה. אירע טעכטער זיינען נאָך גאָר יונגינקע, אָבער אין דער היים ווילן זיי שוין מער ניט זיין. זיי ווילן זיין פריי און זעלבסטשטענדיק און ניט טראָגן אויף זיך דעם עול פון טאַטע און מאַמעס זאָרגן זיך וועגן זיי.

האָט זי איצט איינגעבויגן דעם קאָפּ, שיינע רחל, צוליב די שניי־עלעך, וואָס זיינען איר געקראָכן אין די אויגן אַריין, פאַררוקט די הענט אין די אַרבל און האָט זיך געצויגן פאַרעקשנט צו סאַראַטאָגאַ עוועניו.

די באַלעבאָסטע האָט געעפנט די טיר און פריינטלעך איינגעלאַדן שיינע רחלען אין דער וואַרעמער קיך, וויל אין צימער דאָרט, ביי די מיידלעך, איז קאַלט און פינצטער. זיי זיינען פון לאַנג אַוועק פאַר־פוצט און וועלן מסתמא ערשט צוריקקומען שפּעט אין דער נאַכט.

אין טייערע פוטערנע מאַנטלען, אין גרינע זיידענע קליידלעך און אין זילבערנע טופליעלעך קומען זיי אַרויף אויף דער סטאַנציע מיט געפאַרבטע ליפּעלעך און גלאַנציקע אייגעלעך.

— העלאָו, פּאַפּ, — מאַכן זיי, — און דערלאַנגען אים זייערע מטבעות.

אַ גוט אָוונט, טעכטער, — ענטפערט ער אָפּ דאָרט פון בודקעלע, — און שטרעקט זיי אויס די ריכטיקע צאָל ניקלס.

אליעזר פרעגט זיי ניט וואוהין זיי גייען. ער ווייסט שוין, אַז מסתמא אויף בראָדוויי אין אַ טעאַטער, אָדער ערגעץ אויף אַ טאַנץ. קוקט ער זיי נאָך, ווי זיי לאָזן זיך אויף די טרעפּ דינע און שטאַלטנע.

אין זייער צימער איז געווען קאַלט. די בעטן צעוואַליעט, אָנגע־וואָרפן און צעדרייט יעדע זאַך. האָט שיינע רחל אָנגעהייצט ס׳גאַז איױועלע, געגומען אַ בעזים, אויסגעקערט ריין און ציכטיק ,פאַרבעט די בעטן, צעשטעלט יעדע זאַך אויפן ריכטיקן אָרט און דערנאָכדעם אויסגעטאָן און געלייגט זיך אין איר מיזינקעס בעט. געציטערט און ניט געקענט איינשלאָפן פון דעם, וואָס אירע אברים האָבן געקלאַגט.

שפּעט אין דער נאַכט זיינען זיי געקומען איבערגעפרוירענע און מידע. זיי האָבן זיך אָנגעטאַנצט, אָנגעלאַכט, זיך געלאָזט קושן פון בחורים און געבליבן איז נאָכן פריילעכן אָוונט אַ ליידיקייט אין האַרצן. שיינע רחל האָט אַ שולדיקע צו זיי געשמייכלט און זיי האָבן אַפילו ניט געהאַט קיין כח אַ וואָרט צו איר אויסריידן.

די מאַמע האָט אויסגעוואָרעמט אַ בעט פאַר דער מיזינקע און יענע האָט זיך גאָר מחיה געווען. די פיס אירע זיינען געווען קאַלט ווי אייז און שיינע רחל האָט זיי אַריינגענומען צווישן אירע. אַ וואַרעמקייט האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע אברים אירע און די מיזינקע האָט צוגעלייגט איר קאָפּ צו דער מאַמעס האַלדז און באַלד איינגעשלאָפן אין גרויס פאַרגעסנהייט.

גאַנץ פרי, נאָכדעם, ווי די קינדער זיינען אַוועק צו דער אַרבעט, האָט זיך שיינע רחל שוין געשלעפּט אַהיים איבער אַ טיפן ליכטיקן שניי. קיין ווינט האָט שוין ניט געבלאָזן, דער הימל איז געווען אויס־געלייטערט און קלאָר. די ציג איז געשטאַנען אויף די טרעפּ און אַז זי האָט דערזען איר אָנקומען, האָט זי פריילעך אַ מעקע געטאָן. זי האָט אָנגעשטעלט די הערנער, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געקליבן אַ בוצקע טאָן דער באַלעבאָסטע, וואָס איז שוין געווען גאַנץ נאָענט. ניט מחמת כעס וואָלט זי איר אַ שטויס געטאָן, נאָר פאַר גרויס שמחה ווענן, וואָס זי וועט שוין באַלד הנאה האָבן פון אַ גוטן, געשמאַקן מאַלצייט.

נתן האָט איר געזאָגט אַ גוט מאָרגן

אַלע פאַרטאָג האָט ער זי באַגעגנט און אַלע פאַרטאָג, וואַרטנדיק אויף אַ באַן, האָבן זיי ביידע געשוויגן. זי האָט געשפּאַנט אין איין ריכטונג און ער אין דער צווייטער. אינמיטן האָבן זיי זיך באַגעגנט, אַ בליק געטאָן מיט נייגעריקייט איינער אויפן אַנדערן, און זיך ווייטער געגאַנגען.

נתן האָט איר געזאָגט אַ גוט מאָרגן ערשט צו פּאָר פּסח צו, נאָכדעם ווי דער שווערער ווינטער מיט די פּרעסט זיינען שוין אַוועק. דעם גוט מאָרגן האָט ער געטראָגן מיט זיך וואָכן און וואָכן, ווייל ווי באַלד ער האָט אַרויפגעשטיגן אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט אים דאָס האַרץ געקלאַפּט און ער האָט דעם אָטעם ניט געקאָנט כאַפּן.

די ווינטער־טעג זיינען געווען אַזוינע מוראדיק קאַלטע. בראָנזוויל געדענקט שוין נישט פון לאַנגע יאָרן אַזוינע פרעסט. ניט אַזוי די פרעסט, ווי דער ווינט. דער ווינט האָט געבלאָזן פון גרויסן ים מיט אייז און קעלט. אַזאַ ווינט שטעכט דאָס לייב, פּאַטשט אין די פּלייצעס און שטופּט ווי מיט שטעקנס, איינשטיין אויף איין אָרט קאָן מען ניט, מוז מען לויפן. לויפט מען אין בראָנזוויל אין אַזוינע טעג אַלט און יונג. אַרויסגיין אויף דער גאַס דענסטמאָל איז פּונקט ווי מען זאָל זיך אויסטאָן נאַקעט און אַריינשפּרינגען אין אַ טייך מיט אייז־קאַלטע וואַסער. ווי־זשע האָט מען איר געקאָנט דענסטמאָל אָפּגעבן אַ גוט מאָרגן, אַז זי, אַן איבערגעפראָרענע, איז געלאָפן איבער דער פּלאַטפאָרמע אַהין און צוריק און דער ווינט האָט געהויבן אירע קליידלעך און איר געשמיסן אין פּנים אַריין.

אין וואַגאָן, אויף די געלע שטרויענע בענקלעך, איז דווקא געווען וואַרעם און וויפיל מאָל האָט ער באַשלאָסן זיך זעצן לעבן איר, אָבער אַרויסגעקומען איז שטענדיק, אַז ער האָט זיך געזעצט פּונקט אַנטקעגן מיט אַ פלאַמענדיק האַרץ, געקוקט אויף אירע קני, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען פון אונטער דעם קורצן קליידל און געטראַכט, אַז זיין גליק איז פאַרבאַהאַלטן און פאַרשלאָסן אויף טויזנט שלעסער און זיין האַרץ מוז ווי טאָן פון גרויס בענקשאַפט, וואָס ער קאָן דאָס קיינמאָל ניט דערגרייכן. זיינע הענט האָבן געחלשט זי אַרומצונעמען און ס'וואָלט אים שוין ניט געאַרט, וואָס די באַן וואָלט געלאָפן. זאָל זי זיך שוין טראָגן וואוהין זי וויל.

אַז מענטשן לויפן אָן אויף די ווייטערדיקע סטאַנציעס, פאַרכאַפּן פּלעצער אַרום און אַרום, אַז עס סטייעט שוין מער ניט, הענגט מען זיך אָן אָן די קליינינקע ווייסע הענטלעך, וואָס זיינען צוגעקלאַפּט פון אויבן צו אַ שוואַרצן שטאַנג. דעמאָלט פאַרשטעלט מען שוין איר אינגאַנצן פון אים און ס'בלייבן נאָר אַרויסגעשטעקט אירע שוואַרצע טופליעלעך, אונטערגענייט ביי די ברעגן מיט געל געוואַנט און די חנעוודיקע שלייפעלעך פון אירע שיך בענדלעך.

עטלעכע סטאַנציעס, איידער ער דאַרף אַראָפּשטייגן, הויבט זי זיך אויף און שלאָגט זיך דורך אַ וועג צווישן צונויפגעפּרעסטע, צונויפגעפּלאָנטערטע הענט, פיס, אַקסלען. ווען זי שטייט שוין ביים אַרויסגאַנג, הויבט זי אויף אירע גרויסע אויגן אויף נתנען און געזעגנט זיך מיט אים שטומערהייט. פון איר קוק גיט אַ שיין־אויף דער וואַגאָן און צינדט זיך אָן אַ בלויער. נאָכדעם ווי זי פאַרשווינדט, ווערט אַלצדינג אויסגעלאָשן, אַפילו די לעמפּלעך ברענען טונקלער און ס'ווערט אים אומעטיק צו קוקן דורך דער פינצטער אויף די שוואַרצע ווענט פון דער אונטערערדישער פינצטערער גאַס. און ער קאָן זיך אַפילו ניט גלויבן, אַז פון יענער זייט סטעליע אויבן, איבער אים, שטייען שטיקער שטאָט מיט ריזן מויערן, ברייטע גאַסן מיט לויפנדיקע גלאַנציקע מאַשינען, טראָטואַרן מיט שיינענדיקע פענצטער אין די קראָמען און מענטשן אין די צענדליקער טויזנטער.

איינמאָל אַ פרײַטאָג, ווען זי איז ניט געקומען, איז ער געבליבן שטיין ווי אַ תם אינמיטן דער פּלאַטפאָרמע, אַקוראַט ווי עמיצער וואָלט אים אָפּגענאַרט. די דעכער זיינען געוואָרן גרוי און פון גאַנץ בראַנזוויל האָט מען זיך אָנגעהויבן צונויפלויפן אויף דער סטאַנציע. באַנען האָבן זיך אָנגעיאָגט מיט אַ שטורעם, אַוועקגענומען די מענטשן און איידער ער האָט זיך נאָך געריררט, איז די פּלאַטפאָרמע געוואָרן תיכף ענג פון טויזנטער אַנדערע. דענסטמאָל האָט נתן זיך געכאַפּט, אַז ער איז אַזוי פאַרלוירן און ס'קאָן זיך אַפילו מאַכן, אַז ער וועט זי שוין קיינמאָל אויף זיין לעבן ניט זען.

אויף דעם אַנדערן טאָג איז ער געגאַנגען צו דער באַן מיט אָנגעבויגענע פּלייצעס, ווי אַן אָבל, און האָט זיך אַפילו ניט געוואָלט פאַרגינען צו טראַכטן, אַז אפשר וועט זי דאָך קומען.

זי איז אָבער אָנגעלאָפן מיט שיינענדיקע אויגן און מיט אַ ווייס אויפגעשלאָגן היטעלע אויפן קאָפּ. איז נתן איר נאָכגעגאַנגען טריט־ביי־טריט, ווי אַ קינד נאָך דער מאַמען. זי האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף אים, אָבער איר האַרץ האָט געפלאַטערט פון נחת און זי איז געווען זייער שטאָלץ.

פאַר פּסח האָט אָנגעהויבן די וועלט צו שמעקן און אויף דעם בריק איז שוין מער ניט געווען נאַכט, ווען נתן איז געלאָפן צו דער אַרבעט. אַ ליכטיקייט האָט געהויערט אויפן הימל און איבער אַלע דעכער האָט געשפּראָצט דער פרילינג מיט רויטע כמאַרעס. דעמאָלט איז

נתן געוואָרן זייער שטאַרק ביי זיך און דערפאַר איז ער מיטאַמאָל אַזוי צוגעגאַנגען צו איר אַזאַ זיכערער און אַ זאָג געטאָן:

— גוט מאָרגן.

— גוד מאָרנינג, האָט זי אים געענטפערט און נתן האָט זיך פאַר־וואונדערט, וואָס איר קול קלינגט גאָר צו אים אַזוי פרעמד, אַקוראַט ווי אַן אַנדער מיידל וואָלט דאָס געזאָגט.

— שוין, אויס ווינטער, האָט נתן אַ מאַך געטאָן מיט גרויס פרייד. ניט אַזוי דערפאַר, וואָס ס'איז שוין אויס ווינטער, נאָר וואָס ער שטייט שוין לעבן איר אַזוי נאָענט, קוקט איר גלייך אין די אויגן און האָט גאָרניט מורא.

נתן האָט נאָך ווייטער עפּעס געוואָלט זאָגן, ער האָט ניט געוואוסט וואָס, איז ער געבליבן שטיין פאַרלוירן און זיין פּנים האָט אים גע־ברענט פון בושה, און ער האָט אין דער סעקונדע געמיינט, אַז דער־פאַר, וואָס ער שטייט אַזוי באַריש, פאַרלירט ער ביי איר דעם גאַנצן חן. זי האָט אים אָבער אַרויסגעראַטעוועט ווען זי האָט זיך אָנגערופן:

— אַזוי שפּעט און די „טריין" איז נאָך ניטאָ.

— טאַקע, האָט נתן אַ מאַך געטאָן און ער האָט זיך פאַרוואונדערט, וואָס ער האָט דאָס פריער ניט באַמערקט, וואָס ס'איז אַזוי שפּעט און די „טריין" קומט נאָך ניט אָן.

די טריין אָבער איז ניט געווען שפּעט. פאַראויס, איבער די רעלסן, האָט זיך שוין געטראָגן אַ הודזשעריי און די באַן איז פון דאָרט גע־לאָפן מיט צווי רויטע אויגן אויפן שטערן, וואָס זיינען געוואַקסן גרעסער און פייערדיקער, וואָס נענטער זיי האָבן דערגרייכט די סטאַנציע.

דער פרילינג איז שוין דאָ

ווער קומט קיין בראַנזוויל אָנזאָגן, אַז דער פרילינג איז שוין דאָ? דער אַלטער מוסאָליני קומט קיין בראַנזוויל אָנזאָגן, אַז דער פרי־לינג איז שוין דאָ. די קאַטערינקע זיינע צעשפּילט זיך פּלוצלונג אין אַ ליכטיקען פרימאָרגן און די „קאַטשעליע" זיינע מיט זעקס פאַר־צעלייענע פערדלעך פון אַלערליי קאָלירן הויבט זיך אָן צו דרייען און קינדערלעך אין די צענדליקע פון אַלע טירן לויפן צו דעם גרויסן וואונדער מיט אויסגעשטרעקטע פעניס אין די הענטלעך,

קוויטשען, שרייען, שפּרינגען אונטער פון גרויס פרייד.

דענסטמאָל ווייסט שוין גאַנץ בראַנזוויל, אַז דער פרילינג איז שוין געקומען. איין פּעני קאָסט אײנגאַנצן זיך אַ דריי צו טאָן אויף אַ פערד — און די קאַטשעליע איז גאָר אַ וואונדער. אויף אַ וואָגן שטייט זי מיט אַ קאָלירטן דאַך, וואו ס׳שטעקן קליינע פאָנען פון אַלע פעלקער איבער דער וועלט, ווייל דער אַלטער מוסאָליני האָט געהאָט אינזינען די קליינע קונימלעך פון אַלע נאַציעס.

די זון דרייט זיך אינאיינעם מיט די קינדער, וואָס זיצן רייטנדיק, קוויטשען און שרייען. זיי קוויטשען, ווייל אַ טייל האָט פשוט מורא פאַר דער רייזע, וואָס איז פול מיט געפאַר; ס׳איז נאָך גוט, וואָס זייערע מאַמעס שטייען נאָענט דערביי, קוועלן אָן און גיבן צו קוראַזש. אַ סך האָבן שוין ניט קיין מורא, נאָר זיי מאַכן געוואַלדן פון דעם, ווייל ס׳איז זיי זייער גוט און אין דערזעלבער צייט ווילן זיי אָפּנאַרן דער וועלט, אַז זיי זיינען כלומרשט דערשראָקן. יינגלעך אַזוינע, וואָס האָבן שוין געזעהן רייטער אויף די פערד אין די מואוויס, בויגן זיך איין, ווי אמתע „קאַו באָיעס״, פּאַטשן אויף די פאַרצעלייענע רוקנס און ס׳דאַכט זיך זיי אויס, אַז זיי פליען אין אמתן ווי טאָם מיקס.

דער אַלטער מוסאָליני האָט ליב קינדער און האָט ליב זייערע פּעניס. פאַרנאַכט וועט ער דאָס גאַנצע לייזונג אַוועקגעבן זיין זון דזשאָו און די יידישע שנור זיינע, מלכה, וועט אים דערלאַנגען די גוטע וועטשערע. ווינטערצייט, ווען ער פאַרדינט כמעט גאָרניט, דערלאַנגט זי אים אויך די גוטע וועטשערע, אָבער פון דערלאַנגען ביז דערלאַנגען איז אַ גרויסער חילוק.

— פּענעלעך, פּענעלעך, יינגעלעך און מיידעלעך, — שרייט ער צו די קינדער אין יידיש. ער קען יידיש ווי אַ וואַסער. שוין העכער צוואַנציק יאָר אין בראַנזוויל. די פּרעסט זיינען שוין ניטאָ, דאָס ווינטל, וואָס גלעט זיין באַוואַקסענעם האַלדז, ווי מיט מאַך, איז אַ וואַרעמער און זיין קאַטערינקע שפּילט אַזוינע פריילעכע, לוסטיקע ניגונימלעך, וואָס געפעלן ניט נאָר די קינדער, נאָר מוסאָליניען אויך. דרייט ער די קאַטערינקע, דרייט די קאַטשעליע און די פרילינג־זון ליגט אויף זיין צעקנייטשט פּנים און שמייכלט.

די ליכטיקע קאַלטע פאַרטאָגן אויף דעם בריק האָבן געשמעקט און ס׳איז גאָר געווען אַ שאָד, וואָס אַז דער וואַרעמער פרילינג־טאָג וועט אַרויס, וועט נתן שטיין פאַרשפּאַרט אין שאַפּ, אָטעמען פאַרע

פון פרעסל און ריח פון צוגעסמאַליעטן זייד.

אָבער די עטלעכע מינוט, איידער די באַן קומט אָן, זיינען אייבי־קייטן, ווען ער שפּאַצירט אַרום מיט איוואַן. (ער ווייסט שוין אַז זי הייסט איוואַ). זי רעדט נאָר ענגליש, אָבער אים אַרט דאָס ניט. ער גייט אום מיט איר ווי מיט אַ גרויסן וואונדער, וואָס די וועלט האָט נאָר וואָס אַנטפּלעקט פאַר אים און יעדע זאַך איז ביי אים אַ חידוש. גיט זי אַ דריי מיטן קאָפּ און אירע ליכטיקע האָר צעוואָרפן זיך, גיט ביי אים אַ פלאַטער דאָס האַרץ. גיט זי אַ שטעל אַ פוס און דאָס קליידל גיט זיך אַ וויג, ווערט אים וואַרעם און גוט.

אין וואַגאָן זיצן זיי שוין ביידע צוזאַמען און אַז ס'ווערט ענג אויף די וויטערדיקע סטאַנציעס איז נאָך בעסער. דעמאָלט טוליעט ער זיך צו איר און רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. זי קאָן ניט הערן קיין וואָרט, ווייל די רעדער קלאַפּן שטאַרק און דער ווינט הודיעט, פרעגט זי אים אַלע מאָל איבער וואָס ער זאָגט; און ער זאָגט איר גאַנצע פּסוקים פון שיר השירים.

„משכני אחריך נרוצה". ציִ מיך נאָך זיך און איך וועל דיר נאָכ־לויפן אויף אַלע סאָבווייס און עלעווייטאָרס. „שמן תורק שמך על כן עלמות אהבוך". דיין לייב שמעקט מיט אַזוינע זעלטענע בשמים. דערפאַר האָבן דיך אַלע בחורים ליב. אַי ס'שטייט גאָר „עלמות" און „עלמות" מיינט גאָר יונגע פרויען, האָט ער ווידער אַ דאַגה...!

סעמעלע מיטן האַרטן קאַפּעליוש

ער וואָלט זי געדאַרפט פרעגן, וואו זי וואוינט. און אפשר וואָלט ער געקאָנט קומען צו איר צו גאַסט און זיי וואָלטן געגאַנגען שפּאַ־צירן, אויף דערויף האָט ער נאָך אַלץ ניט געוואָגט. אַ גרויסער נאַר איז ער, נתן, און אַ מצווה אויף אים.

די טעג זיינען געוואָרן וואַרעמער און די זון, וואָס האָט זיך געריסן פון דער גרויסער שפּאַרונג אין מזרח, האָט אים שטענדיק עפּעס צוגעזאָגט און קיינמאָל ניט מקיים געווען. אין די פאַרנאַכטן איז ער געגאַנגען אין קיצל פּאַרק און געטרוימט: וואָס גייט אים שוין אָן זונען, אַז די לבנה איז אַ ליכטיקע, און אַז די פינצטערעביימער שמעקן מיט בשמים, אַז אָן איוואַן איז ער עלנט און אָרעם.

זי האָט מיטאַמאָל ניט געסטייעט און ער האָט זי געזוכט אויף אַלע

סאַבוויס און עלעוויטאַרס און זי ניט געפונען, ווי אין שיר השירים שטייט: „בקשתיך בכל הרחובות ולא מצאתיך". איך האָב דיך געזוכט איבער אַלע גאַסן און דיך ניט געפונען. ער האָט געוואָלט זאָגן די אַלע מענטשן, וואָס שטופּן זיך אין די וואַגאָנען: „אם תראיה מה תגידו לה", אויב איר וועט זי זען, וואָס וועט איר זאָגן? זאָגט איר, אַז איך האָב זיך שוין ניט איין מאָל אָפּגעבריט מיטן פּרעסל, טראַכטנדיק וועגן איר און אַז איך האָב שוין פאַרסמאַליעט אַ פּאָר טוץ קליידלעך און מען האָט זיי געמוזט אַרויסוואַרפן.

איינמאָל אַ שבת פאַרנאַכט האָט ער זיך אויסגעפּוצט אין זיין שוואַרצן קאָסטיום מיט די ווייסע שטרייפעלעך, זיך אָפּגעפּוצט די שיך, אָנגעטאָן זיין ברוינעם קאַפּעליוש און געבליבן שטיין אין צימער אַזאַ הויכער, אַזש ביז צו דער סטעליע. האָט ער זיך פאַרשעמט, וואָס ער איז אַזאַ הויכער און זיך צוגעזעצט אויפן בעט.

די צווי ביימער גרינען שוין, האַלטן זיך נאָך שטאַרקער ביי די הענט און שווייגן. די הויכע וואַנט אין הויז האָט צעעפנט אַלע פענצטער און זיי זיינען גרויסע רכילות־טרייבער, אַט די פענצטער. שעמען זיך גאָר ניט און דערציילן אַלצדינג וואָס קומט דאָרט פאָר אויף אַלע שטאָקן. אויפן דריטן שטאָק אין דער קיך שטייט אַ מיידל אַ האַלבנאַקעטע און פּרעסט איר יום־טובדיק גרין קלייד. איר האַלדז־און־נאַקן איז ווייס ווי שניי און די ברוסטן אירע זיינען אומרואיק בשעת זי פּרעסט. וואַרפן זיי זיך און ציטערן. און נתן טראַכט, אפשר טאָר ער גאָרניט קוקן אַהין, ווייל ס'איז ניט שיין. און טאַקע ווייל ס'איז ניט שיין, נעמט ער ניט אַראָפּ די אויגן פון פענצטער און איז איבגאַנצן אַ הייסער. זי האָט שוין אויסגעפּרעסט דאָס קליידל, עס צוגענומען און אַוועק. באַלד האָט זי זיך אָבער באַוויזן אין צווייטן צימער און האָט זיך געזעצט אויפן בעט, אָנטאָן אירע זאָקן. איצטער טאָר ער אַוודאי און אַוודאי ניט קוקן. אָבער וואָס פאַר אַ לאַנגע זאָקן טראָגן דאָס די מיידלעך. אָן זאָקן־בענדלעך. נאַר, זע נאַר, ער האָט גאָר קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז זיי טראָגן ניט קיין זאָקן־בענדלעך. גוט צו וויסן. וואָס איז אַזוי גוט צו וויסן, ווייסט ער ניט. זי האָט זיך אָנגעטאָן איר גרין קלייד, איבערן קאָפּ האָט זי דאָס געשלעפּט. זיינען אירע צווי פיס אין די ווייסע זאָקן געווען זאָקן משונהדיק לאַנגע און מאָדנע, פּונקט ווי ביי אַ קאָמעדיאַנטשיק. ס'וואָלט געווען שיין, ווען די באַלעבאָסטע זיינע קומט אַזוי אַריין און כאַפּט אים ביי אַזאַ זאַך...

אויף דער גאַס ברענען שוין די עלעקטרישע לאָמפּן מיט די גרויסע גלעזער און בראַנזוויל ציט זיך אויף פּיטקין עוועניו. ער וועט אַהין ניט גיין, ער וועט בעסער זיך אַוועקלאָזן צו דער סטאַנציע.

אויסגעפּוצטע פּאָרלעך הויבן זיך אויף די טרעפּ. איצטער לויפן זיי שוין ניט ווי אין די פּאַרטאָגן. קורצע קליידלעך טראָגן די מיידלעך מיט לאַנגע צעשפּיליעטע מאַנטלען ביז צו דער ערד. די קאַוואַליערן גייען נאָך פון הינטן מיט גלאַנציקע אָפּגעראַזירטע פּנימער און מיט דימענט־שפּילקעלעך אויף די שניפּסן. פּאָרלעכווייז און גאַנצע חברות ציען זיך צו דער סטאַנציע. זיי פאָרן איצט אויף בראָדוויי אין די טעאַטערן, אויף בעלער און אויף פּאַרטיס. די עלעקטרישע גרויסע אותיות פון דער מואווי־הויז נאָענט דערביי, שפּרינגען אין דער לופטן, בלישטשען, מיניען זיך און פאַרנאַרן צו זיך טאַטעס און מאַמעס מיט די קליינע קינדער, וואָס ציען זיך אין דער ברייטער אָפּענער טיר ערנסטע און יום־טובדיקע. אַ סך צייטונגס־פאַרקויפער האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט. זיי וואַרטן אויפן גרויסן טראָק מיט די פּעק צייטונגען, וואָס דאַרף אָנקומען פון ניו יאָרק. דערווייל קריגן זיי זיך, שפּילן אין „קרעפּס" און מאַכן גוואַלדן.

וואָס האָט דאַרטן נתן צו טאָן, לעבן די אייזערנע טרעפּ, אַז ער איז הפקר און קיינער דאַרף אים ניט, און אַז עס ווערט קאַלט און די נאַכט קומט אָן מיט אַנגעצונדענע פענצטער אין פרעמדע הייזער.

דאַכט זיך, אַט גייט סעמעלע דער פאָרמאַן אין אַ האַרטן קאַפּעליוש און דאָס מיידל אין לאַנגן מאַנטל האָט עפּעס אַ באַקאַנטן גאַנג. אפשר איז דאָס איוואַ? יאָ, דאָס זיינען זיי טאַקע. נתן וויל אַנטלויפן, אָבער ס'איז שוין צו שפּעט. זי האָט אים דערזען.

— האָו דו יו דו, וואָס שטייט איר עפּעס אַליין, איר וואַרט אויף עמיצן?

— ניין, ס'הייסט יאָ, ער וואַרט. — האָט נתן זיך פאַרלוירן.

— איר קענט זיך? — האָט איוואַ זיך אויסגעדרייט צו סעמעלען — דאָס איז נתן.

— יאָ, יאָ, מיר קענען זיך — האָט סעמעלע אים אַ דריק געטאָן די האַנט מיט אַן איבערגעטריבענער פריינטלעכקייט. ער אַרבעט ביי מיר אין שאַפּ.

„סעמעלע גנב", — האָט נתן תיכף אַ טראַכט געטאָן, — „שוין דאַרף ער לאָזן וויסן פון אַזאַ זאַך. ער שעמט זיך דען חלילה. — אָבער..."

זיי האָבן זיך געלאָזט מיט די טרעפּ אַרויף און סעמעלע האָט זיך אויסגעדרייט צו נתנען און אַ כיטרע שמייכל געטאָן צו אים מיט די וואָנצעלעך. נתנען האָט זיך געגלוסט אַרויף נאָך אים, אַ זעץ טאָן אין האַרטן קאַפּעליוש און אים איינקנייטשן. וואָלט ער שוין געוואָרן אויס סעמעלע אין אַן איינגעקנייטשטן קאַפּעליוש. ווייל דאָס גאַנצע סעמעלע, — האָט נתן ווייטער געטראַכט, — האַלט זיך אַזוי וואַזשנע, נאָר צוליב דעם חנעוודיקן האַרטן קאַפּעליוש.

אַ גרויסער טראַק האָט געגעבן אַ פלי־צו צו דער סטאַנציע און צווישן די צייטונגס־פאַרקויפער האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרביטערטע מלחמה. פעטש זיינען געפלויגן און קללות — אָבער מער ניט ווי איין מינוט האָט געדויערט דאָס איינטיילעניש פון די צייטונגען און דער טראַק האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און זיך תיכף אַוועקגעלאָזט צו אַן אַנדער ווייטער סטאַנציע. און באַלד, אין דער צווייטער מינוט, האָט מען שוין געקענט הערן, ווי אויף אַלע גאַסן אין בראָנזוויל שרייען יינגלעך, ווי אין אַ טרעוואָגע: „פאָרווערטס״, „פרייהייט״, „טאָג״! „פאָרווערטס״, „פרייהייט״, „טאָג״!

משה דער משוגענער

שיינע רחל האָט געמאָלקן די ציג און ביידע לאַנדסלייט זיינען געזעסן אויפן גאַניק און געטרונקען טיי פון אַ קופּערנעם סאַמאָוואַר. דער טומל, וואָס איז אָנגעקומען פון די בראָנזווילער גאַסן, האָט אויסגעוויזן, ווי טויזנטער קליינע הינטעלעך וואָלטן געהאַלטן אין איין האַווקען דאָרטן אויף דינע קולכלעך. אַז ס'איז געוואָרן נאַכט איז אַ שטיק הימל געוואָרן רויט און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי די שטאָט ברענט דאָרטן ערגעץ און די פלאַמען גייען גלייך צום הימל. אַ פראַזשעקטאָר מיט אַ ריזיקן פּאַס ליכט, האָט אָנגעהויבן צו זוכן אויפן הימל, אַראָפּגעגנידערט אויפן דאַך פון שפּיטאָל, דערנאָכדעם אויף די פינצטערע „לאָטס״ און געגנישטערט צווישן די שטיינער, גראָזן און אָנגעוואָרפענעם מיסט. די ציג באַכן אויסמעלקן האָט זיך געשראָקן פאַר די שאָטנס, וואָס האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט צווישן די פעלדער, האָט זי געקניט אויף אַלע פיר פונקט ווי צו אַ תפילה, אַ צייט געקוקט אַן אומעטיקע צו די ווייטע לעמפּלעך אויפן וועג, דערנאָכדעם פאַרמאַכט די אויגן און איינגעשלאָפן. אַ טראַמוויי האָט געקלונגען, גע־

יאָגט זיך אין דער פינצטערניש, ווי אַ ליכטיקע שיף אויפן ים, וואָס קומט אָן פון ווייטע לענדער און אײַלט זיך, וואָס גיכער שוין אָנקומען צו דער יבשה.

שימעלעס שטערן איז פאַרשוויצט און זיין קאַפּעליוש איז פאַר־טרויערט. ער קלאָגט זיך פאַר אליעזרן, אַז אַ צייט ווי דער בויך טוט אים וויי. קרעמפּס אַזוינע. אליעזר הייסט אים אַריינגיין צו אַ דאָקטאָר, אָבער שימעלע וויל ניט, קיינמאָל ניט געווען ביי קיין דאָק־טאָר. נאָך דערציילט ער, אַז ער האָט עגמת־נפש פון זיין עלטערן זון בילי. ער גייט זיך פּייטן אין קוני איילאַנד. אַ 25־ער האָט מען אים צוגעזאָגט, אויב ער וועט געווינען. אַ לאַנד, ווי סדום ועמורה: פאַרן שלאָגן זיך צאָלט מען נאָך צו. וואָס זאָל ער טאָן, אַז זיי הערן דעם טאַטן, ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי, מען לאַכט נאָך פון אים ס׳גרעסטע געלעכטער, אויב ער וויל זיך אַריינמישן.

וואָס קאָן אים אליעזר טרייסטן, אַז ער האָט אויך צרות פון קינ־דער. וואָס וועט זיין דער תכלית מיט די מיידלעך זיינע: פאַרבן זיך די ליפּעלעך, לויפן צו בעלער און אין די טעאַטערן, ווערן אַ תל און די חתנים איילן זיך ניט ווייזט אויס. אַ חוץ דעם איז אים צוגעקומען אַ נייע צרה: מען שטעלט זיך דאָ בויען גרויסע טענעמענט־הייזער און ס׳וועט שוין ווערן אויס דאַטשע.

מען האָט ניט געהערט, ווי ער איז אָנגעקומען, נאָר מיט אַמאָל איז ער, משה דער משוגענער, אויסגעוואַקסן אויפן גאַניק און שיינע רחל האָט אַ קוויטשע געטאָן פון דערשרעק. ער איז געבליבן שטיין מיטן זאַק אויף די פּלייצעס און זיין פּנים איז געווען שוואַרץ, ווי די נאַכט און זיינע גרויסע אויגן ווילד און בייז.

ער איז געקומען סטראַשען אליעזרן, אַז אַמעריקע טויג ניט און אַז מאָרגן, אם ירצה השם, פאָרט ער קיין פילאַדעלפיע, ווייל דאָרטן איז בעסער. שימעלע שעמט זיך אויפהויבן די אויגן און אַ קוק טאָן אויף אליעזרן, ווייל יענער איז מלא יסורים, זיצט מיט אַפּגעלאָזענע הענט און איינגעהויקערטע פּלייצעס.

שיינע רחל האָט אָנגעגאָסן אַ גלעזל טיי, אָבער משה האָט ניט גער־וואָלט טרינקען, אַריינגעגאַנגען אין הויז, זיך דורכגעשפּאַצירט אין דער פינצטער איבער אַלע צימערן ביז ער האָט אָנגעטראָפן צו דער קיך־טיר און איז פון דאָרטן אַרויס אויף די פינצטערע פעלדער און זיך געשפּאַנט מיטן זאַק אויף די פּלייצעס און געשאָלטן מיט טויטע

קללות: אַז אַמעריקע מעג ברענען אויפֿן פֿייער, און פֿוסטע מעשיות — ער וועט מוזן פֿאָרן קיין פֿילאַדעלפֿיע.

נאָך זיין אַוועקגיין, האָט שימעלע זיך אויפֿגעהויבן ווי אַ שולדיקער, געזאָגט שטילערהייט אַ גוטע נאַכט און איז אַוועק. אליעזר איז נאָך געזעסן אַ ווייל, דערנאָכדעם האָט ער זיך אויך אויפֿגעהויבן, אָנגעטאָן דעם מאַנטל און מיט אַ צעבראָכן האַרץ אַוועק אויף דער סטאַנציע.

קיינער אין בראַנזוויל האָט ניט געוואוסט אַ חוץ שימעלען — און שימעלע האָט אויך קיינעם ניט דערציילט. שוין יאָרן און יאָרן, אַז ער דרייט זיך אַרום אין בראַנזוויל אַן אָפּגעריסענער מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס און מיט אַ מאָדנע היטל אַזאַ מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק און סטראַשעט יעדן איינעם, אַז ער וועט פֿאָרן קיין פֿילאַדעלפֿיע, ווייל דאָרטן איז בעסער. אין זאַק אַריין קלייבט ער שמאַטעס און די שמאַ־טעס פֿאַרקויפֿט ער צו פּסח דעם שניידער. מענטשן גיבן אים אויך נדבות, נעמט ער זיי צו מיט בייזע אויגן און וויל אַפֿילו ניט אָפּדאַנקען. וואוהין ער טוט אַהין דאָס געלט האָט מען אויך ניט געוואוסט, מען האָט כלומרשט געזאָגט, אַז פּסח דער שניידער נעמט דאָס ביי אים צו. אָבער פּסח, דאָס פֿריילעכע אַלט יידל מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד און רויטינקע בעקעלעך, האָט אַפֿילו ניט געוואוסט, אַז מען האָט אויסגעטראַכט אויף אים אַזאַ מיאוסע זאַך. ער האָט געהאַנדלט מיט שמאַטעס און ביי דער זייט אויך פֿאַרדינט פֿון לייגן לאַטעס אויף אַלטע קליידער. שוין יאָרן און יאָרן געוועז אַליין און געוואוינט אין אַ גרויסן קעלער מיט אַ קיך, האָט ער פֿון רחמנות וועגן מקרב־געווען דעם משהן, אים געגעבן אָפּטמאָל אָפּצועסן און אַ נאַכטלעגער.

שיינע רחל האָט אויסגעדרייט די עלעקטריק, זיך געלייגט אין בעט און אָנגעהויבן צו וויינען. זי האָט באַקלאָגט דעם ביטערן מזל פֿון איר מאַנס ברודער: ער קומט זייער זעלטן אָט־דער משה, אָבער נאָכדעם ווען ער גייט אַוועק, צעגייט איר שיעור ניט דאָס האַרץ פֿון רחמנות און זי וויינט אויף זיין גורל.

משה האָט שוין אָבער לאַנג פֿאַרגעסן, וואו ער איז אָט־ערשט גע־ווען. ער איז אַרויף אויף דער יום־טובדיקער ליכטיקער פּיטקין עווע־ניו — אַ קויטיקער און ברודיקער. פֿריילעכע חברה־לייט האָבן פֿון אים אָפּגעשפּעט, קינדערלעך זיינען אים נאָכגעלאָפֿן און ער, מיט אַ הייזערדיק קול, האָט געשאָלטן מיט טויטע קללות די שטאָט, די גאַסן און יעדן איינעם, וואָס ער האָט באַגעגנט. דערנאָכדעם זיך

צעליגט לעבן אַ קראַם, אונטערגעשפּרייט דעם זאַק און אָנגעהויבן צו ראַיען אויף אַ קול.

— משה, וואָס ווינסטו? — האָבן אים פאַרבייגייער געפרעגט.

משה האָט ניט געענטפערט, ער האָט אויפגעהויבן די האַנט, נאָך שטאַרקער זיך צערעוועט און געמאַכט:

— אוי, אוי, אַמעריקע!

פּיטקין עוועניו

פּיטקין עוועניו איז די שפּאַציר־גאַס פון בראַנזוויל און ס׳קומט אויס ווי אַלע נאַכט וואָלט מען געפּראַוועט אַ יום־טוב אין אַלע העל־באַלויכטענע אייז־קרים־פּאַרלאָרס און אין די פאַרפּוצטע רעסטאָראַנען.

גרויסע שילדן די לענג פון עטלעכע שטאָק מיט רויטע, גרינע, בלויע עלעקטרישע לעמפּעלעך האָלטן אין איין מאַניען צו זיך, בייטן די קאָלירן און חזרן איבער אויף זייער לשון פון ליכט ווידער־אַמאָל און נאָכאַמאָל די זעלביקע ווערטער: „איי, אונטערוועש, שטאַרק ווי אייזן, אייביק, ווי די וועלט איז אייביק״, אָדער „איי, איי, אַ רעסטאָראַן, אַפילו פויגל־מילך, קומט אַריין, קומט אַריין״.

די טאַנץ־זאַלן, אָדער ווי די שילדן זאָגן: „טאַנץ־קאַלעדזשעס״, האָבן בלינדע פענצטער, מען זאָל ניט זען, וואָס ס׳טוט זיך דאָרטן אינווייניק. נאָר דער קלאַרנעט לאָזט זיך הערן איבער דער גאַנצער גאַס.

ציט און מאַניעט.

קליינע ייִנגעלעך לויפן אום מיט פּעק גאַזעטן אונטער די אָרעמס און האָבן קיינמאָל ניט קיין צייט זיך אָפּצושטעלן און פאַרקויפן אַ צייטונג, ווייל דער גאַנצער ענין איז דאָך ניט פאַרקויפן, נאָר לויפן; כדי אַריבערצויאָגן אַלע חברים און אָנקומען דער ערשטער אין אַזויגע פּלעצער, וואו קיין שום צייטונג־פאַרקויפער האָט נאָך מיט קיין פוס ניט געטראָטן.

פּיטקין עוועניו וויגט זיך אין אַ ים פון קאָלירטע קאַפּעלוישן און חנעוודיקע פרויען־היטעלעך. פרישע שטראָמען גיסן זיך אַריין פון די זייטיקע גאַסן, כוואַליען זיך און העשן זיך די קאָלירן און טאַנצן מיט אַלע עלעקטרישע לעמפּעלעך, וואָס אויף די שילדן.

די רייד, וואָס מען רעדט צווישן זיך, הויבן זיך אין דער לופטן, זאַמלען זיך צונויף אין געדיכטע וואָלקנס און שוועבן איבער אַלע

קעפּ און אויף אַלע קוואַרטאַלן פון דער בראַנזווילער ברייטער שפּאַציר־גאַס.

די אויטאָמאָבילן אינמיטן דער עוועניו קאָנען זיך ניט צעיאָגן צוליב דעם געדרענג און שטופּעניש. ציען זיי זיך טריט ביי טריט, ווי אין אַ יום־טובדיקער פּראָצעסיע. די פּאַרלעך דאָרט אין די מאַשינען קאָנען זיך ניט דערוואַרטן ביז מען וועט אַריינפּאָרן אין די ווייניק־באַלויכטענע גאַסן און פאַלן גלייך צו מיט די ליפּן איינער צום אַנדערן און פאַרגעסן זיך פון גרויס צעטראָגנקייט, אַז דורך די פענצטערלעך קאָן די גאַנצע וועלט זען, וואָס זיי טוען.

פּיטקין עוועניו וויגט זיך אין אַ ים פון קאָלירן און נתן וויגט זיך אויך, אַ הויכער און שטאַלטנער, איינער אַליין שפּאַנט ער זיך מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ איבער דער דאָזיקער שפּאַציר־גאַס און פּילט, ווי ער וואַקסט העכער איבער אַלע קעפּ און איבער אַלע הויכע הייזער.

שיינע מיידעלעך זיינען פאַראַן אין בראַנזוויל. שוואַרץ־חנעוודיקע יידישע אַרבעטער־טעכטער, אַזוינע שטאַלטנע און שטאַרקע.

נתנען איז גוט. ער ווייסט ניט פון וואָס ס׳איז אים אַזוי גוט, אָבער אַלע אברים זיינע זיינען אָנגעלאָדן מיט בלוטן.

די בראַנזווילער שיינע מיידלעך, אַז זיי שפּאַצירן איבער פּיטקין עוועניו, גייען זיי חברות־וויז, פאַרנעמען דעם גאַנצן טראָטואַר אין דער ברייט און פאַראַדירן דורך רייע נאָך רייע. בלייבט נתן שטיין אין אַ זייט שטייף און אויסגעצויגן, ווי אַ פעלד־מאַרשאַל, וואָס באַטראַכט זיינע אַרמייען און דאָס האַרץ טאַנצט אין אים פון פרייד.

ער בענטשט זיי, נתן, די בראַנזווילער שיינע מיידלעך, און זאָגט צו זיי אַזוי אין זיין געדאַנק:

געבענטשט זאָל זיין אייער שיינקייט און אייערע שטאָלצע פאַכאַד־קעס. אומעטום זאָלט איר ברענגען פרייד און דערהויבונג. קרעפטיק און נאָכגיביק זאָלט איר זיין ווי שוואַרצע ערד, וואָס איז גוט פאַרן אַקער. וועל איך צוליב אייך אויך ווערן דערהויבן און וועל אייך אויך באַגערן ביזן לעצטן פּיצעלע כח מיינעם.

אַזוי איז נתן געשטאַנען שטייף און אויסגעצויגן ווי אַ פעלד־מאַרשאַל, וואָס באַטראַכט זיינע אַרמייען און די בראַנזווילער שיינע מיידלעך זיינען פאַרבייגעגאַנגען רייע נאָך רייע, אַזויבע שטאָלצע און קרעפּטיקע.

בראַנזוויל וואַקסט

ניט מער ווי אין דריי חדשים האָט מען אויפגעשטעלט נאָך אַ שטיק בראַנזוויל.

אַז ס׳זיינען אָנגעפאָרן די ריזיקע גראָב־מאַשינען, האָט שיינע רחל באַלד געכאַפּט די ציג און זי צוגעבונדן צום גאַניק. איז געשטאַנען די ציג אַ געפּענטעטע, און געמעקעט גאַנצע טעג.

די נייע שטיק שטאָט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די גראָב־אייזנס האָבן אין זיך דעם כח פון טויזנטער רוחות. אַרויף אויף גרויסע קייטן האָבן זיי געגנידערט און זיך געהויבן פון זיך אַליין, געגריזעט גאַנצע שטיקער פעלד און צוגלייך אַרויסגעשפּיגן אין די לאַסט־מאַשינען צעמאָלענע גראָזן, שטיקער שטיינער און ערד.

באַ שיינע רחלען האָט פאַרכאַפּט דאָס האַרץ פון שרעק, ווען זי האָט געזען ווי די שטאָלענע מיילער, ווי בייזע רוחות, נידערן אויף די קייטן מיט אַזאַ מאַכט און מיט אַזאַ זיכערקייט, און גראָבן זיך אַריין אין דער ערד ווי אכזרים, האָט זי מורא געהאַט, אַז טאָמער די שעה זאָל זיך ניט מאַכן, קאָנען זיי זיך אַראָפּלאָזן אויף איר כאַטע און זי אויפהויבן אין דער לופט אַ צעמאָלענע מיט די כלים, בעטן, קישנס און מעבל.

די מאָטאָרן האָבן געקאָכט און געזאָטן. לאַסט־מאַשינען זיינען אָנ־געקומען און באַלד אַנטלאָפן, אַזוי אַ גאַנצע וואָך, און מיט אַמאָל איז ליכטיק געוואָרן דאָס פּלאַץ פאַר אליעזרס הויז אויף מיילן פון אַלע גראָזן און שטיינער.

אָבער ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, און איטאַליענער, פּאָליאַקן און רוסן זיינען אָנגעקומען איינמאָל אַ פרימאָרגן אין שטויביקע קליידער און זיך גענומען ראָיען אין די גריבער. מאַשינען האָבן זיך אָנגעהויבן צו ציען גאַנצע וואַלקנס־ווייז מיט שטיינער, ציגל, געהילץ און שטאָ־לענע באַלקנס, און עס האָבן אָנגעהויבן שפּראָצן רויטע ווענט און זיי זיינען געוואַקסן פון שעה צו שעה.

ביינאַכט האָבן געברענט פייערן לעבן די געביידעס און די וועכטער, עלטערע יידן, מיט שטעקנס, זיינען אַרומגעגאַנגען און געסטוקעט אין געהילץ און זיך אַליין געשראָקן פאַר זייער אייגענער קלאַפּעריי.

די נייע הייזער האָבן זיך אָנגעהויבן צו רוקן אויף אליעזרס כאַטע פון אַלע זייטן, און זי זיינען שוין אויסגעוואַקסן גאָר הויך, איז גע־

וואָרן פינצטער אין הויז אינמיטן טאָג.

צו האַרבסט־צו זײַנען שוין די הײַזער געווען אויסגעווייסט. מיט גלאַנציקע פענצטער און גרינע דעכער האָבן זיי זיך געצויגן אויף מײַלן די לענג.

פון ניו יאָרק און פון די בראָנקס זײַנען ווײַבער אָנגעקומען, זיך אַרומגעדרייט אין די ליידיקע גאַסן, געגאַנגען פון טיר צו טיר, גע־שטיגן די טרעפּ און באַטראַכט די צימערן.

אליעזר האָט געוואוסט, אַז ס'איז שוין דער לעצטער פאַרנאַכט, ווײַל מאָרגן וועט מען זיך שוין קליַיבן אַהער. מאָרגן איז דער באַרימטער טאָג אין ניו יאָרק, ווען די גאַנצע שטאָט „מופּט". איז ער געזעסן אויפן ליכטיקן גאַניק, פאַרן סאַמאָוואַר, געזופּט און געטרונקען טיי פון לעפעלע.

שיינע רחל איז געזעסן אויף די טרעפּ און געבענקט נאָך דער ציג. מאַן און ווײַב האָבן ניט אויסגערעדט קיין וואָרט די גאַנצע צייט פון גרויס צער, פּונקט ווי מען וואָלט ערשט אָנגעוואוירן אַן אייגן קינד.

אויף אַ שטריק האָט זי אליעזר געפירט אין פּראָספּעקט פּאַרק. די שטומע בהמה האָט ניט געוואוסט, וואוהין מען פירט זי, איז זי אונטער־געשפּרונגען פריילעך, נאָך אַזוי פיל חדשים זיין געפּענטעט צום גאַניק. אַז זי האָט דערזען די גרינע פעלדער דאָרטן אין פּאַרק, די בלומען און פרישע גראָז, האָבן אירע אויגן אויפגעלויכטן און זי האָט זיך אַזש צעמעקעט פון פרייד. אליעזר האָט זי געגלעט איבערן האַלדז, איר אַרײַנגעקוקט אין די אויגן און גערעדט צו איר, ווי צו אַ מענטשן, ווען זיי האָבן ביידע זיך אָפּגעשטעלט פאַרן אָפיס פון פּאַרק־פאַרוואַל־טער:

— מילאָ, וואָס זאָל מען טאָן, וועסט מיר שוין מוזן מוחל זײַן. ניט מחמת שנאה און ניט מחמת רוגז טו איך דאָס.

אַלע ציגן זײַנען זיך צונויפגעלאָפן, ווען מען האָט זי אַרײַנגעפירט אין אַ הויף אַזאַ, אַרומגעצוימט מיט הויכע דראָטענע ווענט. זיי זײַנען געבליבן שטיין פונדערווײַטנס און באַטראַכט דעם גאַסט מיט טאַ־מעוואַטע בערד. זי האָט זיך פאַרלוירן און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אליעזרן, וואָס איז געשטאַנען אַ טרויעריקער פון יענער זייט וואַנט און ניט אַראָפּגענומען זײַנע אויגן פון איר. די ציג איז צוגעלאָפן מיט אויסגעשטרעקטע הערנער צו די דראָטן און אַ בוצקע געטאָן. די דראָטן האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן, אַ דרימזשע געטאָן, זיך באַ־

רואיקט און געבליבן ווייטער ווי געווען. איז די ציג געבליבן שטיין אַפּהענטיק און זיך געחידושט. אליעזר האָט שוין מער ניט געקאָנט פאַרטראָגן, זיך אַוועקגעדרייט און זיך געלאָזט גיין. האָט די ציג אויסגעצויגן דעם קאָפּ, נאָכגעקוקט דעם באַלעבאָס, ביז וואַנעט יענער איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין אַ זייטיקער גאַס. און אַז ער האָט ניט געסטאַיעט, האָט זי זיך אומגעקערט צו די איבעריקע ציגן, געפרעגט זיי עפּעס אויף שטום־לשון, אָבער יענע זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דעם פריערדיקן פּלאַץ און געשוויגן. אַז קיינער האָט איר ניט געענטפערט, האָט זי געקניט אויף דער ערד, אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף די פאָדערשטע קני און געבליבן אַזוי ליגן אַ פאַריתומטע און אַ פאַרעלנטע.

אליעזר האָט שוין פאַרקויפט די שטוב צו דער קאָמפּאַני. מאָרגן וועט ער זיך שוין אַרויסקלייבן. די קאָסטנס זיינען שוין פאַרפּאַקט. דאָס מעבל איז שוין אַוועקגענומען, נאָר די בעטן שטייען נאָך אויף זייער פריערדיקן פּלאַץ. פליגעלעך מחנותוויז זיינען זיך אָנגעפלויגן און באַפאַלן דאָס עלעקטרישע לעמפל אונטער דער סטעליע. אליעזר האָט ניט געקאָנט פאַרליידן, ווי זיי פאַלן נעבעך אָפּגעבריטע אויף דעם טיש און אויפן דיל, איז ער געבליבן זיצן אין דער פינצטער און געטאַפּט די וואַרעמע גלאָז טיי. פונדערוויטנס האָבן געברענט פייערן און אין די פּוסטע גאַסן זיינען ייִנגלעך געקומען אַ גאַנצע מחנה פון בראָנזוויל, אַריינגעשטעקט די קעפּ אין די אָפענע פענצטער און אַריינגעשריען אין די ליידיקע צימערן, עמיצער דאָרט איבעוויייניק האָט זיך זיי נאָכגעקרימט, האָבן זיי אים געזידלט מיט מיאוסע ווערטער. אָבער יענער האָט זיי צוריק געזידלט מיט די זעלבע ווערטער. זיינען זיי געוואָרן אין כעס, די ייִנגלעך, געכאַפּט שטיינער און אַריינגעוואָרפן. אַזאַ זאַך האָבן שוין די וועכטער ניט געקאָנט פאַרטראָגן און זיי זיינען אָנגעלאָפן מיט די שטעקנס. אָבער בראָנזווילער ייִנגלעך שרעקן זיך ניט פאַר אַלטע ייִדן מיט שטעקנס. — אַדרבא, אדרבא, לאָזן יענע נאָר אָנהויבן.

אליעזר האָט געשפּאַנט צו דער סטאַנציע, ווי אַן אַלטער ייִד מיט דריבנע טריטעלעך און אַראָפּגעלאָזטע פּלייצעס.

גאַנץ פרי זיינען אַריינגעפאָרן אין דער נייער שטאָט טראָקס מיט בעבעכעס, שאַפעס, טישן, בענקלעך, טעפּ און בעטן. ווייבער מיט קינדער זיינען אָנגעקומען גאַנצע סטאַדעסוויז און ס'האָט זיך אויפ־

געהויבן אַ גערודער איבער אַלע קוואַרטאַלן. אַ גאַנצן טאָג האָט זיך געקאָכט און געראַשט. פאַרנאַכט צו האָבן שוין געברענט ליכט אין די הייזער און אויף די פענצטער האָבן געהאַנגען אויסגעפּרעסטע ווייסע פאַרהאַנגען. וויקטראָלאַס האָבן שוין געשפּילט און קינדער זיינען שוין אומגעלאָפן איבער די גאַסן, געשפּילט באָל און געשריען אויף די מאַמעס, וואָס זיינען געזעסן אויף די טרעפּ, אַז מען זאָל זיי געבן ניקלס, וועלן זיי לויפן קויפן אייז־קרים אין די שפּאָגל־נייע קענדי־סטאָרס.

אליעזר האָט זיך איבערגעקליבן אין פּאָול סטריט אויפן פינפטן שטאָק אין צוויי צימערן מיט אַ קיך. ער איז ניט געוואוינט געווען צו דער לופט, האָט ער געהוסט און געשפּיגן און געווען זייער בייז אויף שיינע רחלן, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן אין דער וויגשטול אַן איינגענוריעטע און געבורטשעט ווי אַ קאַץ.

— וואָס זיצסטו דאָ גאַנצע טעג, נעבּיי וואָלסטו אַביסל אַרויסגע־גאַנגען אויפן סטופּ כאַפּן פרישע לופט. שיינע רחל האָט ניט געהערט, האָט זי געשמייכלט אַ שולדיקע און געשוויגן.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אליעזר געגאַנגען, כאָטש נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן אויף זיין כאַטע, ווייל ס׳האָט אים שטאַרק געצויגן אַהין. אָבער פון זיין כאַטע איז שוין מער קיין סימן נישט געווען. געבליבן: אַ הויכע רעשטאָוואַניע מיט פאַרריסענע שפּיצן האָט געקוקט צום פאַר־נאַכטיקן הימל און אונטן, פון בייעם געלייגטן פונדאַמענט, האָבן שוין געוואַקסן רויטע ציגעלנע ווענט. משה דער משוגענער איז געלעגן אויף דער ערד לעבן אַ קופּע געהילץ און געראַיעט, אַז ער האָט דערזען דעם ברודער פונדערווייטנס, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט אַ געפּעס־טשעטן קול:

— ס׳איז דו, אליעזר?

— איך, משה.

— וואו זשע איז די ציג?

— ניטאָ.

— נו, און דיין הויז?

— אויך ניטאָ.

אליעזרן האָבן געבראָכן די פיס און אין האַרצן האָט אים אָנגעה־הויבן צו קלעמען, האָט ער זיך צוגעזעצט לעבן משהן, זיך איינגע־הויקערט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— אליעזר, דו ווייסט? — האָט משה אַ טאָרע געטאָן דעם ברודער מיט דערשרעק.

אליעזר האָט ניט געענטפערט און געהאַלטן אין איין אויפציטערן. דענסטמאָל איז פּלוצלונג ביי משהן, פון רחמנות צו זיין ברודער, געוואָרן זייער קלאָר אין מח און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די נאַכט איז מיט אַמאָל ליכטיק געוואָרן און ער קען זען אַלצדינג אַרום און אַרום. האָט ער אָנגעשפּאַרט זיין אַקסל אויף אליעזרן און אַ מאַך געטאָן ווי אַ קלאָרער מענטש:

— נו, שאַ, נעם זיך ניט צום האַרצן. ווייסטו גאָר וואָס, לאָמיר ביידע פאָרן קיין פילאַדעלפיע, דאָרטן איז בעסער.

דער וועכטער איז צוגעקומען מיטן שטעקן און אויסגעשריען זייער בייז:

— וואָס דאַרפט איר האָבן דאָ, אַוועקעט פון דאַנען.

— האָבן זיי זיך ביידע אויפגעהויבן און ביי משהן אין מח האָט זיך אַלצדינג צוריק אויסגעלאָשן און ער האָט שוין קיינעם ניט דער־קענט. ער איז געבליבן שטיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קולאַק און זיך געשאָלטן:

— אוי, אַ רוח אין אייער טאַטנס טאַטן אַריין, אַ מיתה משונה, אַ כאָליערע, אַ מגפה.

אליעזר מיט שטילע טריט, ווי אַן אָבל, האָט אַוועקגעשפּאַנט אַהיים.

סעמעלע מאַכט אַ „פּאַרטי"

סעמעלע וואוינט אין אַן אַפּאַרטמענט הויז, ווייסע ברייטע טרעפּ פירן אין אַן אויסגעפּוצטן קאָרידאָר מיט שפּיגלען. טייערע קאָוויאָרן זיינען אויסגעשפּרייט אומעטום און אַלע טירן גלאַנצן דאָרטן, ווייל זיי זיינען באַשפּרענקלט מיט אַזוינע טייערע פאַרבן.

סעמעלע האָט געמאַכט אַ פּאַרטי. איינגעלאַדן האָט ער בחורים און מיידלעך נאָר פון זיין גלייכן. נתן וועט דאָרט אויך זיין, — אַזוי האָט איווא געוואָלט. דער טאַטע זיינער האָט זיך אויסגעקעמט די באָרד. מיט דער יאַרמולקע אויפן קאָפּ און מיט דער שבתדיקער קאַפּאָטע האָט ער זיך געזעצט פון אויבן אָן אין דער ווייכער שטול און האָט צוגעגעבן גרויס חשיבות צו דער גאַנצער שמחה. די גוטע מאַמע זיינע האָט אַרומגעפּאָרעט זיך צווישן די געסט אין געבלימטן

זיידענעם קאָפּנטיכל און דערלאַנגט אַלצדינג, וואָס זי האָט צוגעגרייט פון דער ברייטער האַנט. זי ווייסט שוין, אַז היינט וועט אויך קומען אַ מיידל, וואָס סעמעלע האַלט אין איין רימען איר שיינקייט. זי וועט איר היינט באַטראַכטן און אויב זי זעט אויס צו זיין אַ כשר קינד, פאַרוואָס ניט, לאָז זיין מיט מזל. ס'איז דען נאָך ניט צייט?...

צום אַלעם ערשטן זיינען אָנגעקומען די פּראָפעסיאָנעלע פּאַרטי־גייער, וואָס זוכן דיר אויס אונטער דער ערד אַ שמחהלע אויף יעדן שבת און ברענגען מיט זיך זייערע מיידלעך. עסן און טרינקען, טאַנצן און זינגען — און דערנאָכדעם, שפּעט אין דער נאַכט, אין סאָבוויי, אויפן וועג אַהיים, האַלטן זיי אין איין אָפּחוזקן און אָפּשפּעטן פון באַלעבאָס מיט דער גאַנצער משפּחה.

פאַר יעדן איינעם פון די אַריינגעקומענע האָט סעמעלע ברייט צעעפנט די טיר, זיי אַריינגעפירט אין שלאָף־צימער, זיי זאָלן אַוועק־לייגן דאָרטן אויפן גרויסן בעט זייערע מאַנטלען און שליאַפּעס. דער־נאָכדעם האָט ער יעדן איינעם אַריינגעפירט אין עס־צימער, צו זיין טאַטן אין דער יאַרמולקע, און פאַרגעשטעלט. דער טאַטע האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן, האָט ער געשמייכלט פאַרלוירן און זיך גע־נויגט פאַר זיי, ווי פאַר פריצים און די באָרד זיינע האָט זיך מיט־גערוקט. די מאַמע אָבער שעמט זיך שוין ניט. זי האָט שוין פון לאַנג געוואוסט, אַז אַמעריקע איז אַ לאַנד פון טשיקאַוועקייט און מען דאַרף שוין ניט ווערן איבעראַשט פון קיין שום זאַך. איז זי אויך ניט איבעראַשט געוואָרן פאַר די עלעגאַנטע בחורים און פאַר די מיידלעך מיט די געפאַרבטע ליפּעלעך און נאַקעטע הענט און אַקסלען. זי האָט פרום זיך געגויגט צו זיי און מיט גרויס פריינטשאַפט זיי געבעטן זיך זעצן און פאַרזוכן פון די געבעקסן.

איוואַ איז אָנגעקומען שפּעטלעך. סעמעלעס מאַמע איז באַלד צו צו איר, אָנגענומען אירע ביידע הענט און געוואָרעמט איר מיט די אויגן און געוואָלט זיך צעווייגען פון נחת. „אַ שטאַלטנער בוים איז זי דאָס מיידל און שיין ווי די זיבן הימלען". סעמעלע האָט איר מאַנטל און הוט ניט אַוועקגעלייגט אין שלאָף־צימער אויפן בעט, נאָר פאַרשלאָסן אין שאַפע אויף אַ באַזונדער אָרט. דערנאָכדעם צוגעגאַנגען צו איר, גענומען איר האַנט און געדריקט זייער שטאַרק מיט גרויס געפיל. איוואַ האָט אָבער געזוכט נתנען און אַז זי האָט אים ניט געפונען, איז איר איינגעפאַלן, אַז אפשר האָט אים סעם גאָר אינ־גאַנצן ניט איינגעלאַדן.

נתן האָט געזוכט דעם נומער פון הויז און איז פאַרקראָכן אַ מייל ווייטער, און די גאַס, 10טע עוועניו, איז אַ לאַנגע, ציט זיך אויף צענדליקער מיילן. ער איז אָנגעקומען אַ פאַרשוויצטער צו דער טיר און אָנגעהויבן צו קלינגען, אָבער קיינער האָט ניט דערהערט, ווייל די וויקטראָלע האָט געשפּילט, די פּאָרלעך האָבן זיך געדרייט און דאָס יונגוואַרג האָט אונטערגעזונגען. סעמעלע האָט געטאַנצט מיט איוואַן און איז געווען פאַרחלשט. ער האָט בשעת מעשה געהאַט אויף זיך אַליין גרויס רחמנות, וואָס ס'איז אים אַזוי גוט צו זיין מיט איר, און ערשט איצט, אַז ער האָט דערפילט די וואַרעמקייט און סאַמעטקייט פון איר קערפּער, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז אָן איר וועט ער שוין ניט קאָנען לעבן און ער וועט שוין מוזן חתונה האָבן מיט איר.

אַז נתן האָט געקלונגען און קיינער האָט אים ניט געענטפערט, האָט ער אַליין אויפגעעפנט די טיר און איז אַריין אין קיך. אַן אַלטער ייד מיט אַ פולער באָרד מיט ברעקלעך, איז דאָרט געזעסן און געדרימלט אָנגעשפּאַרט אויפן ווענטל פון שטול מיט אַן אָפן מויל. ער איז אַריין אין צווייטן צימער, אָבער דאָרטן האָט אים קיינער ניט באַמערקט, ווייל מ'איז געווען פאַרטאָן אין טאַנצן, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט און איז געבליבן שטיין אַ פאַרלאָרענער.

איוואַ האָט אים דערזען שטיין אין ווינקל און דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהויבן צו קלאַפּן. זי האָט זיך ניט געגלויבט, אַז דאָס איז ער, ווייל אין האַלב טונקלען צימער, צווישן די וואָלקנס רויך פון די סי־גאַרעטן, האָט ער אויסגעזען, ווי אַ געשטאַלט אויפן לייוונט אין די מואווים. זי האָט זיך אַ האַסטיקן ריס געטאָן פון איר קאָמפּאַניאָן און סעם איז געבליבן שטיין מיט אַזאַ מינע, ווי ביי אַ קינד, וואָס מען האָט ביי דעם אַוועקגעריסן דאָס זויג־פלעשל... ער האָט ניט פאַר־שטאַנען, וואָס דאָס מיינט, אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, ווען ער האָט דערזען, ווי איוואַ קוקט אַרויף צו בתנען אַ שטראַלנדיקע און יענער שטייט אויסגעצויגן, ווי אַ סאָלדאַט, מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט און ווייסט ניט וואָס צו טאָן.

ווי אַזוי מען האָט פאַרבראַכט אויף דער „פּאַרטיי"

סעמעלע איז אַרומגעגאַנגען אַרום נתנען און איוואַן, ווי אַ קאַץ אַרום דער באַלעבאָסטע, וואָס מאַכט אַן עוף. אָבער ס'איז גאָרניט אַרויסגעקומען, ווייל זיי האָבן בײדע זיך שוין ניט צעשיידט. אין פינצ־טערן צימער, וואו ס'ליגן די מאַנטלען האָבן זיי זיך ביידע געזעצט אויפן בעט. ביי נתנען האָט געפּלאַטערט דאָס האַרץ, די הענט האָבן אים געפלאַמט און ווי אַ גבור, אַ העלד, וואָס ווערט הפקר פאַר יעדער געפאַר, אַזוי איז ער אויך געוואָרן מיט אַמאָל הפקר און מיט גרויס געוואַגטקייט זי אַרומגענומען. איוואַ האָט זיך ניט געווערט און איז געבליבן ליגן אין זיינע הענט און געציטערט ווי אַ הון, וואָס מען כאַפּט זי אויף אַוועקצוטראָגן צום שוחט. ביים בחור איז געוואַקסן דאָס האַרץ און ער האָט פלוצלונג דערפילט, אַז ער איז זייער וויכטיק אויף דער וועלט און ווען ער וויל נאָר גיט ער זי אַ קוש אויך.

סעמעלע איז אָבער מיט אַמאָל אַריינגעלאָפן און געלאָזט וויסן מיט גרויס גדולה, אַז די וויקטראָלע שפּילט שוין אַ וואַלס און אויב איוואַ וויל מיט אים טאַנצן, איז ער גרייט. זיי האָבן ביידע זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי צוויי גנבים, וואָס מען פּאַקט זיי ביי דער אַרבעט און זיי זיינען געבליבן זיצן פאַרשעמטע און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. נאָכ־דעם, ווי סעמעלע איז אַרויס, האָט זיך אָפּגעטאָן די גאַנצע גבורה פון נתנען און ער האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין אַלע זיינע אברים און אַ מין צער איז אים באַפאַלן, ער האָט שוין מערער איוואַן ניט אַרומגענומען. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און איז געבליבן זיצן מיט גרויס בענקשאַפט.

סעמעלע איז צום צווייטן מאָל אַריינגעלאָפן און ווידער מיט גרויס גדולה געלאָזט וויסן, אַז די וויקטראָלע שפּילט שוין אַ פאָקסטראָט. אָבער ער האָט ווידער געמוזט אַוועקגיין מיט גאָרניט. צום דריטן מאָל, ווען ער איז אַריין, האָט ער זיך גאַנץ פּשוט אַריינגעזעצט אין בעט אַריין לעבן זיי און ניט מיר, ניט דיר, זיי אָנגעזאָגט אַ בשורה, אַז ער האָט אַריינגענומען אַ נייעם סטייל קליידלעך אין שאַפּ אַריין און אַז נתן וועט אין אָנפאַנג ניט וויסן ווי אַזוי צו פּרעסן, אָבער נישקשה, סעמעלע וועט אים שוין ווייזן. „ער איז ביי מיר אַ פעאיקער יונג", האָט סעמעלע אים פאַרלויבט פאַר איוואַן. נתן איז געווען ברוגז, וואָס ער דערמאָנט אים וועגן שאַפּ, איוואַ האָט זיך אויך אָנגעכמורעט,

אָבער סעמעלען האָט דאָס ניט געאַרט. ער האָט געוואוסט, אַז מען וויל פון אים פּטור ווערן, נאָר סעמעלע איז ניט נתפּעל געוואָרן פון דעם, ער האָט זיך נאָך טיפער אַריינגעזעצט אין בעט און זיי ווידער אָנגעזאָגט אַ בשורה, אַז ער גייט בייטן זיין שעוראָליי אויף אַ ביואיק. ער האָט אויך געפרעגט נתנען צי יענער איז אַמאָל אויף זיין לעבן געפאָרן אין אַ מאַשין, אויב ניט וועט ער אים מכבד זיין מיט אַ „פאָר״. ס'איז סעמעלען אויך אינטערעסאַנט צו וויסן, צי אין יוראָפּ זיינען אויך פאַראַן מאַשינען. יאָ? — ער האָט גאָרניט געוואוסט.

ניט נאָר איז דאָ, — האָט נתן געענטפערט אַ צערייצטער, — נאָר ער אַליין האָט געהאַט אַן אייגענע מאַשין. אַ גרויסע אַזאַ מיט אַ ניקל־נעם לאָמפּ פון פאָרנט און אַז ער האָט געגעבן אַ קוועטש אַזאַ מין פוכיר, האָט דאָס געגעבן אַ פּייף, אַז מען האָט דאָס געקענט הערן אויף דער צווייטער גאַס. יאָ, נתן האָט געהאַט אַן אייגענע מאַשין און איז געפאָרן אין איר, אַזש ביז קיין וואַרשע און צוריק. און נאָך האָט ער געוואָלט זאָגן, אַז סעמעלע זאָל גיין צו אַלדי שוואַרצע יאָר און אים מער ניט דולן קיין קאָפּ, אָבער ס'פאַרמאַנדל איז לייטיש און מאַכט: „אַזוי, אַזוי, אַי סי״. נו, און ענגליש קען שוין נתן רעדן? און אויב ניט, זאָל ער זען למען השם לערנען, ווייל אין אַמעריקע מוז מען קענען ענגליש, יו נאָו.

אין צווייטן צימער האָט מען שוין ניט געטאַנצט, מען איז געזעסן אויסגעזעצט אויף די בענק און אויף דער פאָדלאָגע און געשפּילט „גיימס״. אַלע „גיימס״ האָבן געפירט צום קושן. אָבער די באַליבסטע שפּיל איז געווען דער פּאָטשטאַליאָן: אַ בחור אָדער אַ מיידל, גייט אַרויס אין צווייטן צימער, קומט צוריק, קלאַפּט אָן אין טיר:

— וואָס איז? — פרעגט די חברה.

— איך האָב אַ בריוו.

— פאַר וועמען?

— פאַר דער און דער. און דאָ רופט דער בחור אָן דעם נאָמען פון דעם מיידל אויף וועמען ער האָט געוואָרפן אַן אויג.

— מיט וויפיל מאַרקעס איז דיין בריוו? — פרעגט מען אים.

— מיט אַזויפיל און אַזויפיל.

נאָך דער צאָל פון די מאַרקעס אַזוי פיל קושן דאַרף ער איר געבן. דאָס מיידל הויבט זיך אויף אַ פאַרשעמטע און גייט אַריין אין צווייטן צימער. ס'געפינען זיך שוין אַזוינע בעלי־טובות, וואָס פאַרשליסן

די טיר און אין דער קורצער צייט, וואָס דאָס פּאָרל פֿאַרברענגט דאָרטן, צעשפּילט זיך די פֿאַנטאַזיע זייער ווייט ביים עולם. אַלע פּנימער פֿלאַמען, אַלע אויגן ברענען...

נתן האָט אויך געדאַרפֿט זיין דער פּאָטשטאַליאָן. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און געלאָזט וויסן, אַז ער האָט אַ בריוו פֿאַר איוואַן מיט איין מאַרקע.

זי איז געשטאַנען פֿאַר אים אין דער פֿינצטער מיט אויסגעשטרעקטע ליפּן און פֿאַרמאַכטע אויגן. דער גאָרטן איז געשטאַנען אַן אָפֿענער פֿאַר נתנען און ער האָט נאָר געדאַרפֿט אַריינשפּאַנען, אָבער די בלוטן האָבן ביי אים צופֿיל געשפּילט, און אַ גרויסע מורא איז אים באַפֿאַלן. ער האָט אַזש ניט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם.

„וואָס געדויערט דאָס אַזוי לאַנג?" — האָט סעם געליאַרעמט און געוואָלט אויפֿרייסן די טיר. מען האָט אים ניט געלאָזט און ער איז נעבעך געשטאַנען אַ טרויעריקער און ער האָט אויסגעלייגט אין זיינע געדאַנקען, גאָט ווייסט, וואָס ס'קומט דאָרטן פֿאָר?...

פֿאַרטאָג־צו האָט מען זיך אָנגעהויבן צעגיין. סעמס מאַשין איז שוין געשטאַנען פֿאַרן הויז און געהודיעט. ער וועט אָפּפֿירן איוואַן אַהיים, און איוואַ גייט מיט נתנען אַראָפּ די טרעפּ, אָנגעשפּאַרט אויף זיינע אַקסלען, נתן נידערט אַזוי פֿאַרזיכטיק און וואָלט געוואָלט זי זאָל זיך מערער אָנשפּאַרן. נישקשה, ער וועט זי אויסהאַלטן... ערגעץ אין אַן אַפּאַרטמענט פֿאַרגייט זיך אַ קינד מיט אַ ביטער געוויין, נתן האָט רחמנות אויף דעם קינד און דערפֿאַר וואָס ער האָט רחמנות, לאָזט ער אויס זיין גוט האַרץ צו איוואַן, נעמט זי אַרום זייער איידל אַרום איר טאַליע און פֿירט זי אַראָפּ די טרעפּ מיט פֿיל צאַרטקייט.

סעם האָט געטריבן די מאַשין און דערוויילע געכאַפּט אייגעלעך אין שפּיגל, וואָס איבער אים און ס'האָט אים געקרענקט צו זען, ווי זיי טוליען זיך ביידע, ווי אַ פּאָר טייבעלעך. נאָך וואָס, דאַרף ער אים אויך פֿירן אין זיין אויטאָמאָביל פֿאַרשטייט ער נישט. אָבער ער קירעוועט די ראָד אויף די בראָנזווילער לידיקע גאַסן און אַן עקשנות באַפֿאַלט אים און אויך אַ זיכערקייט. ווייל וואָס איז ער נתן? — אַ פּשוטער פּרעסער און אַ גרינער דערצו. אָבער ער, סעם, איז אַ פֿאַר־מאַן איבער אַזאַ גרויסן שאַפּ, פֿאַרמאָגט אַן אייגענע מאַשין און ער האַלט זיך אויך פֿאַר אַ גאַנץ אינטעליגענטן מענטש.

פּראָספּעקט פּאַרק

די קילע וואַסערן וואַשן אָפּ אַלע געדאַנקען און אַרום און אַרום שטייען ביימער, וואָס ציטערן גרינע און ליכטיקע.

אין פּראָספּעקט פּאַרק, אויף די שוואַרצע גלאַנציקע וועגן פליען בלישטשענדיקע אויטאָמאָבילן מיט בחורים אין ווייסע שטרויענע קאַפּעליושן און מיידלעך אין רויטע היטעלעך. די ביימער זיינען הויכע, די גראָזן זיינען טיפע. באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ ציען זיך טאַטעס און מאַמעס מיט אַ סך קינדערלעך מיט קאָשיקעס אין די הענט, פול מיט נאַשערייען און עסנוואַרג אויף אונטערלייגן זיך דאָס האַרץ. וועווערקעס לויפן ביי די וועגן מיט פאַרקאַטשעטע פוכינקע וויידעלעך. דערזעען זיי עמיצן אָנקומען, דערשרעקן זיי זיך ניט, שטעלן זיך אויף די פעדערשטע פיסלעך, ווי אַ קאָמעדיאַנטשיק. מיט כיטרע אומרואיקע אייגעלעך, וואַרטן זיי מען זאָל זיי צווואַרפן אַ ניסל און אַז זיי פּאַקן דאָס ניסל, שפּרינגען זיי אַוועק צווישן די טיפע גראָזן, פאַרבאַהאַלטן זיך, כדי די חברטע, וואָס הענגט אויף אַ צווייג און לויערט אויף זיי, זאָל ניט אָנקומען און אויסכאַפּן.

גאַנצע פעלדער מיט רויטע, געלע און ווייסע בלומען; און דער הימל אויבן איז אַ בלויער און רואיקער. פון די פאָנטאַנען הויבן זיך סטענגעס מיט וואַסער גאָר הויך, אין דער לופטן ווערן זיי צעבראָכן און פאַלן אויפן גראָז אין קליינע זילבערנע טראָפּנדלעך.

אונטער די קילע ביימער פּראַווען די משפחות זייערע סעודות פון האַרטע אייער, באַנאַנעס, פלעשלעך מילך און סאָדאָ־וואַסער און אין די שאָטנדיקע פאַרוואָרפענע באַהעלטענישן ליגן די מיידלעך פאַרחלשט מיט פאַרמאַכטע אויגן און פלאַמענדיקע האָר, אין די אָרעמס פון זייערע געליבטע און לאָזן זיך קושן פון בחור, פון דער קילער לופט און די שמעקנדיקע ריחות.

דער טייך הויבט זיך, וויגט זיך פון די צענדליקער שיפלעך און פון די פריילעכע אויסגעשרייען. אַרום און אַרום זיינען אַלע בענק באַזעצט, ווי אין אַ צירק, וואו ס׳דאַרף פאָרקומען די גרויסע פאָרשטעלונג. פון די טיפע קלאָרע וואַסערן קוקט אַרויס אַ פאַרקערטער הימל, און ביימער וואָס שטייען אויף די קעפּ מיט די פיס אַרויף. אינמיטן טייך האָט זיך די זון צעלייגט און שטראַלן טאַנצן אויף די כוואַליעס, וואָס די שיפלעך מאַכן אָן.

די מיידלעך ציטערן און קוויטשען, ווען איין שיפל צעבוצקעט זיך מיטן צווייטן. ביי נתנען ווערט אַזאַ זאַך ניט פּאַסירן. ער קען פירן אַ שיפל נאָך פון דער היים. דאָרטן איז דער טייך געווען אַ פרייער און ברייטער. פלעגט ער זיך אויפשטעלן אין דער גאַנצער לענג זיינער און מיט אַ לאַנגן רודער, וואָס טרייבט די וואַסער מיט בײדע עקן, איז ער געפלויגן איבער דער ברייטקייט און זיך געזונגען אַ ליד.

איוואַ איז איצט גליקלעך, אירע האָר האָבן זיך פאַרלוירן און זיך צעשויבערט. אויף אירע שטאַרקע שטאַלטנע פּיס, וואָס ליגן אויס־געצויגן אויפן דעק, טאַנצן אַרום זוניקע שטראַלן און פון אונטער איר קורץ ווייס קליידל, ווינקט אַרויס אַ שטיקל בלויקייט. נתן מוז וויסן, וואָס איז אַזוינס די בלויע זאַך דאָרטן... ער כאַפּט אַ גנבהשן קוק אַלעמאַל און קאָן נאָך אַלץ ניט אויסגעפינען. איוואַ האָט עס באַמערקט און אַ פאַררויטלטע אַראָפּגעצויגן דאָס קליידל. אַ דאגה האָט ער, נתן; ווערט ער ניט וויסן. — ער לייגט זיך אָן אויף די רודערס מיט כח און פלינקייט און דאָס שיפל טראָגט זיך מיט זיין ליכטיקער מיידל אַנטקעגן אים צום ווייטן ברעג, וואו דאָרט שטייט אַ גרויסער בוים מיט אַ סך צווייגן.

פאַרנאַכט האָבן זיך אַלע וועגן און אַלייען זיך אָנגעכאַפּט מיט אַ זילבערן פייער אָן די טויזנטער מענטשן, די בענקלעך און די גראָזן האָבן אָנגעהויבן צו שיינען ווייסע און ליכטיקע.

איוואַ איז אויסגעבונדן מיט דעם פּאַרק און ווייסט אַלע וועגן. האָט זי אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אים אַוועקגעפירט וויט־ווייט ערגעץ אין אַ טאַל, וואוהין ס'האָט קוים דערגרייכט דער טומל פון די שפּאַצירנדיקע.

אַ פלאַם־פייער האָט נתנען אַ שפּרונג געטאָן אין די אויגן און די פינצטערניש איז מיט אַמאָל געוואָרן איינגאַנצן רויט. האָט ער פאַר־מאַכט די אויגן און מיט גרויס דורשטיקייט זיך געצויגן צו אירע ליפּן און אַז ער האָט זיי דערגרייכט, האָט ער זיך שוין גאָרניט גע־וואָלט אָפּרייסן פון זיי, ווייל אַלע ריחות און זאַפטן פון דער ערד זיינען דאָרטן געווען פאַרבאַהאַלטן און ער האָט געזופּט די ריחות מיט קליינע טראָפּנס און ער האָט שוין ניט געדענקט, צי אַ חוץ זיי איז נאָך דאָ ערגעץ אַ וועלט...

שימעלעס יום־טוב

אַ הייסער זונטיק אין בראָנזוויל. די העלע ליכטיקע גאַסן זיינען כמעט ליידיק, ווייל אַלע זיינען זיך צעפאָרן אין די שאָטנדיקע פּאַרקס און צו די קילע ים־ברעגן. רבקה, שימעלעס ווייב, איז געפאָרן קיין קאָנאַרסי מיט אַ קאָשעק אָנגעשטאָפּט ביזן ווערך מיט פאַרשיידענע עסנוואַרגן: אַ גרויסע חלה, אַ שטיק הון, עפּל, באַרן, באַנאַנאַס און אַ שטיק אַרבוז. דאָס אַלעס האָט זי מיטגענומען, כדי דאָס האַרץ זאָל איר ניט איבערקלעמען, ווייל די קילע לופט פון ים, דאָרטן אין קאָנאַרסי, דערוועקט אַ גרויסן אַפּעטיט ביי מענטשן (זי האָט קיין עין־הרע, אַזוי אויך אַ גוטן אַפּעטיט, אָבער דאָרטן איז גאָר סכנות־נפשות).

זי איז אַוועק אַהין אין אַ פאַרפּוצטע אין איר שוואַרצן קלייד מיט די ווייסע פאַלדן און אויך אַ הוט מיטגענומען. דעם הוט האָט זי ניט אָנגעטאָן אויפן קאָפּ, ווייל ס'איז געווען צו הייס. זי האָט אים בלויז מיטגענומען פאַר אַן עדות, אַז מענטשן זאָלן זען, אַז זי האָט אַ הוט אויך און זי איז ניט אַבי ווער.

בילי טרעט היינט אַרויס צום ערשטן מאָל אין אַ פייט אין קוני איילאַנד און דערפאַר איז ער מיטן ברודער אויך אַוועק אַהין נאָך אינדערפרי, כדי צו פאַרברענגען דעם טאָג דאָרטן אין „טריינען" זיך פאַר דעם אָוונט.

צו איוואַן איז סעמעלע געקומען אין זיין מאַשין אַן אויסגעפּוצטער און אַן אויסגעוואַשענער. ער וויל זי אַרויסנעמען קיין ראָקאַווי און איוואַ עקשנט זיך גאָר. לויפט ער איר נאָך מיט דער שטרויענער שליאַפּע אין דער האַנט און בעט זיך ביי איר רחמים, זי זאָל מיט אים יאָ אַרויספאָרן, ווייל זי וועט האָבן אַ סך „פאַן" דאָרטן און ס'וועט איר גאָרניט באַנג־טאָן.

אַז שימעלע איז איבערגעבליבן אַליין אין הויז, האָט ער זיך פּלוצ־לונג צעלאַכט אויף אַ קול און זיין פּנים האָט אָנגעהויבן צו מאַכן מאָדנע העויות און די הענט משונהדיקע באַוועגונגען. אַז ער האָט זיך געכאַפּט, וואָס ער טוט, איז ער שטאַרק פאַרשעמט געוואָרן, אָבער ס'איז געווען זייער גוט. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן פון פרייד, זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט און הנאה געהאַט, וואָס ס'איז אים מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי וואויל. די שווערע משא פון ווייב און קינדער

האָט זיך איינגאַנצן אַראָפּגעגליטשט פון זיינע פּלייצעס און געפאַלן צו דער ערד. ער איז אַ פרייער מענטש און קאָן טאָן וואָס ער וויל. אָבער בעסער פון אַלעס איז צו נעמען אַ קאָלדרע, אויסשפּרייטן אויף דער ערד, אונטערלייגן אַ קישעלע און מיט אַ ציייטונג אין דער האַנט זיך אויסציען אויפן מלכותדיקן געלעגער. ער האָט אַזוי געטאָן און הויך אויף אַ קול אַ זיפץ־געטאָן פון גרויס פאַרגעניגן.

אין די ציייטונגען זיינען דאָ אַזוינע מאָדנע שטיקלעך, וואָס ווען שימעלע קוקט זיי איבער, הויבט ער ניט אָן גלויבן קיין וואָרט. דערפאַר לייענט ער זיי תמיד ווי שיינע מעשיות, וואָס זיינען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. איצט האָט אים באַזונדערס הנאה געטאָן צו לייענען אָט די מעשהלעך ליגנדיק אויסגעצויגן אויף דער קילער פּאָדלאָגע, ווי אַ גראַף. מיד געוואָרן לייענענדיק, האָט שימעלע אָנגע־הויבן אונטערצוברומען אַ ניגונדל. דאָס אָפּערייטאָרל קאָן אויך זינגען, אָבער קיין שום לעבעדיקער מענטש אויף דער וועלט האָט נאָך ניט זוכה געווען צו הערן, ווי שימעלע זינגט. און ער קאָן אַלע ניגונדלעך, אַפילו דאָס שפּאָגל־נייע לידעלע, וואָס די וויקטראָלאַ אין אַ רעקאָרד־קראָם שפּילט אויס הויך אויף אַ קול איבער דער גאַס, אַלע פאַרנאַכט אויפן וועג פון סאַבוויי אַהיים.

אַזוי זינגענדיק האָבן זיך זיינע אויגן געשלאָסן און דאָס אָפּעריי־טאָרל האָט געפילט, ווי די גאַנצע שווערקייט האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים, אַלע אברים זיינע זיינען לייכט און שפּילעוודיק און דער אָטעם זיפּט אַריין אין האַרצן שטילקייט און צופרידנקייט מיט קליינע קאָרגע טראָפּנס, ווי אַ זעלטענעם געטראַנק.

אַנטשלאָפן וועַרן האָט ער אָבער מורא געהאַט, ווייל דענסטמאָל קאָן זיך נאָך אָפּטאָן דאָס גליק פון אים. האָט ער די אויגן נאָר אויף צוקלאָמפּערשטן געשלאָסן. די גאַנצע וועלט איז מיט אַמאָל פאַרלוירן געגאַנגען פון זיין פאַרשטאַנד און שימעלע האָט זיך פּלוצ־לונג דערפילט, ווי אַ קינד ביי דער מאַמען. עס דאַכט זיך אים אויס, אַז עמיצער זיצט איבער אים, שאָקלט זיך און זינגט: „אַהאַ, שימעלע, אַהאַ, שימעלע.“ און עס איז געשען אַ נס, ווי מיט אהרנס שטעקן: די אויסגעבלייכטע באַקן זיינע האָבן אָנגעהויבן בלייען און רויטלען זיך אין שלאָף און אין זיינע געדיכטע ברעמען האָט געדוט — אַ ליכטי־קער געדאַנק.

דער טאָג איז אַראָפּ פון די פענצטער און די נאַכט איז געקומען

צוגיין און שימעלע דאָס אָפּערייטאָרל איז זיך געשלאָפן ווי אַ צדיק אויף דער פּאָדלאָגע, אין דער שטילער קיך.

בילי ווערט אַ גרויסער פאַרדינער

בילי האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן פאַרדינט גאַנצע פינף און צוואַנציק דאָלער און אויך צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן איז ער אַרויסגעטראָטן אַלס פּראָפעסיאָנעלער פייטער. איצט האָט ער שוין גערעכנט, הויבט זיך אָן זיין גליקלעכע קאַריערע. ווער ווייסט, אפשר וועט ער נאָך דערגרייכן צו אַ מדרגה פון אַ דזשעק דעמפּסי!...

איינער אַ מיסטער פּאָול, וואָס האָט באַלאַנגט צו בילים קלוב, האָט זיך אונטערגענומען צו זיין מענעדזשער. דער דאָזיקער מיסטער פּאָול לייגט גרויסע האָפענונגען אויף בילין און ער האָט דאָס איינגעאָרדנט דעם „פייט" אין קוני איילאַנד אין אַ בורלעסק-טעאַטער.

ס'ערשטע מאָל, ווען בילי איז אַריין אין רינג אין דער ריכטיקער פאָרמע פון אַ פּרייז-פייטער, האָט ער אַזש געוואָלט צעוויינען זיך פון די גרויסע געפילן, וואָס האָבן אים אָנגעהויבן צו שטיקן אין האַלדז. דאָ, פּלוצלונג, האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין קליינעם טאַטן, שימעלע, וואָס האָרעוועט אַזוי שווער און ווערט נעבעך אויסגעריסן אַלע זיינע יאָרן, און זיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט רחמנות. ער האָט אַ טיפן אָטעם געטאָן: — „איצט שלאָג איך זיך פאַר מיין אָרעמען טאַטן שימעלע".

אויפן פערטן גאַנג האָט ער דעם שונא אויסגעצויגן און יענער, אַ צעבלוטיקטער, אַ צעקיילטער, האָט זיך שוין ניט געקענט אויפהויבן.

אַז רבקה איז אָנגעקומען פאַרנאַכט פון קאַרנאַסי, אַ פאַרברענטע פון דער זון, מיט אַ ליידיקן קאָשיק, איז איר בילי געלאָפן אַנטקעגן און איר אָנגעזאָגט די פריילעכע בשורה. ס'האָבן זיך איר געשטעלט טרערן אין די אויגן פון גרויס פרייד און זי האָט אַ קוש געטאָן איר זון, דעם שלעגער, אין שטערן, אויפגעהויבן די הענט צו דער סטעטיו און געזאָגט מיט געפיל אין האַרצן: „הלואי, גאָטעניו, אפשר דורך בערלען וועלן מיר שוין געהאָלפן ווערן".

יענעם פאַרנאַכט, צו וועטשערע, האָט מען אַרויפגענומען ביר צום טיש און די גאַנצע משפחה איז געהייליקט געוואָרן. איינער האָט

דעם צווייטן ניט פאַרגעסן און זיך באַדינט מיט העפלעכקייט און פיינקייט, פונקט ווי ביי די גבירים.

שימעלע האָט אָבער ניט הנאה געהאַט פון דער וועטשערע. ער האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף דעם צעשלאָגענעם. ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואו ליגט ערגעץ די העלדישקייט פון זיין זון בילי און פאַרוואָס קומט אים אַזוי פיל צו לויבן פאַר אַזאַ געמיינער זאַך ווי אָנפאַלן אויף אַ פרעמדן בחור, אים צעקיילן, צעביילן און צעמאַרדן, און דערנאָך אים איבערלאָזן אין אַ טייך בלוט — און ווער זיינען די משוגעים, וואָס האָבן אים נאָך באַצאָלט 25 דאָלער פאַר זיינע מעשים טובים?!...

קלערנדיק אַזוי, האָט שימעלע פּלוצלונג אַנטדעקט, אַז זיין זון האָט גאָר גויאישע אויגן, גרויע אַזוינע און בייזע. די מאָרדע זיינע איז גאָר אויך ניט קיין יידישע. ווער ווייסט, אפשר איז ער גאָר איב־גאַנצן ניט זיין זון. אפשר האָט מען אין שפּיטאָל, וואו רבקה איז געלעגן געווען, על פּי טעות פאַרביטן זיין קינד אויף אַ פרעמדס. ער האָט פּלוצלונג דערפילט, אַז ער אַליין האָט גאָר אויך מורא פאַר אָט דעם שלעגער, און ס׳האָט זיך אים זייער שטאַרק געגלוסט זיך אויפצוהויבן פון איבמיטן דער וועטשערע און אַוועקלויפן צו זיין לאַנדסמאַן אליעזר און אים דערציילן אָט־די אַלע זאַכן.

בראָנזוויל פאָרט קיין קוני איילאַנד

בראָנזוויל פאָרט קיין קוני איילאַנד. דער קאָשיק מיט פּראָוויאַנט שלעפּט זיך נאָך ביי שימעלען כמעט אויף די טרעפּ, אַזוי שווער איז ער. און זיין רבקה, אַ פאַרפלאָמטע, איילט אים אונטער: גיכער, שי־מעלע, גיכער, מיר וועלן שוין ניט האָבן קיין פּלאַץ.

אַ לאַנגע באַן איז צוגעפאָרן און אַן עפן געטאָן די טירן. האָבן זיך אַלע קינדערלעך, מאַמעס און טאַטעס, אַ לאָז געטאָן מיט אַזאַ אייליקן פּחד, פּונקט ווי אַ טשערעדע ווילדע קי, וואָס ווערן געיאָגט פון אַ בייזן רייטער און ס׳איז ניטאָ קיין אויסוועג. אויב אַפילו מען דאַרף דורכ־ברעכן די שטאָלענע ווענט פון די וואַגאָנען, וועלן זיי צעברעכן, אויב מען וועט דאַרפן אויסזעצן די סטעליע, וועלן זיי אויסזעצן, אַבי זיך אַריינשטופּן, פאַרכאַפּן אַ וואָסער־ניט־איז פּלאַץ; אָבער קיין קוני איילאַנד מוז מען פאָרן.

די טירן האָבן זיך שוין געהאַלטן ביים פאַרמאַכן, ווען רבקה מיט איר מאַן זיינען אַרויפגעלאָפן די טרעפּ אין גרויס פּאַניק. ביי שי־מעלען איז אויסגעגאַנגען דער אָטעם, די פּיס האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן און ער האָט שוין קיין טראָט ניט געקאָנט מאַכן. רבקה איז געוואָרן ווילד פון כעס. איבער אָט־דעם שלימ־מזל וועלן זיי פאַר־שפּעטיקן די באַן. זי האָט אָ שלעפּ געטאָן איר מאַנדעלע, ווי אָ קליין קינד, אַריין אין וואַגאָן, און מיט איר גרויסער וואָג גענומען פּרעסן די געדיכטע וואַנט פון מענטשן, וואָס האָבן פון ענגשאַפט אַפילו אויף די פּיס זיך ניט געקענט האַלטן.

אַ האַלבע סטאַנציע פּאַר קוני איילאַנד האָט שימעלע שוין דער־הערט דעם גרויסן ברום און געשריי, פּונקט ווי מען וואָלט צענדלי־קער טויזנטער מענטשן געשמיסן איבער די נאַקעטע לייבער און זיי וואָלטן געשריען פון ווייטיק. האָט ער געמיינט, אפשר קומט טאַקע דאָרט פּאַר אַ הריגה, אָבער די מענטשן אין וואַגאָן זיינען פאַרבליבן רואיק און עס האָט זיי ניט געאַרט. האָט זיך שימעלע אויך אַ ביסל באַרואיקט, אָבער דער פּחד פון האַרצן איז ניט אַוועק.

דערנאָך, אַז זיי זיינען אָנגעקומען, האָט ער דערזען אַזוינס, וואָס האָט אַלע זיינע געדאַנקען אַראָפּגעשלאָגן פון גלייכן וועג און ער האָט אַפילו ניט געגלויבט צי דאָס איז טאַקע אין דער אמתן אַזוי: אַזוי הויך, אַזש כמעט אונטער די וואָלקנס, האָט זיך געדרייט אַ ריזיקע ראָד מיט קליינע וואַגאָנדעלעך. אויף דראָטן אַזוינע זיינען געהאַנגען די וואַגאָנדעלעך און מענטשן, וואָס האָבן אויסגעזען פון דערווייטנס ווי פייגעלעך, זיינען דאָרטן געזעסן און זיך געהויבן צוזאַמען מיט דער ראָד ביזן סאַמע שפּיץ פון דער קאָפּשווינדלענדיקער הויכקייט.

ער האָט אויך געזען, ווי שטאָלענע שליטעלעך פליען ווי די שדים אויף אייזערנע רעלסן, צעלייגט אויף אַ שמאָלן בריק, קעגנאיבער די גרעסטע מויערן. בערג מיט טאָלן זיינען אויסגעגלייכט געוואָרן פון די רעלסן און די שליטעלעך מיט די מענטשן איבערוויניק, רייסן זיך אויף אַלע שפּיצן פון די בערג, דערנאָכדעם פאַלן זיי אין די טאָלן מיט אַזאַ געקנאַקעריי, פּונקט ווי צענדליקע טויזנטער ביקסן וואָלטן געהאַלטן אין איין שיסן.

שימעלע האָט שוין מורא געהאַט צו זען ווייטער, ווייל ער איז שוין סיי ווי געווען אַ צעטומלטער. האָט אים שוין ניט געאַרט, וואָס אַ גאַנצע גאַס מיט אָטאָמאָבילן בלאָזן אין האָרנס, מוזיק שפּילט

און מען פּויקט אין גרויסע טאַצן. ס'האָט אים שוין אויך ניט געאַרט, וואָס גרויסע שטיבער מיט פּאַרצעלייענע פּערדלעך לויפן אויף איין אָרט אַרום און אַרום, און משונהדיקע פּיפּערנאָטערס און קאָמעדיאַנטן אין גרינע, רויטע, געלע קליידער מיט שוואַרצע לאַנגע זאָקן, פּייפן אויף פּלייטן און גייען אויף הויכע שטאָלצן.

געאַרט האָט אים יאָ, וואָס מען שטופּט און מען בוכטשעט אים און מ'לאָזט אים זיך ניט אָפּשטעלן, כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

העכער אַ מיליאָן מענטשן האָבן יענעם טאָג די באַנען געבראַכט פון אַלע עקן פון דער ריזיקער שטאָט ניו יאָרק, דורך די פינצטערע טונעלן אונטער דער ערד. איבער די הויכע בריקן אין דער לופט. דער גרויסער געדראַנג פון שטרויענע קאַפּעליושן האָט שימעלען געוואָלט צעטרעטן, ער האָט זיך אָבער ניט געלאָזט און ער איז געלאָפן אָן אָן אָטעם זיך ראַטעווען...

קוני איילאַנד

ווי אַ גרויסער ריזיקער יאַריד האָט אויסגעזען דער זאַמדיקער ברעג, וואָס ציט זיך אויף צענדליקער מיילן. די זון האָט געסמאַליעט און זאָנטיקעס, אויפגעשטעלטע ביידלעך, וואָס מ'קריגט פאַר צען סענט אַ שעה, האָבן געפלאַטערט איבער די שוואַרצע וואַסערן פון גרויסן אָקעאַן, וואָס ציט זיך פון דאָרטן ווייט צו דער וועלט.

רבקה איז אָנגעקומען אין אַ געלן באַד־קאָסטיום מיט גרינע פּאַנטאָפל און אַ רויטן גומענעם טשעפּיק אויפן קאָפּ. שימעלען איז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן אויסגעקומען צו זען זיין ווייבס נאַקעטע פיס און גראָבע פּאַלקעס און ער האָט זיך פאַרחדושט, ווייל אים איז אויסגעקומען מאָדנע, וואָס ער האָט אָפּגעלעבט מיט אַ ווייב העכער צוואַנציק יאָר און האָט קיינמאָל ניט געזען אירע נאַקעטע פיס און גאָר ניט געוואוסט, אַז זי האָט אַזוינע גראָבע פּאַלקעס. דערפאַר איז אים זיין ווייב רבקה אויסגעקומען זייער פרעמד אין איר באַד־קאָסטיום און זי האָט אויסגעזען ביי אים אין די אויגן, ווי אַן אויסטערלישע באַשעפעניש.

אַ ריזיקע חיה האָט זיך צעלייגט אויפן ים, וואָס רעוועט, ברומט, וואַרפט גרויסע שטיקער כוואַליעס אויפן זאַמדיקן ברעג און אויף אַלע שוואַרצע, גרינע, רויטע, געלע באַד־קאָסטיומען און נאַקעטע

פיס פון די ייִנגלעך, מיידלעך, גראָבע ווייבער, פעטע מענער און קליינע קינדער.

אַ הייסער הימל, אַ שוואַרצער ים, זאַמד און הונדערטער טויזנטער נאַקעטע באַשעפענישן מיט באַנאַנאַ־שאָלעכץ, קוילעטש, פּופּקעלעך, הינדעלעך און שטיקער גלאָז פון צעבראָכענע סאָדע־פלעשלעך.

רבקה שלעפּט שימעלען צו דעם וואַסער און ער האָט אַזוי מורא. ער איז אויך אין אַ באָד־קאָסטיום און ער שעמט זיך צו קוקן אויף זיינע אייגענע דאַרע פיסלעך און אויף זיינע האָריקע דינע אָרעמס, וואָס זעען אויס אַזוי בלאַס אַנטקעגן דער העלער לופט פון דער הייסער זון.

שימעלע מיטן קאַשיק אין די הענט האָט זיך איינגעעקשנט און ער לאָזט זיך ניט. „אַז ער וויל זיך איצט ניט באָדן, וויל ער ניט".

— פּאַוואָליע, משוגענער, אַט טרעטסטו אַרויף אויף אַ מענטשן, — וואָרנט אים דאָס ווייב.

ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט, ער האָט פאַרטשעפּעט אַן איטאַליענער, אַ גראָבן און אַ בייזן. איז מיט גרויס כעס האָט אים דער איטאַליענער דערלאַנגט אַ בריק מיטן פוס און שימעלע האָט זיך איבערגעקוליעט מיט דער נאָז אין זאַמד, און פון קאַשיק איז אַרויסגעפאַלן דער קוילעטש מיט דער געבראָטענער הון.

— איי, דו באָם, — איז רבקה באַלד אַרויפגעפאַלן אויף אים מיט קללות און חרמות. יענער האָט אויך ניט געשוויגן און זיך באַלד צעלאָזט אויף זיין שפּראַך גיך, גיך, מיט בייזקייט, און מיט פּיענע אויף די ליפּן. אַ גרויסער עולם איז אַנגעלאָפן און געפרייט זיך, וואָס מען קריגט זיך, וועלן זיי האָבן אַ סך „פאַן".

די צוויי בנים, בילי און ווילי, זיינען אַנגעקומען, הויכע און שטאַלטנע. דער טאַטע האָט זיך אויפגעהויבן לכבוד זיי און איז געבליבן שטיין צווישן זיי אַ קלייניקער, ווי אַ קינד צווישן דערוואַקסענע.

צוליב דעם, וואָס דער ים האָט געקילט די לייבער, און האַלב־נאַקעטע פילט מען זיך פריי און הפקרדיק, און אויך צוליב דעם, וואָס די וואַסערן זיינען אַזוינע ברייטע און ווייטע, זיינען די צוויי בנים געוואָרן זייער פריינטלעך צום טאַטן. שימעלע איז געווען שטאָלץ, וואָס ער האָט אויפגעהאָדעוועט אַזוינע צוויי געזונטע זין און ער האָט פּלוצלונג דערפילט אַ גרויסע נאָענטקייט צו זיי. ער האָט דערפילט, אַז ער האָט גאָר גוואַלדיק ליב אָט־די צוויי שטאַלטנע בחורים.

— וואָס שווימסטו ניט, פּאָפּ, — האָט בילי, ווי אַן עלטערער חבר, אַ קלאַפּ געטאָן דעם טאַטן איבער די פּלייצעס. — ס'איז גוט צו כאַפּן אַ שווים. — און ביי די ווערטער האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אויף די כוואַליעס און דער ברודער נאָך אים — פליוך אין וואַסער אַריין. זיי האָבן זיך געיאָגט איינער נאָכן אַנדערן, געראַנגלט זיך, און ס'האָט אויסגעזען, פּונקט ווי צוויי ים־חיות וואָלטן זיך ערשט אָפּגעריסן פון ברעג, וואו זיי זיינען פריער געלעגן און זיך גע־וואַרעמט, און איצט שטיפן זיי און מאַכן קונצן אין דעם וואַסער. די מאַמע זייערע, ווי אַ גראָבע ים־חיה, איז געזעסן ביים ברעג, גע־וואַשן זיך די פיס און געמאַכט גוואַלדן ווען די כוואַליעס זיינען אָנגעקומען אויף איר און איר געפּאַטשט דאָס לייב.

די קינדער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער מאַמען און זי אָנ־געהויבן צו שלעפּן:

— קום, מאַ, וועלן מיר דיך לערנען שווימען.

רבקה האָט זיך איינגעגראָבן מיט די פיס אין זאַמד, איינגעשפּאַרט, ווי אַ קו, געליאַרעמט און געשריען פון מורא. אָפּגעלאָזט דער מאַמען, האָבן זיי זיך ביידע אַ וואָרף געטאָן העט־העט, איבערגעלאָזט נאָך זיך די אַלע רויטע, גרינע, געלע טשעפּטשיקעס, וואָס זיינען אומגעשוואומען לעבן ברעג און זיך געיאָגט ווייט אַרויף איבער די פרייע וואַסערן.

שימעלע האָט זיי נאָכגעפּאָלגט מיט פאַרחידושטע אויגן. שוין לאַנג, אַז ער האָט ניט געפילט אַזאַ נאָענטקייט און ליבשאַפט צו זיי, און ער וויל ניט, אַז זיי זאָלן אַוועקשווימען אַזוי ווייט. האָט ער אויסגעשטרעקט די הענטלעך, ווי ער וואָלט געוואָלט דערלאַנגען די קינדער זיינע, וואָס זיינען שוין געוועזן אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן שוין אויסגעזען ווי צוויי קליינע קאָטשקעלעך, וואָס ניט זיי שווימען אַליין מיט זייער אייגענעם ווילן, נאָר די וואַסערן וויגן זיי, די כוואַליעס טראָגן זיי און וועלן זיי פאַרטראָגן טיף אין ים.

— קינדער! — האָט שימעלע אָנגעהויבן צו שרייען מיט זיין קווי־טשענדיקן קולכל.

האָט זיין קול געהאַט אַזאַ ממשות אין מיטן די קוויטשערייען, גע־שרייען און דאָס געברומעריי פון די פּאַטשנדיקע כוואַליעס, פּונקט ווי אַ פייגעלע וואָלט געפּישטשעט.

נתן האָט פאַרשלאָפן

אַלע בחורים פון בראַנזוויל טראָגן זומער ווייסע שטרויענע שליאַ־פעס. אַזוי איז שוין דער מנהג. ס׳איז אויך אַ מנהג אויסצונעמען די מיידלעך מיטוואָך אויפדערנאַכט. גייען אויס די געאַרעמטע פּאָרלעך אויף פּיטקין עוועניו, אין קיטסקיל פּאַרק, אין פּראָספּעקט פּאַרק, אין די מואווים און גאָר די הפקרדיקע פאָרן קיין קוני איילאַנד אויפן באָס פאַר אַ דאָלער מיט פופציק אַהין און צוריק.

נתן דאַרף היינט אויך אויסגיין מיט איוואַן. וואַשט ער זיך הערפּאַר די פיס מיט וואַרעמע וואַסער און זייף. פרישע אויסגעוואַשענע שקאַר־פּעטקעס טוט ער אָן לכבוד איר, אַ זיידן ווייס העמד מיט אַ בלויען שניפּס.

דאָס פענצטער איז אָפן און אין צימער פליען אַריין געלע בלע־טער, לייגן זיך אויפן בעט און אויף דער פּאָדלאָגע. די באַלעבאָסטע זיינע אין דרויסן אויפן גאַניק הוידעט זיך אין דער שטול און דער באַלעבאָס אין קיך מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דעם ווייסן בלעכענעם טיש דרימלט אַ מידער פון הייסן טאָג.

נתן איז שוין גרייט. ער דאַרף נאָר אָנטאָן דעם שטרויענעם קאַ־פּעליוש; אָבער ער וועט זיך פריער צוזעצן, פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס. ער איז אַזוי מיד פון דעם הייסן טאָג און ס׳ווילט זיך אים אויף איין מינוטקעלע אַזוי זיך אויסציִען, אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אויף דעם ווייסן קישן. די פיס וועט ער האַלטן אויף דער פּאָדלאָגע, כדי ניט אויס־צושמירן דאָס ליילעך. ער וועט בלויז פאַרמאַכן אויף איין סעקונדע די אויגן.

די פינצטערניש איז אַריין דורכן פענצטער, האָט זיך געלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, פון דאָרט אָנגעהויבן צו קריכן אויף די ווענט, אויפן בעט אַרויף, אויף נתנען, און אים צוגעדעקט, ווי מיט אַ ליילעך. דער פּאַפּיראָס איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט און געבליבן ליגן אויף דער פּאָדלאָגע. אַ ווינטל איז אַריין, זיך צוגעזעצט אויף דער ערד און אָנגעהויבן צו רויכערן דעם פּאַפּיראָס. אויסגערויכערט ביזן סוף, האָט ער דעם אַש צעשפּרייט איבערן גאַנצן צימער און דערנאָכדעם זיך געזעצט אויף די ביימער און זיך געשאָקלט אינאיינעם מיט די צווייגן. ערגעץ אין אַ הויז האָט אַ מיידל געשפּילט אויף אַ פּיאַנאָ. אַהער אין צימער האָבן בלויז דערגרייכט אָפּגעריסענע קלאַנגען. האָט זיך

נתן דערפֿרייט אין שלאָף, געטראַכט אַז אַלצדינג איז אַזוי גוט אַרום, דאַרף מען אים אויך צושפּילן. ער האָט זיך אויסגעטאָן פֿון אַלע זיינע אברים און ס'איז געבליבן בלויז זיין האַרץ, וואָס האָט געקלאַפּט אַ רואיקס און אַ דערלייזטס.

מאַמעס האָבן אויסגעבעטן געלעגערס פֿאַר זייערע קינדער אויף די שטיינער פֿון די טראַטואַרן, זיך געזעצט לעבן זיי און איינגעוויגט. האָבן די קינדער אַרויסגעקוקט פֿון זייערע געלעגערס אויף דער ביינאַכטיקער וועלט מיט האַלב־צוגעמאַכטע אייגעלעך און געטראַכט פֿון דעם, אַז אפשר זיינען לאָמפּן גאָר אויגן פֿון מענטשן; און אפשר זיינען גאָר די שטיקער פּאַפּיר, וואָס יאָגן זיך איבער דער גאַס, געטריבן פֿון ווינטלעך, גאָר קליינע קינדער אין ווייסע העמדלעך. און אפשר זיינען די אויטאָמאָבילן, וואָס טרובן און פייפן, גאָר אַזוינע ווילדע חיות פֿון די וועלדער מיט ברענענדיקע אויגן.

שפּעט אין דער נאַכט איז עמיצער געקומען צו נתנען, אים אַריינגע־שושקעט אין די אויערן: „זע נאָר, דו שלאָפסט; און איוואַ וואָרט שוין אויף דיר אַזוי לאַנג". ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פינצטער און ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס דער זייגער קלאַפּט עפּעס אַזוי שטאַרק און פֿאַרוואָס זיינען אַלע אברים ביי אים אַזוי לייכט און גרינג, אַז ער וואָלט אַפילו איצט געקאָנט טאָן די שווערסטע אַרבעט. ער האָט זיך באַלד דערמאָנט אָן איוואָן און ער איז אַרויסגעלאָפן.

די קינדערלעך זיינען שוין געשמאַק געשלאָפן און די מאַמעס מיט די טאַטעס האָבן געדרימלט זיצנדיק לעבן זיי.

„ווי שפּעט איז איצט? — שוין צוויי אַזייגער; וואוהין וועט ער שוין איצט גיין?"... אָבער עמיצער האָט אים געטריבן און ער האָט זיך שוין ניט געקאָנט אָפּשטעלן...

דער וואונדער

דאָס איז געווען דער באַרימטער הייסער טאָג, ווען אין בראַנזוויל, אויף לבנון סטריט, אונטער דעם עלעווייטאָר, איז אַן אַלטער ייד אומ־געפֿאַלן פֿון היץ און איז אויסגעגאַנגען איידער דער אַמבולאַנס איז אָנגעלאָפֿן... אין אַזאַ הייסן טאָג פֿאַרלירט זיך שימעלע איינגאַנצן און ווערט געגליכן צו אַ פֿליג, וואָס קלעפּט זיך צו אַ פֿאַרחלשטע צו דער סטעליע און מען מיינט, אַז זי איז שוין פֿון לאַנג אויסגעגאַנגען.

ביינאַכט איז אים אויך ניט געוואָרן בעסער. אַלע פענצטער זיינען געווען צעעפנט און אַפּילו די טיר אויך. הייסע ווינטלעך האָבן געשטראָמט פון דער גאַס און די בנים האָבן געכראָפּעט אין צווייטן צימער מיט גרויס בייזקייט און גבורה. אין יענער נאַכט האָט געשטיגן זיין שנאה צו זיין ווייב רבקה ביז אַן אַ גרענעץ. ער האָט ניט געקאָנט פאַרליידן, וואָס זי האָט פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע בעט, זיך צעשפרייט, סאָפּעט און וואַרפט זיך. שימעלע האָט היינטיקן טאָג גאָרנישט געגעסן, ס'ווילט זיך אים נאָר טרינקען און ס'ווילט זיך אים אויך, אַז ס'זאָל אים ווערן גרינג און קיל.

רבקה איז אים פאַרנאַכט דערגאַנגען די יאָרן: אַלע אירע באַקאַנטע ווייבער פאָרן אַרויס אין דער קאָונטרי. „וואָס דען, האָט זי געזאָגט, — זיי האָבן דען אַזוינע שימעלעך פאַר מענער ווי זי?״ אַ קיל ווינטעלע האָט זיך אַריינגעגאַנוועט אויף איין מינוט אין צימער, דאָס אָפּערייטאָרל האָט דאָס דערשמעקט, דאָס אַריינגעצויגן אינגאַנצן און איינגעשלאָפן, האָט ער פלוצלונג דערפילט, ווי אַ שווערע משא האָט זיך אָנגעהאָנגען אויף זיין פלייצע. וויל ער זיך באַפרייען, קאָן ער ניט. טראַכט ער: ער וועט אָנהייבן צו לויפן, וועט דאָס אַראָפּפאַלן. לאָזט ער זיך לויפן, אָבער זיינע צוויי בנים יאָגן אים מיט שטיינער איבער דער גאַס.

ס'קומט אָן אַנטקעגן משה אהרון דער פרעסער און מאַכט צו אים: „ווי געשיקט זיך דאָס, אַז ער, שימעלע, אַזאַ קליינינקער, זאָל גאָר טראָגן אויף די פלייצעס די גראָבע רבקה״. אַזוי גאָר, רבקה הענגט אויף זיינע פלייצעס! „רבקה, למען השם, אַראָפּ, זאָג איך דיר, ס'איז מיר אַזוי שווער און זעסט ניט, ווי די קינדער לויפן מיר נאָך מיט שטיינער״. אָבער רבקה וויל ניט אַראָפּקריכן. „רבקה, איך שטאַרב, איך גיי אויס, וואָס האָסטו זיך אָנגעלייגט אויף מיר״. און רבקהן אַרט דאָס ניט, פאַרקערט, זי קלאַמערט זיך איין מיט מערער רשעות אין זיין דאַרן האַלדז, שטיקט אים, טרייבט אים אונטער מיט די פיס און בוקעט צו אים:

— נו, נו, שלימזל, טראָג, שלעפּ, אַ מאַן דאַרף טראָגן זיין ווייב. אין קאָונטרי דאַרפסטו מיך אַוועקטראָגן. אַלע לייטישע ווייבער פון בראַנזוויל ליגן איצט אין קאָונטרי אויף דעם גרינעם גראָז.

אַז שימעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז ס'איז בלויז געווען אַ חלום און דער חלום האָט זיך גענומען פון

דעם, וואָס זיין ווייב רבקה האָט זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן בעט און האָט אַרויפגעלייגט איר שווערן פוס אויף זיין בויך.

ער איז ווידער איינגעשלאָפן מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און האָט שוין ניט געהערט, ווי עמיצער איז אַריין אין הויז.

דאָס איז נתן אַריין אין הויז דורך דער אָפענער טיר, ווי אַ נאַכט־וואַנדלער און אַפילו ניט געטראַכט, אַז אפשר איז גאָר ניט שיין אַזאַ זאַך און אפשר וועט איר טאַטע דערהערן און אים אַרויסטרייבן.

אין בעט ליגט אַ ווייס געשטאַלט פאַרנוריעט אין ליילעך און נתן קאָן ניט וויסן צי ס'איז איווא, אָדער אפשר גאָר אַ פרעמדע. ער האָט אַ ציטער געטאָן דאָס ליילעך און באַלד דערזען, אַז ער האָט שוין ניט געהאַט קיין טעות. האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויפן בעט און געוואַרט, ביז זיינע אויגן זיינען געוואָרן ליכטיקער און ער האָט דערזען, אַז איר פּנים אין שלאָף איז געווען ריין פון שלעכטסקייט און כיטרעקייט. אירע ברעמען זיינען געווען טיף־פאַרטראַכטע, ווי ביי אַ וועלט־חכם. איז נתנען אָפּגעגאַנגען די גאַנצע מורא פון האַרצן און ער האָט זיך געפרייט, וואָס דאָס צימער איז אַזוי קליין און פול מיט שמעקנדיקע געווירצן. ער האָט זי אַפילו ניט קיין ריר געטאָן, אָבער זי האָט אויפגעעפנט די אויגן און זיך גאָרניט פאַרוואונדערט, נאָר באַלד זיך געכאַפּט ווער ס'זיצט דאָ לעבן איר און זי האָט פאַרגראָבן איר קאָפּ אין זיינע קני און זיך געטוליעט צו אים...

נתן האָט זיך אויסגעצויגן אין בעט לעבן איר און זיי זיינען געלעגןביידע, מורא האָבנדיק זיך אַ ריר צו טאָן, אַ טיפערן אָטעם צו געבן. זיי האָבן זיך געשעמט; און ווייל זיי האָבן זיך געשעמט, האָבן זיי זיך אַרומגענומען, צוגעטוליעט און שטיל זיך איינגעהערט, ווי זייערע בלוטן רוישן און געגאַפט אויף דעם גרויסן וואונדער, וואָס דאָ איז געשען.

זי האָט, ווייזט אויס, איינגעדרעמלט און ער האָט געקלערט, אַז קיינמאָל זיינען צו אים נאָך אַזויפיל כחות ניט אָנגעקומען. ער האָט געפילט, אַז ער איז איצט אַ שמשון הגבור און ער וואָלט געקאָנט אויפטאָן וואונדערלעכע זאַכן פאַר דער גאַנצער וועלט. זי אַליין איז אַ שוואַכע, אָבער ביי איר ליגן די אוצרות פון זיין גבורה און דערפאַר קאָן ער זיך שוין אָן איר ניט באַגיין. וועט ער שוין מוזן פון היינט און ווייטער איר נאָכגיין פוס־טריט און איר ניט אָפּלאָזן פון אויג, פונקט ווי עמיצער, וואָס וואָלט פאַרבאַהאַלטן זיינעם אַ טייערן שטיין ביי אַ פרעמדן אין

ראַק, אַן יענעמס וויסן.

דער וואונדער איז, וואָס ניט איר קערפּער, וואָס טוליעט זיך צו אים, נאָר דאָס וואָס ער פילט, ווי איר האַרץ קלאַפּט אַזוי רואיק און פול מיט צוטרוי. דער וואונדער איז אויך ניט דאָס זייד פון איר לייב און די וואַרעמקייט פון אירע הענט, נאָר די ריחות די טייערע, וואָס טריפן פון יעדן אבר אירן. און דער עיקר איז אויך ניט דאָס. דער עיקר איז דאָס מענטשלעכע געשטאַלט, וואָס מען קאָן עס ניט אָנ־טאַפּן, אָבער עס איז אומעטום דאָ: אין אירע האָר, אין אירע ברעמען, אין איר אָטעמען.

אַז די פענצטער זיינען זעענדיק געוואָרן, האָט ער אויך איינגע־דרימלט. זיינען זיי געלעגן ביידע קאָפּ לעבן קאָפּ, ווי גלייכע שותפים צום שלאָף און צום טאָג, וואָס דאַרף אָנקומען. זי האָט אויפגעוואַכט די ערשטע מיט אַזאַ ברען און מיט אַזאַ דורשט, אַז זי האָט אַזש גע־וואָלט וויינען. פלאַמען פייער האָבן זי אַרומגעכאַפּט און זי געוואָלט פאַרצערן, האָט זי אים שטאַרק אַרומגענומען, געקושט אים און זיך געבעטן:

— גיי, נתן, גיי, באַלד, שוין.

און אַז ער האָט געוואָלט גיין, האָט זי אים נאָך שטאַרקער געדריקט צו זיך. און אַלץ זיך געבעטן:

— גיי, נתן, גיי. וואָס זשע גייסטו ניט.

די הייסע רויטקייט אין מערב האָט אָנגעזאָגט פון אַ גליענדיקן טאָג, וואָס וועט פאַרשרפענען די גאַנצע וועלט. די שטיינער פון דער גאַס האָבן שוין אָנגעהויבן צו הילכן און אָנגעפאַנגען פילן דעם פרי־מאָרגנדיקן מאַרש פון הונדערטער טויזנטער אייליקע פיס און האַס־טיקע טריט.

נתן האָט שוין אויך געמוזט לויפן צוזאַמען מיט אַלע, ווייל אַזאַ כשוף האָט שוין דער מאַרש. אין זיינע יום־טובדיקע בגדים מיט דער שטרויענער שליאַפּע אין דער האַנט האָט ער זיך געאיילט און אַרי־בערגעיאָגט אַלעמען. ער האָט געפילט, אַז ער איז איצט אַ ריז, אַ גרוי־סער גבור און איצטער מוז ער אויפטאָן גאָר גרויסע זאַכן פאַר דער גאַנצער וועלט, ווייל ער ווייסט שוין וואו די אוצרות פון זיינע כחות ליגן.

לואי קומט אַהיים

נתן האָט געמוזט זיך איבערקלייבן אין אַן אַנדער דירה, ווייל דער באַלעבאָסטעס זון האָט זיך געיאָוועט.

לואי האָט זיך פאַרבענקט נאָך בראָנזוויל, איז ער אָנגעקומען אַ פאַרנאַכט מיט אַ פּאָר שוואַרצע וואָנצעלעך און אַ רויט פּנים, פאַר־ברענט, פון ווייטע שטעט און לענדער. ער האָט דאָ ערגעץ אַ טאַטן און אַ מאַמען. — לעבן זיי נאָך? ער האָט דאָ אויך געהאַט חברים — און וואָס איז מיט זיי געוואָרן? ער איז געווען אויף דער גרויסער וועלט און אומעטום זיינען מענטשן פונקט אַזוי געמיין, ווי ער אַליין. האָט ער זיך קיינמאָל ניט גענומען צום האַרצן פון דעם. מען האָט נאָר געדאַרפט זיין כיטרע און קלוג און מען האָט שוין געקאָנט לעבן. ער איז געווען אין קאַליפאָרניע און אין פלאָרידאַ, טעקסעס און מעק־סיקאָ, אויף די האַוואַיער אינזלען און אין קובאַ. געווען אַ סאָלדאַט אין דער אַרמיי און אַ מאַטראָז אויפן פלאָט. געהאַנגען זיך אויף פראַכטצוגן און געוואָלגערט זיך אין פאַרשידענע טורמעס. אומעטום דאָס זעלבע: ניטאָ קיין גאָט און ניטאָ קיין גלויבן. ניטאָ קיין פריינט־שאַפט און ניטאָ קיין צוגעבונדקייט. אַלע מיידלעך אין די פאַרשידענע לענדער האָבן געוואָלט אים אָפּנאַרן, אָבער ער האָט זיך ניט גע־לאָזט. ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט ווייגען און קיינמאָל ניט גע־וואָלט לאַכן. סיידן, ווען ער האָט זיך אָנגעשכורט, האָט ער געוואָיעט ווי אַ הונט און געלאַכט, ווי אַ אידיאָט. זיין מאַמע האָט אים געבוירן אין בראָנזוויל, לא לתורה, לא לחופה, ולא למעשים טובים: ניט צו קיין תורה, ניט צו דער חופה און ניט צו קיין מעשים טובים. אין פּאָבליק סקול האָבן אים די לערער אָנגעהאַקט אַ סך ליגנס, ער האָט זיך עס דערוואוסט ערשט דערנאָך־מאָל, ווען ער איז געווען אויף דער גרויסער וועלט. אויב ער האָט נאָך געהאַט אַביסל ליבע צו דער פאָן, איז דאָס אינגאַנצן אויסגעריסן געוואָרן, ווען ער איז געווען אין דער אַרמיי און אין פלאָט.

ער איז געקומען קיין בראָנזוויל אָרם־נאַקעט. די גרויסע וועלט האָט אים גאָרניט געגעבן אַ חוץ הוילקייט און טעמפּקייט. ער האָט זיך געלאָזט איבער די גאַסן צו זיין טאַטע און מאַמעס הויז, אַריינגעקוקט אין די טירן פון די קראָמען און אין די פּנימער פון די פאַרבייגייענדיקע. אַלע זיינען פרעמד און ווייט. נאָר דער ריח פון די שטיינער פון דער

גאָס און דער טומל אין דער לופטן איז אַזוי גאָענט און באַקאַנט.

דער מאַמעס האָר זײַנען שוין גרוי און דעם טאַטנס קאָפּ איז אינ־גאַנצן אָפּגעקראָכן, אין קיך און אין די צימערן איז אַלצדינג, ווי געווען.

די מאַמע זײַנע האָט געוואוסט, אַז ער וועט קומען אַזוי אומגעריכט, דערפאַר איז זי אַלע טאָג געזעסן אויפן גאַניק און אַרויסגעקוקט אויף אים. אין די נעכט געווען וואַך צו יעדן שאָרך, און אָפטמאָל אַראָפּ־געקראָכן פון בעט, ווײַל ס'האָט זיך איר עפּעס אויסגעדאַכט, — האָט זי אויפגעעפנט די טיר און אַרײַנגעלאָזט דעם ווינט פון דרויסן, וואָס האָט זיך אַ יאָג געטאָן איבער אַלע צימערן...

דער טאַטע האָט אים אָפּגעגעבן שלום־עליכם און געפרעגט שטילער־הייט, וואָס ער מאַכט. די מאַמע האָט געחלשט מיט אָפענע אויגן... זי איז ניט אומגעפאַלן, זי האָט ניט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, געבליבן שטיין אינמיטן דער קיך ווי אַ געליימטע און זיך ניט געקאָנט רירן. ווען ס'איז איר אָפּגעגאַנגען דאָס האַרץ, האָט זי אַפילו קיין טרער ניט געלאָזט, אָבער אַלע אברים האָבן דאָך יאָ געוויינט, האָט זי אָנ־געצונדן דעם אויוון און זיך געשטעלט קאָכן אַ גרויסאַרטיקע וועטשערע.

מען האָט אַרײַנגעשטעלט אַ בעטל אין נתנס צימער און אַ גאַנצע נאַכט האָט לואי געריכערט סיגאַרעטן, געשפּיגן, געשאָלטן און ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן אויפן ווייכן געלעגער, וואָס זײַן מאַמע האָט מיט אַזוי פיל מי און ליבשאַפט צוגעגרייט פאַר אים. ערשט פאַרטאָג, ווען נתן איז אַוועק צו דער אַרבעט, האָט ער אײַנגעדרעמלט.

גאַנץ פרי איז די מאַמע אַרײַן צו אים אויף די שפּיץ־פינגער, אַרויס־געצויגן די רולעטקע און אָנגעפילט דאָס גאַנצע צימער מיט זון. דער־נאָכדעם איז זי צו צו זײַן בעט, אַראָפּגערוקט פון אים דאָס ליילעך און צעשפּיליעט אים דעם יוניאָן־סוט. די מאַמע האָט געוואָלט וויסן, צי ער האָט חס־וחלילה ניט באַשעדיקט זײַן קערפּער אויף דער גרויסער וועלט. צי ער האָט ניט קיין וואונד, קיין מכה. זי האָט גאָר ניט געפונען צו איר גרויסער דערלייכטערונג. זײַן האָריקע ברוסט האָט זיך געהויבן, ווי אַ באַרג, זײַנע פיס, פאַרברוינטע און בערדיקע, זײַנען שווער געלעגן אויפן בעט און געררוט פון אַזוי פיל יאָרן וואַנדערן איבער פרעמדע ווייטקייטן.

די בראָנזווילער בנים

לואי איז געקומען קיין בראָנזוויל, ווי חוני המעגל, נאָך זיבעציק יאָר טיפן שלאָף. לואי האָט שוין אויך קיינעם פון זיינע אַמאָליקע חברים ניט געפונען. אַ טייל זיינען אַוועק איבער דער וועלט פונקט ווי ער, אַ טייל זיינען געוואָרן לאָיערס, דאָקטוירים, דענטיסטן. אַנדערע האָבן חתונה געהאַט און זיינען אַוועק אין פרעמדע שטעט און גאָר אַנדערע האָבן געפוילט אין די טורמעס שוין יאָרן און יאָרן.

אין קוני אײלאַנד און אין די פול־רומס האָט ער באַלד אָפּגעזוכט נייע חברים, טאַקע יונגערע פון אים, אָבער דערפאַר האָבן זיי אַרויפגעקוקט צו אים, ווי צו אַ העלד. אַזוי שילטן זיך, ווי ער, האָט קיינער ניט געקענט, און אויף שפּייען איז ער גאָר געווען אַ קינסטלער. זיי האָבן אים אַריינגענומען אין זייער חברותא און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר לואין רעשיקע טעג פול מיט פּאַסירונגען און אַוואַנטיורעס. אין איבערגעפּאַקטע מאַשינען פלעגן זיי זיך יאָגן קיין קוני אײלאַנד צו צען און צוועלף מענטשן אין אַן אויטאָמאָביל. זיי האָבן געזונגען לידער אויפן וועג, געקוויטשעט און געטורקעט, געפלויגן ווי טייוואָלים איבער די ברייטע גאַסן און נאָר דורך נסים אויסגעמיטן צוזאַמענשטויסן. זיי האָבן געלאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער פון די פּאָליסלייט אויף די ראָגן, וואָס האָבן בייז געפייפט צו זיי און זיי געסטראַשעט. טרעפיק־פּאָליסלייט אין גרויסע ברילן אויף די מאָטאָרסייקלס האָבן זיי נאָכגעיאָגט, אָבער מען האָט זיי געהערט, ווי דעם קאָטער, זיך אַריינגעשניטן מיט די מאַשינען אין זייטיקע פּאַרוואָרפענע גאַסן און נעלם־געוואָרן פון זייערע אויגן.

אין קוני אײלאַנד זיינען פאַראַן אַ סך געהיימע שענקלעך און מיידלעך, בלאָנדע, שוואַרצע און שאַטענקעס. הייסע סטייקס פול מיט בלוט דערלאַנגט מען דאָרטן, וויינען און שבאַפּסן. שוואַרצע מוזיקאַנטן שפּילן דזשעז און מען טאַנצט, און מען הוליעט מיט די אַלע בלאָנדינקעס, ברונעטקעס און שאַטענקעס.

אָפּטמאָל האָבן זיי אים אויך מיטגענומען אויף דזשאָבס. ניט וויכטיקע אַזוינע. אַ פּופצן אָדער צוואַנציק דאָלער איז אויסגעפאַלן אויף יעדערנס חלק. זיי האָבן געדאַרפט שלאָגן סטרייקערס און אַלצדינג איז שוין געווען באַוואָרנט. מען האָט גאַרניט איינגעשטעלט דערביי, ווייל די פּאָליסלייט זיינען אויך געווען אונטערגעקויפט. מען האָט נאָר

געדאַרפט אַריינפאָרן אין דעם דיסטריקט פון די שעפער און אַז מען האָט געזען, ווי אַרבעטער גייען אום אַהין און צוריק פאַר די שעפער און פּיקעטן, האָט מען געדאַרפט אַרויסשפּרינגען פון די מאַשינען מיט שטיקער אייזן און גומענע רערן, דערלאַנגען איבער די קעפּ און תיכף ניט סטאַיען.

אַהיים איז ער שוין געקומען זייער זעלטן און אַז ער פלעגט זיך יאַוועןן, איז ער געווען טויט־שיכור, זיך וואַרפן אין בעט אין די קליי־דער און זיך באַלד צעכראַפּען הויך אויף אַ קול, געלאָזט וויסן מיט זיין כראָפּען, אַז ער פייפט אויף דער וועלט, און אַז ס׳איז גאָרנישט ניטאָ קיין הייליקע זאַך ביי אים. אַלצדינג איז הפקר, און ער האָט קיינעם ניט ליב, און ס׳איז גאָר ניטאָ וועמען ליב צו האָבן...

מאַמע און זון

די לוויה האָט זיך געצויגן אויף עטלעכע בלאָק, אַ באַרימטער חזן, אין אַ טייערער פּליושענער יאַרמולקע מיט אַן אויפגעשטעלטן קוטאַס, האָט געמאַכט די „מלא״. ער איז געשטאַנען אויפן גאַניק פון דער ווייסער גרויסער שול מיט די ברייטע פענצטער, אַ הויכער, אַ שטאַלטנער און זיין שטאַרקע קלינגענדיקע שטימע האָט זיך געטראָגן איבער אַלע קעפּ; אַ קלינגענדיקע, אַ וויינענדיקע. די ווייבער איז געווען אָנגענעם צו זען אָט־דעם שיינעם מאַנס־פּאַרשוין מיט דעם ליכטיקן זאַטן פּנים, הערן זיין געבענטשט קול און וויינען, וואָס ס׳איז אַזוי גוט רחמנות צו האָבן אויף אַ מענטשן, און וואָס מער מ׳וויינט, ווערט דאָס האַרץ געלייטערט און דערהויבן, ווי געבענטשט פון אַ הייליקער האַנט.

— — —

איידער נאָך די נאַכט איז אויסגעגאַנגען, האָט זיך שוין איבער גאַנץ בראַנזוויל צעטראָגן די נייעס, אַז מען האָט געמאַכט אַ האָלד־אַפּ אויף דער סטאַנציע, דערשאָסן אויף טויט אליעזרן דעם אַגענט און צוגערויבט ס׳גאַנצע געלט. אַ שאָפער האָט דערציילט, ווי אַנקור־מענדיק מיט זיין ליידיקן אויטאָמאָביל צו דער בריק, האָט ער גע־הערט אַ שיסעריי פון אויבן און באַלד זיינען אַרויסגעלאָפן דריי גע־שטאַלטן מיט רעוואָלווערן אין די הענט, אַריין אין אַ פינצטערער מאַ־שין, וואָס איז געשטאַנען באַנעט דערביי, און אַוועקגעיאָגט.

ער איז אויסגעגאַנגען אין שפּיטאָל אַ באַוואוסטלאָזער און די דע־

טעקטיווס האָבן בשום אופן ניט געקאָנט דערגיין קיין טאָלק. גאַנץ בראַנזוויל האָט אָבער יאָ געוואוסט ווער עס זיינען די מערדער. צווישן נאָענטע און אייגענע האָט מען זיך געסודעט און געשושקעט און פּאַר פרעמדע זיך געהיט און געמאַכט זיך כלא ידע.

לואי האָט זיך פאַרנאַכט אַריינגעיאָוועט אַ בלאַסער, אַן אויסגע־מאַטערטער, פול מיט פחד אין די אויגן. די מאַמע האָט געמיינט, אַז ער איז קראַנק. האָט זי אים געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן און פאַר־קאָכט הייסע טיי מיט זויערע ווישנעלעך צום שוויצן. די טיי האָט ער ניט געטרונקען, קאָמפּרעסן האָט ער זיך געלאָזט צולייגן און גע־בעטן זיין מאַמען זיצן לעבן אים.

קיינמאָל איז אים די מאַמע נאָך ניט געווען אַזוי נאָענט, ווי איצט, און אַ חרטה האָט אָנגעהויבן צו עסן זיין האַרץ פאַר אַלע זיינע יאָרן. ער האָט געטראַכט אַ פאַרצערטער, אַז ווען ער קאָן זיך אויסקויפן פון זיין איצטיקן לעבן, וואָלט שוין גאָר אַנדערש געווען. ער וואָלט געוואָרן גוט צו זיין מאַמען און צו דער גאַנצער וועלט. ער וואָלט אָנ־געהויבן צו אַרבעטן, פאַרדינען געלט. ער וואָלט אפשר אויך חתונה געהאַט און וואָלט דער מאַמען געקויפט מתנות, כדי אויסקויפן ביי איר אַלע יאָרן פון זיין שלעכטסקייט.

עמיצער האָט אָנגעהויבן צו שטייגן איבער די טרעפּ און לואי האָט אַ ציטער־געטאָן, גענומען דער מאַמעס הענט און צוגעלייגט צו זיין פּנים. ס׳איז אים ערשט אָפּגעגאַנגען די מורא, ווען דער טאַטע האָט אויפגעעפנט די טיר, געזאָגט אַ גוט אָוונט און געגאַנגען אין וואַש־צימער זיך אַרומוואַשן.

דער מאַמען איז אויסגעגאַנגען דאָס האַרץ פון רחמנות און זי האָט שוין געוואוסט, אַז אַ בייז אומגליק רוקט זיך אויף איר זון, ווייל קיינ־מאָל האָבן זיינע אויגן אַזוי ניט געגליט און געוואָלט עפּעס פון איר ...

ער האָט געהייסן פאַרשליסן די טיר און ניט אָנצינדן קיין ליכט, אין די שלייפן האָבן העמערלעך געקלאַפּט און ער האָט זיך געקלאָ־מערט אין דער מאַמעס הענט. זי האָט געוויינט אין דער פינצטער און צוליב דער שטילקייט האָט מען ניט געוואוסט, וואו די שעהן זיינען פאַרקראָכן.

שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך די גאַס איינגעשטילט און אַ רואיקייט האָט אַראָפּגענידערט אויף בראַנזוויל. זי איז אַריינגעקומען דורך דעם אָפענעם פענצטערל אויך אַהער אין צימער, געלייגט זיך אויף

לואיס שטערן און אים געקילט דעם קאָפּ. די ווירקלעכע וועלט האָט זיך אָפּגערוקט מײַלן און מײַלן פון זײַנע געדאַנקען. דער וויטיק איז פאַרטויבט געוואָרן און ס'האָט זיך אים געגלוסט ריידן צו זײַן מאַמען. האָט ער איר דערציילט פון זײַנע נסיעות און פון די שיינע וואונדער־לעכע זאַכן, וואָס ער האָט געזען אויף דער וועלט. ער האָט איר אויך דערציילט, ווי ער האָט געבענקט אַהיים און ווי איצטער וועט שוין אַלצדינג זײַן אַנדערש. ער איז אַלע זײַנע יאָרן געווען אַ נאַר, אַ פאַרשאָלטענער נאַר, ער זעט דאָס ערשט איצט איין. און לאָז די מאַמע גיין שלאָפן, ווייל ס'איז שוין אַזוי שפּעט און אים קלעפּן זיך שוין אויך די אויגן.

לואי האָט אײַנגעדרעמלט און אין שלאָף אײַנגאַנצן פאַרגעסן, אַז עפּעס איז ניט גוט אַרום אים. אַ ליכטיקער חלום האָט אים אַוועק־געטראָגן פון די איצטיקע טעג און ס'איז אויסגעקומען, אַז ס'האָט נאָך גאָרניט פּאַסירט און אַז דער גאַנצער דערשרעק איז גאָר געווען אַן אומזיסטער, ווייל ער איז נאָך גאָר אַ קליין יינגל און ער לאָזט זיך מיט זײַן חבר בעניִן צופוס קיין קוני איילאַנד. גיין צופוס קיין קוני איילאַנד איז אַ גרויסע העלדישקייט און אַלע מענטשן וואָס לויפן פאַרביי אין די מאַשינען קוקן אויף זיי מיט באַוואונדערונג און מאַכן צו זיי מיט די הענט.

אין קוני איילאַנד שיינט די זון אויף די כוואַליעס און אַלע מענטשן קוקן דאָרטן אויף אים, ווי ער לאָזט זיך שווימען איבער די טיפע וואַסערן. זײַן מאַמע שטייט אויפן ברעג אַ דערשראָקענע און שרייט: „ביטע, ביטע!" ער דרייט אויס דעם קאָפּ צו איר און לאַכט.

אין מיטן ים שטייט די זון נאָך העלער און ער מוז אַהינצו דער־גרייכן. די מענטשן אויפן ברעג זעען שוין אויס ווי קליינע פליגע־לעך. אָבער ער שרעקט זיך ניט, פאַרקערט, ער איז גאָר זייער אַ פריילעכער און וועט גאָר זינגען אַ ליד. אינמיטן ים האָט ער שוין די זון ניט געטראָפן. אָבער ער וועט איר נאָכשווימען, ווייל ער, לואי, איז שטאַרק און זײַן האַרץ וואַקסט פון פרייד.

נו, שאַ, שימעלע

שימעלע האָט געקלאָגט נאָך זיין חבר, און ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער האָט שוין קיינעם ניט אויף דער וועלט. אוי חברותא, אוי מיתותא. האָט ער מיט לאַנגע יאָרן צוריק געלערנט אַמאָל אין חדר און דער־פאַר אפשר באַפאַלן אים שוין די קרעמפּס זייער אָפט און ער מוז זיך מיטן בויך צום בעט־געוואַנט לייגן, ווייל אַזוי ווערט שוין גרינגער.

שימעלע איז איינמאָל אַריינגעקומען אין הויז פאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט און אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד. דעם גאַנצן וועג האָט אים שוין געצויגן אַראָפּ, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כחות. ער האָט אָנגעוואָפנט זיין גאַנצן ווילן און זיך ניט געלאָזט. ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן שלעפּן מיט די טרעפּ־אַרויף, האָט זיך אים זייער שטאַרק פאַרגלוסט זיך אַראָפּזעצן אַ ביסעלע. ער האָט אָבער דערצויגן ביז צו דער טיר און דאָרט האָט אים שוין דער געדאַנק געזאָגט, אַז מען מעג און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט.

מען האָט געמאַכט אַ געוואַלד, שכנים זיינען זיך צונויפגעלאָפן און מען האָט אים אָנגעהויבן צו מינטערן: רייסן ביי דער נאָז, קוועטשן די הענט. שימעלע האָט עטלעכע מאָל אויפגעעפנט די אויגן, אַ קוק געטאָן גלייכגילטיק אויפן עולם און באַלד זיך צוריק פאַרגעסן.

אין אַמבולאַנס האָט מען אים ערשט דערמינטערט. ווען ער האָט אויפגעוואַכט און דערזען אַ פרעמדן מענטשן אין ווייסן זיצן לעבן אים און איז אַזוי פאַרזאָרגט, האָט ער זיך געוואָלט דערשרעקן און קיין כוח ניט געהאַט. איז ער געבליבן ליגן אַ הפקרדיקער צו די צרות ווי איינער זאָגט: וואָס ס'וועט זיין, וועט שוין זיין...

צום אַלעם ערשטן האָט מען דעם אָפּערייטאָרל אויסגעוואַשן אין אַ ווייסער מאַרמאָרנער וואַנע. די הייסע וואַסער האָט מחיהדיק גע־וואַרעמט און אָפּגעוואַשן יעדע שווערקייט פון זיין גוף, דערנאָך האָט מען אים אָנגעטאָן ריינע וועש און אַריינגעטראָגן אין אַ צימער, ווי אַ מלכות. שימעלע האָט זיך געלאָזט טראָגן, זיך געלאָזט וואַשן און עס האָט אים הנאה געטאָן, ווייל קיינמאָל זיינען מענטשן נאָך ניט אַרומגעגאַנגען אַזוי אַרום אים. אין בעט איז געווען גראַם און קיל און דער ווייטיק זיינער אין בויך האָט אינגאַנצן ניט געסטאַיעט.

אַ יונג מיידל האָט זיך געפּאָרעט אַרום אים, געשמייכלט צו שימעלען, באַגאַנגען זיך מיט אים אַזוי וואַזשנע, ווי ער וואָלט געווען אַ וויכטיקע

פּערזאָן. דער שפּיטאָל איז געווען אַ שפּאָגל־נייער אין בראָנזוויל. ערשט אויסגעבויט. סיי פון די אָנגעשטעלטע און סיי פון די בעטן האָט געווייעט מיט בייקייט און פרישקייט און אויף שימעלעס מזל איז אויסגעפאַלן צו זיין פון די ערשטע פּאַציענטן.

דער דאָקטאָר האָט שימעלען באַטראַכט, באַטאַפּט, אויסגעפרעגט יעדע קלייניקייט און די נוירס האָט פאַרשריבן יעדן דעטאַל פון זיינע ווייטיקן, אַקוראַט ווי שימעלע וואָלט געווען דער וועלט־חכם, וואָס דאַרף אויפפלאָנטערן אַ וויכטיקע פראַגע.

דאָס מיידל, וואָס האָט געהאַלטן וואַך איבער שימעלען, יענע נאַכט, איז נאָך געווען זייער אַ יונגע, וואָס האָט ערשט גראַדואירט די קורסן און האָט געהייסן אָלגאַ. זי האָט גענומען ערנסט יעדע זאַך און איז געווען אויפריכטיק און גלויביק.

שימעלען דאַרף מען מאַכן אַן אָפּעראַציע אינעווייניק, אָבער אים אַרט דאָס שוין ניט. ס׳איז אים דערווײַלע גוט צו ליגן אין פרישן בעט און ס׳איז אים אויך געפעלן, וואָס אָלגאַ טרעט ניט אָפּ פון זיין געלעגער און רעדט מיט אים רוסיש. אינדערהיים האָבן רוסיש נאָר גערעדט די אינטעליגענטערע און די רייכערע. שימעלע ענטפערט איר אויך אין רוסיש און פילט זיך דערהויבן. אַ גליקלעכע נאַכט אַזאַ איז דאָס געווען ביי שימעלען; די ערשטע שיינע נאַכט אין אַמע־ריקע. און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג, איז די זון שוין געלעגן צעלייגט אויף די ווייסע בעטן און אין אָפענעם פענצטער האָט עמיצער אַריינגעזונגען. ער האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי ער איז געקומען אַהער, אָבער אַז ס׳איז אַזאַ ווייסקייט און שיינקייט אַרום און אַרום, איז אויסגעקומען, אַז זיין שאַפּ, משה אהרון דער פּרעסער, זיין הויז מיט קריגערייען, איז אַ ווייטע פאַרגעסענע געשיכטע. און פון איצטער הויבט זיך אָן שימעלע דעם אָפּעריי־טאָרס גליקלעך לעבן. די זון איז איבערגעקראָכן פון די אַנדערע בעטן אויף זיין בעט, צעלייגט זיך אויף זיין פּנים און אים געגלעט, איז געוואָרן אַ דערקוויקעניש פון דעם און ס׳האָט זיך אים אויסגע־דאַכט, ווי די שטילקייט פון די ווייסע בעטן און ליכטיקן צימער רעדט צו אים און זי זאָגט אים:

נו, שאַ, די וועלט וועט דיך שוין ניט לאָזן אונטערגיין, ווייל דו, שימעלע, ביזט זייער חשוב ביי דער וועלט. האָסט זיך שוין גענוג אָנגעליטן און דערפאַר וועלן מיר פון היינט אָן און ווייטער פאַר־זיסן דיינע יאָרן.

אַ בידנע יעזוסל

איוואַ איז צו אים געקומען געוואוירע ווערן וואָס ער טוט. און שימעלען האָט שוין פּאַר דער צייט אָנגעוואָקסן אַ בערדל, האָט ער געשמייכלט צו דער טאָכטער מיט גוטע אויגן און אויסגעקוקט ווי אַ בידנע יעזוסל.

איוואָס באַקן האָבן געבליט, אירע גרויסע בלויע אויגן האָבן געגליט און אירע ליכטיקע האָר האָבן זיך געכוואַליעט מיט אַ גלאַנץ און אַז זי האָט זיך אויפגעשטעלט און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער אַראָפּ־צוציען דעם פּאַרהאַנג, האָט זי אויסגעזען ווי אַ הויכע פּריצה פון ווייטע לענדער. שימעלען האָט זיך קוים געקאָנט גלויבן, אַז ביי אַזאַ קליינגעוואוקסיקן ווי ער, זאָל אויפוואַקסן אַזאַ שטאַלטנע טאָכטער. פון וועמען האָט זי געירשנט איר שיינקייט, אַז אין זיין גאַנצער משפחה זיינען געווען קליינגעוויקסיקע — און די ווייב רבקה איז אויך ניט קיין יפת־תואר. אפשר האָט שוין אין זיך דאָס לאַנד אַמעריקע אַזאַ לופט, וואָס מאַכט אַלעמען שיין און הויך; און אפשר איז גאָר אין אים אַליין דאָ אַזאַ כוח אויף צו געבוירן אַזוינע געראָטענע קינדער. דער לעצטער געדאַנק איז אים בעסער געפעלן און ער האָט זיך דער־פילט זייער צופרידן, וואָס ער איז דער טאַטע. זי האָט זיך צוגעזעצט אויף זיין בעט און שימעלע האָט געגלעט אירע ווייכע וואַרעמע האָר און גערעדט צו איר מיט פיל ליבשאַפט.

— זייער גוט, חוהלע, וואָס דו ביסט געקומען. דיין טאַטן איז שוין געווען זייער אומעטיק. נו, רעד עפּעס, דערצייל, ווי אַזוי גייען דיר עפּעס דיינע געשעפטן?

איוואָס געשעפטן גייען זייער גוט און זי זיינען אַזעלכע, וואָס מען קאָן ניט דערציילן אַ טאַטן, אַפילו דער מאַמען; סיידן עפּעס אַ גוטער, איבערגעגעבענער חברטע. עס איז גוט און שלעכט, ביידע צוזאַמען. סעם איז אַ פאָרמאַן אין אַ גרויסן שאָפּ און פאַרדינט גאַנץ גוט און נתן איז אַ זיסער בחור און זי האָט אים אַזוי ליב — גייט זי איין מאָל אַרויס מיט דעם פאָרמאַן, און אַמאָל מיט נתנען, און ס'איז איר גוט. סעם פירט זי אין די טייערע טעאַטערס אויף בראָדוויי, נעמט זי אויס אויף סאַפּער אין אַזוינע גרויסאַרטיקע רעסטאָראַנען, וואו מוזיק שפּילט ביים עסן און טענץ קומען פאָר. נתן נעמט זי ניט אויס ווייטער פון בראָנזוויל, אָבער איר אַרט דאָס ניט, ווייל ער איז אַזאַ פּשוטער

און זיינע רייד זיינען אַזוינע האַרציקע און אַז ער קושט און גלעט, דערפילט זי די העכסטע פרייד.

רבקה מיט די בנים זיינען אויך געקומען אים מבקר־חולה זיין. איז אויף זייערע פּנימער געלעגן די פאַרלאַרנקייט פון מענטשן, וואָס קומען אין אַ פרעמד הויז און זיי שרעקן זיך. איז אויסגעקומען פּונקט ווי שימעלע וואָלט געווען דער באַלעבאָס פון הויז און ער וואָלט זיי געטאָן אַ גרויסע טובה, וואָס ער האָט באַגעגנט זיי מיט אַ פריינטלעכן שמייכל. האָט דער טאַטע טאַקע אַ פריינטלעכן שמייכל־געטאָן צו זיינע צוויי בנים, צום ווייב און זיי צוגערופן צום בעט. מען האָט שוין באַלד צוויי מעת־לעת אים ניט געגעבן קיין שפּייז, ווייל מען האָט זיך געגרייט אים מאַכן אַן אָפּעראַציע. דערפאַר איז ער געלעגן ניט רירנ־דיק מיט קיין אבר, אַ בלאַסער, אַן אויסגעצערטער מיטן יעזוס בערדל, אָבער אַ חשובער און וויכטיקער, ווייל ער האָט זיך שוין דערוואוסט, אַז אויב אין דער היים האָבן אַלע פון אים חוזק געמאַכט און אים געהאַלטן אַזוי קליין, איז ער אָבער ביי דער פרעמדער וועלט אַ וואַזשנע פּערזאָן.

רבקה האָט אָנגעהויבן צו שנייצן די נאָז און פאַרגיסן טרערן, דערזעענדיק דעם מאַן אין אַזאַ לאַגע, און בילי און ווילים פּנימער זיינען געוואָרן פאַראומערט. שימעלע האָט זיי אָבער באַרואיקט. ער האָט זיי דערציילט, ווי מען באַהאַנדלט אים אַזוי גוט און ווי מען באַנעמט זיך מיט אים אַזוי שיין און ער האָפט דערפאַר, אַז ס׳וועט אַלץ איבערגיין בשלום. איז געוואָרן די שטימונג אַ געהויבענע ביי דער משפּחה און בילי, — אין חצי יידיש און חצי ענגליש, — האָט דערציילט דעם טאַטן פון דער געשעעניש, וואָס דאַרף טרעפן איצט אין זיין לעבן: אין אַ טאָג אַרום דאַרף פאָרקומען דער גרויסער „פייט״ צווישן אים און צווישן בעניק, דעם טשעמפּיאָן פון בראַנזוויל. אויב ער געווינט, וועט שוין זיין איינמאָל גוט.

— וועסט זען, פּאָפּ, „גאָד שוד העלפּ מי ווין דהיס פייט״. דו ביסט דאַרף גיין אין שאָפּ אַרבעטן און מאַדהער ניט אַזוי פיל וואָריען״.

ווידער פייט! און שימעלע האָט זיך דערמאָנט אָן די שווידערלעכע זאַכן, וואָס קומען פאָר אין אַ פייט. ער האָט פּלוצלונג דערזען אויס־געקנאַקטע ציין, בלוט און לעכער אין קאָפּ. אַנגסטן האָבן אים באַשלאָגן פון דעם און ער האָט פאַרמאַכט די אויגן אַ פאַרחלשטער.

„פּאָפּאַ״, „שימעלע מיין מאַן״!

ס׳איז געוואָרן אַ יללה, רבקה האָט אָנגעהויבן צו גוואַלדעווען און די בנים האָבן אים אָנגעהויבן צו שטורכן און צו רייסן. די נוירס איז אַריינגעלאָפן און אים דערמינטערט. די משפחה האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם צימער און שימעלע, אַ קליינינקער, ווי אַ קינד די גרויס, איז געלעגן איינגענורעט אין זיין בעטל און די קאָלדרע איבער אים האָט זיך זייער שווער געהויבן... איז אויף בילין אָנגעפאַלן אַזאַ גרויס רחמנות אויף זיין טאַטן... אויף זיך אַליין און אויף זיין מזל, וואָס הענגט אויף דער וואָג־שאָל פון קומענדיקן פּיט, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און זיך צעוויינט אויף אַ קול. זיך אויסגעוויינט, איז צו אים אין האַרצן געקומען אַ גרויסע האָפענונג און גלויבן, אַז גאָט וועט אים שוין העלפן אין זכות פון זיין טאַטן, וואָס ליגט אַ קראַנקער אויפן בעט און קוים וואָס ער אָטעמט.

בילי טוט אָן אַ טלית־קטן

די לעצטע פּאָר טעג טראָגט בילי אַ טלית־קטן אונטערן העמד. ווען ער בלייבט אַליין, צעשפּיליעט ער זיך, נעמט אָן די ציצית און האַלט זיי מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט און רעספּעקט. ער גלעט די פּער־דעמלעך מיט ליבע און פאַרמאַכט די אויגן, ווי אַ פרומער ייד. ווערט אים פון דעם בעסער און ער פילט אַלעמאָל נאָכדעם, ווי ער האָט געגלעט די ציצית, אַ געוויסע שטייפקייט אין זיינע קולאַקעס.

ביי די שכנים פון אַלע „פלעטס" איז דאָס אויך געווען אַ גרויסע געשעעניש; און ווען בילי איז געגאַנגען אַראָפּ אָדער אַרויף די טרעפּ, האָבן זיך טירן געעפנט און נייגעריקע פּנימער האָבן אים נאָכגעקוקט מיט גרויס דרך־ארץ. ביים בוטשער, ביים גראָסער און ביים בעקער, איז רבקה געוואָרן מיטאַמאָל זייער אַן אָנגעזעענער קונה. די קרעמער האָבן זיך צו איר באַצויגן מיט אַזאַ כבוד, אַקוראַט ווי זי, רבקה, וואָלט געווען דעם מעיאָרס אַ ווייב און זי טוט זיי די גרעסטע טובה, וואָס זי קויפט נאָר ביי זיי. אַלע שכנות פון הויז זיינען געוואָרן צו איר זייער צוגעלאָזן, רק איבערגעלעגן ביי איר און איר געטראָגן קנישעקלעך פון קעז, לאַטקעס און פיש, אַז זי, רבקה, זאָל פאַרזוכן און זאָגן מבינות. זי איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ טייערע מבינטע פון די קנישעקלעך, לאַטקעס און פיש.

אין דעם באַשטימטן טאָג, פאַרנאַכט, איז צוגעפאָרן אַ גרויסער

גרינער אויטאָמאָביל צום הויז, באַזעצט מיט יונגע בחורים. ביליס חסידים און די חברים פון זיין קלוב. דער גאַנצער בלאָק האָט זיך אַרויסגעשאָטן פון די הייזער, אַרומגערינגלט דעם אויטאָמאָביל מיט נייגעריקע פנימער. אויף די קינדער פון דער גאַס איז גאָר געווען אַ גרויסע שמחה. זיי זיינען געקראָכן אויף די רעדער, געטאַפּט דעם גרינעם שטאָל און שטאַרק חשק געהאַט אַ קוועטש טאָן דעם האָרן.

דער מענעדזשער, מיסטער מאָוריס, איז אַרויף אין הויז און באַלד האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דער גאַנצער משפּחה.

רבקה איז אויך געגאַנגען צום „פּייט". מען האָט איר געפּרואווט איינרעדן, אַז ס'איז ניט שיין, אַז אַ מאַמע זאָל גיין זען אַ פייט פון איר זון און איבערהויפּט קומען ווינציק פרויען צו פּייטס. זי האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט; אַ פאַרפוצטע אין אירע יום־טובריקע קליי־דער, צווישן אירע צוויי בנים, האָט זי וואַזשנע געגידערט די טרעפּ מיט אַ פרום פּנים. אַקוראַט, ווי ס'וואָלט געווען ערב יום־כּפּור און מיטן קרבן מנחה אונטערן אָרעם גייט זי דאָס אין שול אַריין גאָט בעטן. איבער אַלע שטאָקן האָבן זיך אויפגעפּראַלט די טירן און משפּחות־ווייז זיך געשטעלט אויף די שוועלן און באַגלייט די גרופּע מיט דרך ארץ.

דער גרינער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און אַוועקגעיאָגט אונטער אַ גרויסן הוראַ, פייפעניש און טומל פון די צונויפגעלאָפענע קינדער פון דער גאַס.

נתן מיט איוואַן זיינען אַוועק צופוס. האַלטנדיק זיך ביי די הענט, האָבן זיי געשפּאַנט דורך לאַנגע גאַסן, פוסטע לאָטס, גערטנער און פּאַרקן. דער רויטער פאַרנאַכט האָט זיך געלייגט אויף זייערע פּלייצעס און זיי נאָכגעגאַנגען פוס־טריט. נתן האָט גאַרניט געוואוסט פון דעם אומגליק, וואָס לויערט איבער זיין קאָפּ. איוואַ אָבער האָט שוין יאָ געוואוסט און ס'האָט איר וויי־געטאָן דאָס האַרץ, וואָס די פענצטער אויף די הייזער, דיביימער אויף זייער וועג זיינען אַזוי רויט און וואָס נתן רעדט אַזעלכע האַרציקע קלוגע רייד. ס'האָט איר אויך וויי־געטאָן דאָס האַרץ, וואָס ס'איז אַזוי גוט צו גיין מיט נתנען, אַז ס'וואָלט זי אַפילו ניט געאַרט, ווען זיי שפּאַנען דורך די גאַנצע שטאָט, פאַר־נעמען זיך אויפן ברייטן סטייט־וועג און לאָזן זיך אַוועק ערגעץ אין עק וועלט...

נתן, דער גבור, האָט געשפּאַנט פאָראויס מיט גרויסע שטרענגע

אויגן און ער האָט געטראַכט, אַז ניט דער עיקר איז, וואָס ער האָלט איוואַן אַזוי ביי דער האַנט און פירט זי איבער דער שטאָט, נאָר דער עיקר איז וואָס אַלע מענטשן, וואָס ער באַגעגנט, זיינען זיינע פריינט און די גאַנצע שטאָט איז זיין היים און אין אַזוינע שעהן טאָר קיינער ניט וויסן פון קיין צער; און אויב ער וואָלט חס־וחלילה באַגעגנט אַזוינע מענטשן, וואָס זיינען פאַריתומטע און פאַרוואָגלטע, וואָלט ער ניט געקאָנט איינרוען ביז וואַנען זיי וואָלט אויך געוואָרן גוט. און ניט דער עיקר איז אויך דאָס: דער עיקר איז, וואָס ווען מען וואַרפט אַריין אַ שטיינדעלע אינם ים, ווערט אַ קליין רינגעלע אויף דער אויבערפלאַך פון וואַסער, דערנאָכדעם אַ צווייטס און אַ דריטס און וואָס מערער רינגען אַלץ גרעסער ווערן זיי, הערן שוין קיינמאָל ניט אויף און פאַרשפרייטן זיך, וואו דער ים האָט אַן עק. אַזוי בעמט זיך אויך די ליבע זיינע צו דער וועלט — פון אַ קליין רינגעלע, וואָס איז געוואָרן בשעת ער האָט איוואַן באַגעגנט.

אַז זיי זיינען אַריין אין אַן אַלייע, וואו די געדיכטע ביימער אין ביידע זייטן האָבן זיך אין דער הויך איבערגעבויגן איינער צום אַנדערן און פאַרשטעלט דעם הימל, האָבן זיי שוין געמיינט, אַז ס'איז מיטאַמאָל געוואָרן נאַכט, אַזוי פינצטער איז דאָרטן געווען, אָבער ווען זיי זיינען ווידער אַרויס פון דאָרטן, האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיי אַ ליכטיק, גרויס שטיק פעלד מיט זון אויף די גראָזן, איז איוואַן מיט־אַמאָל געוואָרן זייער גוט און זי האָט שוין גאָר ניט געקלערט. ס'איז ביי איר געווען רעכט הונגער און בויט, אַ רעגן, אַ שניי, אַ שטורעם, אַלצדינג איז כדאי, אַבי מיט נתנען.

דער בראָנזווילער טשעמפּיאָן

רבקהן האָט מען אָפּגעגעבן אַ פּלאַץ אין די ערשטע רייען. דאָרטן האָט זי געטראָפן נאָך אַ יידענע לעבן איר פּלאַץ. דערזען אַ היימיש פּנים, האָט רבקה פריינדלעך אַ שמייכל געטאָן און געוואָלט אָנפאַנגען מיט איר שמועסן. ווילי איז אָבער באַלד צוגעלאָפן און איר אַריינ־גערוימט אַ סוד, אַז די יידענע וואָס זיצט לעבן איר איז בעניס מאַמע, האָט רבקה אַ ברוגזע אויסגעדרייט דעם רוקן צו איר און איז געבליבן זיצן אָנגעבלאָזן.

דער עולם האָט אָנגעהויבן צו שטראָמען מיט טומל און רעש. איבערן

פעלד האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דעם שלעגערס מאַמע איז אויך דאָ און אַלע האָבן זי אָנגעהויבן צו זוכן מיט די אויגן און מיט די בינאָקלעך. די חברה רעפּאָרטערס האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן מיט זייערע פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן און דערשראָקן רבקהן אויף טויט, ווען זיי האָבן עקספּלאָדירט עפּעס ווי באָמבעס. רבקה האָט זיך פאַרלוירן און אָנגעהויבן זוכן ווילין. דער זון איז באַלד צו איר צוגעלאָפן און דערקלערט וואָס דאָס מיינט. האָט זי זיך באַרואיקט, צורעכט געמאַכט איר קלייד, אַנידערגעלייגט אירע הענט אויף די קני און אָנגעשטעלט אַ וואָזשנעם פּנים. ווייל אויב מען פאָטאָגראַפירט שוין, דאַרף מען דאָך אויסזען עפּעס לייטיש.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן. בעני איז אַרויס דער ערשטער און אַלע חברים זיינע האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן און שרייען אויף די העכסטע קולות. זיין מאַמע, מערער פון אַלעמען, האָט געשריען מיט טרערן אין קול: „בענעלע, בענעלע". דער טשעמפּיאָן האָט זיך געבויגט אַרום און אַרום מיט שטאָלץ און זיכערקייט, זיך אַליין געגעבן שלום־עליכם און געדריקט די הענט צום האַרצן.

בילי איז אַרויס ווי אַ מאַרטירער, צוליב דעם וואָס זיין טאַטע ליגט אַ קראַנקער אין שפּיטאָל. אַז זיינע חסידים האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן און שרייען, האָבן זיינע אויגן אויפגעלויכטן מיט ווייטיק. דער עולם, וויסנדיק פון די ציייטונגען, אַז ביליס טאַטע דאַרף דורכגיין אַ געפערלעכע אָפּעראַציע, זיינען זיי דערפאַר געוואָרן זייער פריינדלעך און ווייך געשטימט צו אים, און די גאַנצע סימפּאַטיע זייערע איז איבערגעגאַנגען פון בענין צו בילין. די מענטשן אין „פעלד" האָבן באַלד דערפילט, אַז ביים היינטיקן פייט וועט זיין „הייס" צוליב דעם, וואָס שימעלע ליגט אַ קראַנקער אין שפּיטאָל...

בילי האָט געהאַט גרויס גלויבן אין האַרצן, אַז ער וועט געווינען, ער האָט אויך געפילט, אַז ער איז דער גערעכטער, ניט בעני. — און אַלץ צוליב זיין אָרעמען טאַטן. דערפאַר, אַז מען האָט אַ קלונג געטאָן, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אויף בענין מיט רציחה און ער האָט דערפילט, אַז זיין רציחה איז אַ באַרעכטיקטע. אין האַרצן איז געוואָרן זייער היים און עפּעס אַ גרויסער דורשט איז אים באַפאַלן.

בעני אָבער האָט זיך אויך געפילט גערעכט, ווייל ער האָט אַן אַלטע מאַמע און זי לעבט ביי אים בכבוד און ביושר. דער גאַנצער בלאָק און די ציייטונגען האַלטן אין איין דערציילן, וואָס פאַר אַ לייטיש קינד

בעני איז צו זיין מאַמען. ער האָט אויך פּאַר זיין אייגן געלט חתונה געמאַכט זיינע צוויי שוועסטער. — און דאָ קומט עפּעס אַן אומבאַ־קאַנטער חצוף און וויל ביי אים צונעמען די קרוין פון בראַנזוויל. האָט ער זיך אויך אַ לאָז געטאָן אויף בילין מיט געךעכטיקייט אין האַרצן און מיטן גלאַנץ פון אַ טשעמפּיאָן.

ביי רבקהן האָבן זיך טרערן באַוויזן און זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער יידענע לעבן איר מיט גרויס שנאה. באַלד אָבער, האָט זיך איר דאָס האַרץ אַראָפּגעלאָזט, ווען זי האָט דערזען, וואָס פּאַר אַ קלאַפּ בילי האָט געכאַפּט אומגעריכט, אַז ס'האָט אַזש אַ הילך־געטאָן איבערן גאַנצן פעלד. רבקהן האָט זיך געגלוסט אַ ריס טאָן פון אָרט גלייך צו דער פּלאַטפאָרמע און אויסדראַפּען די אויגן דעם פרעמדן בחור, דעם גזלן, וואָס האָט אומברחמנותדיק אַ קלאַפּ געטאָן איר קינד, אָבער באַלד איז איר זינדהעלע געקומען צו זיך, אַ שפּרונג געטאָן אויף בענין און אים דערלאַנגט אין אַ רעכטער באַק אַריין. „אַ מצוה אויף אים", „אַ מצוה אויף אים", האָט רבקה געשריען און זיך גע־קוויקט דאָס האַרץ און דער עולם האָט געשאַלט פון גרויס הנאה און געפּילט, אַז די וועלט עקט זיך פון וואוילקייט.

שפּעטער אָביסל, ווען בעני, אַ צערייצטער און אַ פלינקער, ווי אַ טיגער, האָט צוגעשפּאַרט דעם שונא צו אַ ווינקל, געבוכטשעט אין די זייטן גיך, גיך, האָט זיך רבקה געטוליעט צו ווילין און זיך גע־בעטן ביי אים: „אוי, אוי! מען וועט דערהרגענען דאָס קינד, ווילי, וואָס שווייגסטו"!

שוין ביי דער ערשטער „אויסנעמעניש" איז בילי אַנידערגעפאַלן אויפן בענקל אַ צעטומעלטער פון די קלעפּ. מען האָט אים געריבן, געגאָסן וואַסער. דער מענעדזשער זיינער האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויבן און אים אַריינגערוימט אין די אויערן: „דערמאַן זיך אין דיין טאַטן שימעלען, וואָס ליגט אין שפּיטאָל אַ קראַנקער". די דאַזיקע ווערטער האָבן אים אויפגעוועקט פון צעטומלעניש און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף זיין שונא מיט שטורעם. אים געפּלאַכטן, געבוטשערט און דער עולם האָט דערפאַר געהאַט אַ פּאָר מינוט פון אַזאַ געוואַלדיקן פאַרגעניגן, פּונקט ווי אין אַ טערקישער באָד, ווען די שמייסער רייבן די זייטן און מען שרייט: „איי גוט".

רבקה האָט זיך צום אַלעם ערשטן דערפרייט, וואָס איר זונעלע דערלאַנגט אַזוינע פיינע קלעפּ, אָבער תיכף איז אויף איר אָנגעקומען

אַ גרויס רחמנות אויף דעם פרעמדן און ס'האָט איר געאַרט פאַר יענעמס מאַמע, וואָס זיצט אַ דערשלאָגענע ביי איר זייט. זי האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים צו איר און אַ קוק געטאָן אויף איר מיט מיטלייד. יענע מאַמע האָט אָבער ניט באַמערקט איר קוק, אַ בלאַסע און מיט אויגן פול מיט ווייטיק האָט זי נאָכגעפאָלגט דעם זון אירן, וואָס האָט זיך געבויגן אונטער ביליס קלעפּ און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

ביי דער צווייטער „אויסנעמעניש" איז שוין בעני געווען אַ צע־טומלטער און זיין מענעדזשער האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויבן און אים אַריינגערוימט אין די אויערן, אַז ער זאָל ניט פאַרגעסן, אַז ער האַלט אויס אַ מאַמען בנחת ובכבוד.

— דו מוזט געווינען, — האָט ער זיך ביי אים געבעטן, — ניט אַזוי צוליב דיר, ווי צוליב דיין אַלטער מאַמען. דערלאַנג אים נאָר אויף יענעם פלאַץ, וואו דו האָסט דערלאַנגט קיד מייקן, וועסטו אים זיכער אויסציִען.

רבקה איז געווען זייער אויפגעלייגט, אָבער איר גליק האָט פאַר־שטערט די דערשלאָגענע יידענע ביי דער זייט. האָט זי זיך אויסגע־דרייט צו איר מיט מיטגעפיל און אַ מאַך געטאָן:

— וואָס קאָן מען זיך העלפן, אַז מיין בילי איז אַ סך געזונטער פון אייער בעני.

יענע האָט גאָר ניט געענטפערט, נאָר אַ קוק געטאָן מיט שנאה. זי וואָלט איר יאָ אָפּגעענטפערט און אָפּגעענטפערט אַזוי, אַז ס'וואָלט וויסט און פינצטער געוואָרן אַט דער שלעפּערקע פון בראַנזוויל צו ריידן אַזוי וועגן איר זון. אָבער זי האָט זיך אָפּגעהאַלטן, מחמת זי איז געווען שטאָלץ און ס'איז איר, אַ באַראָ פּאַרקער, ניט אָנגע־שטאַנען צו ריידן מיט אַ בראַנזווילער דריפּקע.

נאָך דער פינפטער „אויסנעמעניש", ווען בילי, אַ באַסער פון שוויס און אַ צעבלוטיקטער, האָט שוין ניט געקאָנט אָטעמען, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו דרייען אויף דער פלאַטפאָרמע פונקט, ווי אַ לייב אין אַ שטייג, ווען דער באַלעבאָס בריט אים דורך די גראַטעס מיט אַ גליענדיקן אייזן.

רבקה האָט דערפילט, אַז אָט־אָט עקט זי זיך, ווילי איז דענסטמאָל ניט געווען ביי איר זייט, האָט זי מיט די אויגן זיך געווענדט צום עולם, אפשר וועט עמיצער רחמנות האָבן און ראַטעווען איר קינד, אָבער די צושויער האָבן געהאַט רויטע אויפגערעגטע פּנימער, ווי

ביי גזלנים. ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זיי פרייען זיך גאָר, וואָס מען פייניקט אַזוי אַ מענטשן...

בילי איז שוין געווען זייער פאַרצווייפלט. די גאַנצע וועלט האָט זיך געדרייט ביי אים מיטן קאָפּ אַראָפּ. ער האָט געגעבן אַ פאַל צו די ברעטער און ער האָט דערפילט, ווי אַלעס איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרן און אָפּגעשטעלט דעם דופק. עפּעס איינער אַ מענטש אַזאַ, ווי אַ דער־קוטשליווע פליג, ציילט: איינס—צוויי—דריי—פיר... אים וואָלט שוין ניט געאַרט צו ליגן אַזוי און גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן וואו ער איז — אָבער די דערקוטשליווע פליג לאָזט ניט צורו...

ווען ער האָט דערהערט, אַז דער מענטש האַלט שוין ביי אַכט, איז אַ פּאַניק באַפאַלן אַלע זיינע אברים און באַלד האָט זיך עפּעס אַ וועק־געטאָן ביי אים און ער האָט געגעבן אַ שפּרונג אויף די פיס און זיך אַ לאָז געטאָן אויף בעני. בילי האָט זיך שוין ניט געהיט פון די קלעפּ. עס איז אים שוין געווען אַלצייינס: ער האָט ווי אַ בלוט־הונט געזוכט יענעמס מאָרדע. בעני האָט זיך פלוצלונג דערשראָקן... ווי אַ בייזע כמאַרע האָט זיך בילי געררוקט אויף אים; ער האָט זיך געהאַלטן אין איין שאַרן צו אים ווי אַ בלוטדורשטיקע חיה. ער האָט גאָרניט געזען פאַר זיינע אויגן, אַחוץ בעניס מאָרדע. ער האָט זי באַגערט די מאָרדע, דעם שונאס, מיט אַלע זיינע חושים. פלוצלונג — אַ שפּרונג!... דער עולם שאַלט!...

בעני איז שוין געלעגן אויסגעצויגן אויף די ברעטער און בילי האָט זיך נאָך געריסן פון אָרט און זיין ברוסט האָט זיך געהויבן, ווי אַ כוואַליע, ווייל זיין דורשט נאָך נקמה איז נאָך ניט געשטילט גע־וואָרן. ווען ניט דער מענטש, וואָס דרייט זיך די גאַנצע צייט פאַר די פיס און לאָזט ניט, וואָלט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דעם שונא און ער וואָלט אים געטראָטן מיט די פיס...

בעני ליגט. זיין פּנים, אַ פאַריסורימטס, קוקט שטום אויף דעם, וואָס ציילט זיינע סעקונדן: 1 — „בעני מען דאַרף זיך אויפהויבן", 2—3—4. „נעם זיך אָן מיט כחות, בעני". 5—6. „ס'איז אָבער ניטאָ קיין טראָ־פּעלע כח". 7—8. „אויס טשעמפּיאָן". 9. „מילא, ס'איז שוין אַלץ איינס, לאָז די גאַנצע וועלט אונטערגיין און ער וועט זיך ניט אויפ־הויבן פון פּלאַץ"... בעני האָט פאַרמאַכט די אויגן און האָט אַפילו ניט געזען, ווי דאָס פאָלק זיינס, וואָס האָט אים פריער געטראָגן אויף די הענט, האָט זיך איצט אָפּגעקערט פון אים און אַלע באַגייסטערטע

געשרייען, און די שטרויענע ווייסע קאַפּעלושן, וואָס פליען אין דער הויך, און דאָס טופּעניש מיט די פיס, און דאָס קלאַפּן מיט די הענט — איז שוין פאַר אַ צווייטן קעניג, פאַר בילין, דעם נייעם טשעמפּיאָן פון בראָנזוויל.

תיכף האָט זיך איבער גאַנץ בראָנזוויל — אין אַלע פּול־רומס און מואווי־הייזער, אויף אַלע מיטינגען אין די קלובן, אין די קאַבאַרעטן, טאַנץ־זאַלן און אין אייז־קרים פּאַרלאָרס זיך צעטראָגן די נייעס, אַז ס'איז אויפגעשטאַנען אַ נייער טשעמפּיאָן אין בראָנזוויל: געפאַלן דער אַלטער, לעבן זאָל דער נייער.

די אָפּעראַציע

אין טאָג פון דער אָפּעראַציע האָט זיך שימעלע דערפילט, אַקוראַט ווי אַ פרומער ייד ערב יום כפור פאַר כל־נדרי, וואָס טוט זיך אָפּ אינגאַנצן פון דער זינדיקער וועלט און אַ געלייטערטער מיט אַלע מחשבותן גרייט ער זיך צו דער הייליקער מינוט, ווען דער חזן וועט אַ זינג טאָן כ—ל נ—ד—ר—י און דענסטמאָל וועלן זיך עפענען אַלע טויערן פון הימל און אַלע הערצער וועלן זיך דערהויבן אַהין...

דער דאָקטאָר איז געקומען און אים אויסגעהערט און אים גע־פרעגט אַזוי ווייך, אַז וואָס אַ שטיגער וואָלט שימעלע פאַרלאַנגט, אײדער מען מאַכט אים די אָפּעראַציע. ער, דער דאָקטאָר, וועט דער־פילן אַלע זיינע באַגערן. אפשר וויל ער איבערשיקן אַ בריוועלע צו זיין ווייב, אָדער גלאַט אַזוי עפּעס אָנזאָגן.

ער, שימעלע, וויל אָבער גאָרניט. דאָס הייסט, ער וויל יאָ, אָבער ער שעמט זיך צו זאָגן... דער דאָקטאָר איז אַוועק מיט שטילע טריט און אַ פאַרזיכטיקער אַזאַ, באַגלייך ער, דער אָפּערייטאָרל, איז אַ גרויסער מענטש, אַ מלכות, צי וואָס. האָט שימעלע געטראַכט, אַז אויב ער איז טאַקע יאָ אַזוי חשוב ביי זיי, פאַרוואָס־זשע האָט ער זיך געשעמט צו זאָגן, אַז ער וואָלט געוואָלט אַז אָלגאַ, די נוירס, זאָל קומען און בייזיין ביי דער אָפּעראַציע.

די פענצטער זיינען ברייט צעעפנט און דער צימער איז קיל און פריש. שימעלע ליגט זיך ווי אַ שרה און אַלע זיינע אברים זינגען, כאָטש ער איז אָפּגעשוואַכט און קאָן זיך קיין ריר ניט טאָן. אָבער פאַר דעם זאָרגט ער זיך ניט, וואָס ער קאָן זיך קיין ריר ניט טאָן. אַלע דאָ אין

שפּיטאָל זײַנען שטענדיק גרייט צו יעדן ריר זײַנעם. וואָלט ער נאָר אײן קרעכץ געטאָן, אַזוי וואָלט באַלד עמיצער געקומען צו־לויפן און וואָלט זיך שוין געמיט, אַז ס׳זאָל אים זײַן גוט. מ׳האָט אַפילו אַ ראַדיאָ אַרײַנגעשטעלט אין זײַן צימער, אָבער ער האָט פײַנט ראַדיאָ, זי טומלט צו פיל. האָט ער געהייסן פאַרמאַכן. און אַז ער, שימעלע, הייסט פאַרמאַכן, פאַרמאַכט מען, אַן אַנדער ברירה האָבן זיי געהאַט.

שפּעטער־צו זײַנען געקומען צוויי מענער אין ווײַסן און מען האָט שימעלען פּאַרזיכטיק אַוועקגעלייגט אויף אַ טראָג־בעטל און אַוועק מיט אים אין באַד־צימער. דאָרטן האָט מען אים געוואַשן אין ריינע וואַסערן און אָנגעטאָן אַ ביי ווײַס העמד. דערנאָכדעם ווי אַ הייליקע זאַך אים אַרײַנגעטראָגן אין אָפּעראַציע־צימער און אים אויסגעצויגן איבער אַ טיש. און דאָ האָט געטראָפן דער וואונדער, וואָס שימעלע האָט פריער געמיינט, אַז ס׳איז בלויז אַ זעאונג אַזאַ, ווי אַ חלום. אָבער דאָס איז פאַרט געווען אַלגאַ. זי איז געשטאַנען אינגאַנצן אַ ווײַסע לעבן דאָקטאָר און אים געהאָלפן צורעכט מאַכן עפּעס אַ מאַ־שין מיט אַזוינע שפּיגעלעך.

שימעלע דער אָפּערייטאָר האָט זיך ניט געוואָרפן און ניט געמאַכט קיין קאַפּריזנע שטיק, ווען מען איז צוגעטראָטן צו דער אָפּעראַציע. ער האָט אַפילו ניט באַמערקט, וואָס מען טוט דאָרטן. אויף זײַן שטערן איז געלעגן אַלגאַס האַנט אַ וואַרעמע און אַ גלעטנדיקע. ער האָט אין אַזאַ סכנותדיקער מינוט זיך געוואָלט אָפּגעבן חשבון הנפש, אָבער אַ גוטער געדאַנק אַזאַ האָט אים ניט געלאָזט. ער האָט זיך אָפּגעטאָן פון אַלע זײַנע צרות און איז אַוועק אין אַ ווײַסער ליכטיקער וועלט מיט אַ גרויסער פרייד, וואָס מען קאָן זי ניט אַרויסזאָגן.

דער דאָקטאָר האָט אַ מאַך געטאָן איבער זײַן פּנים, ווי אַ כשוף־מאַכער און אַ מאָדנע כוואַליע האָט אים אַ כאַפּ געטאָן און אים אויפ־געהויבן אין דער לופטן. האָט ער זיך אַביסעלע דערשראָקן און זיך אָנגעכאַפּט אָן אַלגאַן, זײַנען זיי שוין בײדע געפלויגן אין דער לופטן. אָבער אַ מאָדנע מיידל, די אַלגאַ. זי פרעגט אים צי קאָן ער ציילן: איינס, צוויי, דריי — וואָס איז ער דען, אַ פּיצעלע קינד, צי וואָס?...

שימעלע ציילט איינס, צוויי, דריי. שימעלע איז קיינמאָל ניט געווען קיין אָפּערייטאָרל אין אַן אָפּן שאַפּ. שימעלע איז אַ גרויסע פּערזענ־לעכקייט און יונגע מיידלעך אין ווײַסן זײַנען גרייט צו זײַן דינסט.

ער דאַרף זיך אָבער דערמאָנען, וואָס פאַר אַ צאָל קומט נאָך 14. שאַ, שטיי נאָר, וואָס פאַר אַ ציפער קומט טאַקע נאָך 14?...

דער גרויסער ספּעציאַליסט, דער דאָקטאָר, האָט געשניטן מיט גרויס כוונה שימעלעס אינגעווייד און ער האָט מייסטעריש אויס־געראָטן דאָרט די צרה, וואָס האָט דעם אַפּערייטאָרל געמאַכט שטעכן אין די זייטן אַזוי פיל יאָרן און שימעלע, אַ פּאַרטאַיטער אונטערן מעסער, האָט טאַקע בשום אופן זיך ניט געקענט דערמאָנען, וואָס פאַרט פאַר אַ צאָל קומט נאָך 14...

נתנן אַרט דאָס ניט

ביי נתנען אין שאַפּ איז געוואָרן סלעק. אַלע יאָר אַזוי. אין די האַרבסט־חדשים לאָזט זיך אויס די אַרבעט אין די דרעס־שעפּער, קומען אויף די פרייע טעג אַזוי פּלוצלונג, פּונקט ווי מען וואָלט איבער־נאַכט אָפּגעראַמט אַ באַרג פאַר אַ הויז, וואָס האָט שטענדיק פאַר־שטעלט די שיין פון טאָג און גאַנצפרי איז שוין ליכטיק און זוניק אין אַלע צימערן.

ס'איז אַ גאָלדענער האַרבסט אין בראָנזוויל און די טעג ציטערן מיט קאַלטע ליכטיקע פרימאָרגנס און גליען מיט זון אין די הייסע העלע בייטאָגן. אויף אייניקע גאַסן וואַקסן אויךביימער פאַר די הייזער, ווערן די בלעטלעך רויט און זונען וויגן זיך אויף די צווייגן, און ליכ־טיקע העזלעך שפּרינגען אַרום אויף די שאָטנדיקע טראָטואַרן.

וואָס מיינט דאָס צו נתנען? ס'מיינט, אַז די זאָרג איז אַראָפּגעפאַלן פון זיינע פּלייצעס און אויב אַפילו ס'איז אים באַשערט צו לעבן נאָר איין טאָג, איז אויך כדאי.

ער וועט איצט שפּאַנען צופוס איבער גאַנץ בראָנזוויל, גלייך קיין פלעטבוש. איוואַ וואוינט שוין איצט דאָרטן. נאָכדעם, ווען דער ברודער האָט געוואונען דעם פּייט, איז זיי שוין ניט אָנגעשטאַנען פאַרבלייבן אין בראָנזוויל. אין פלעטבוש וואוינען אַלע רייכע מיט גערטנדלעך פאַר די קליינע צוויי־שטאָקיקע הייזער, און מיט ברייטע ליכטיקע גאַסן, און מיט פּריוואַטע גאַראַזשען פאַר אייגענע אויטאָמאָבילן.

מיידעלעך, אַז זיי גייען אין סקול אין ריינע קליידעלעך מיט ביכ־לעך אונטער די אָרעמס, קומט זיי די זון אַנטקעגן און לייגט זיך אויף די האָר פון זייערע אונטערגעשוירענע קעפּעלעך און גייט אויך מיט

אין סקול אַריין. זיי שפּאַנען די מיידעלעך אין די טויזנטער איבער אַלע גאַסן זייער וואַזשנע און שטאָלץ, גלייך זיי טוען די גרעסטע טובה טאַטע און מאַמע און גאַנץ בראַנזוויל. און דערפאַר ווילן זיי זיך ניט אָפּשטעלן אוןריידן צו נתנען, ווען ער וויל מיט זיי פאַר־פירן אַ געשפּרעך. נאָר איין און איינציק רויט מיידעלע מיט קאָסאָקע אייגעלעך האָט זיך יאָ אָפּגעשטעלט און געלאָזט וויסן נתנען זייער שטאָלץ, אַז זי לערנט שוין אין גרייד 2־איי, און אַז זי האָט קיין צייט ניט צו ריידן מיט אים, ווייל ס'איז שוין באַלד ניין דער זייגער.

די ייִנגלעך טוט מען אויך אָן ריינע הויזן און רעקלעך, אָבער ווי נאָר זיי זיינען אויף דער צווייטער זייט טיר, אַזוי ווערן זייערע קליידער באַלד פאַרפּלעקט און פאַרשטויבט, און די מאַמעס זיינען פאַרצווייפלט און זיי קענען עס גאָרניט פאַרשטיין — עפּעס ווי עמיצער וואָלט זיי אומיסטנע אויסגעשמירט...

דעם גאַנצן וועג צו דער סקול, שפּרינגט דער באַל פאָראויס און זיי לויפן אים נאָך מיט ערנסטע פּנימער און זיי באַמערקן גאָרניט די מאַשינען, וואָס לויפן איבער די גאַסן און בלאָזן די האָרנס זיי איבערצושרעקן. זיי באַמערקן אַפילו ניט ווי זיי גייען איבער פון ראָג צו ראָג אונטערפּאַטשנדיק דעם באַל, וואָס טאַנצט אַ פריילעכער אויף די שטיינער. קומט אויס, ווי זיי וואָלטן גאָר ניט געגאַנגען אין סקול, ווען ניט דער באַל, וואָס שפּרינגט פאָראויס, פירט זיי און פאַרנאַרט זיי צו די שטיינערדיקע טרעפּ מיט דער ברייטער טיר, פון דער אַמעריקאַנער פּאַבליק סקול.

עטלעכע מינוט נאָך ניין ווערן פאַרשוואונדן אַלע קינדער פון די שטיבער, פון די גאַסן און מען קאָן נאָר זען אַ פּאָר פאַרשפּעטיקטע, וואָס לויפן פאַרצווייפלטע אָן אַן אָטעם. זיי וועט שוין דער לערער באַשטראָפן און דער טאָג וועט שוין זיין אַ פינצטערער פאַר זיי.

בייטאָג ווערט בראַנזוויל אַ ווייבערשע שטאָט און מיט אַן אייגע־נער מלוכה. די מענער, וואָס פאַרבלייבן אין שטאָט, מוזן זיך שוין אויסבאַהאַלטן אין די הייזער. מענער, וואָס מעגן יאָ אַריינקומען גע־זעצלעך אין זייערע טעריטאָריעס אין אַזוינע שעהן, זיינען די מילך־לייט, וואָס גייען אַרום איינמאָנען געלט פאַר די פלעשער מילך, וואָס זיי לאָזן איבער אין טונקעלע פאַרטאָגן לעבן יעדער טיר. אייז־לייט, וואָס פאָרן־אום אין זייערע וועגענער מיטן פּראָסטיקן קרישטאָל און שרייען: „אייז, ווייבער, אייז״. סיילסלייט מיט כיטרע אייגעלעך,

וואָס האָבן זיך פאַרלייגט אויף בראַנזוויל און ווילן רק מזכה־זיין יעדע הויז מיט וויקטראָלאָס, ראַדיאָס און בעזעמער, וואָס קערן די שטוב אויף עלעקטריק; יידן מיט גרויסע בערד, משולחים אַזוינע, וואָס מאָנען איין געלט פאַר ישיבות אין ארץ ישראל און פאַר די יתומים־הייזער אין בראַנזוויל. אַזוינע מעגן זיך באַוויזן פראַנק און פריי און ס׳וועט קיינעם ניט וואונדערן. אַזאַ בחור אָבער ווי נתן, אַ געזונטער, אַ הויכער יונג, וואָס פּלוצלונג דרייט ער זיך אַרום פּוסט־און־פּאַסט, ווען אַלע יונגע לייט זיינען גאַר אַוועק אין ניו־יאָרק צו דער אַרבעט; מסתמא אַ פּויליאַק, אַ גאַרנישט מיט אַ ניט.

נתנען אַרט דאָס ניט. זאָל מען וועגן אים טראַכטן וואָס מ׳וויל און ער וועט זיך דאָ גיין מיט אַ ליכטיק־צעשטראַלט האַרץ אַנטקעגן דעם זוניקן האַרבסט־טאָג.

נתן וועט ברענען ווי אַ ליכט

נתן וועט ברענען ווי אַ ליכט. יעדע מינוט וועט ער פאַרצערן אַ שטיק לעבן און אַז ס׳וועלן שוין אַלע יאָרן זיך אויסברענען, וועט אַ פלאַם זיך אָנצינדן פון די אַשעס און זיי וועלן לייכטן און שיינען. ווייל קיינמאָל וועט ער ניט וועלן פאַרלאָשן ווערן און ניט וויכטיק זיינען זיינע אייגענע צרות, וויכטיק איז די גאַנצע וועלט אַרום.

אַזוי האָט ער געטראַכט, נאָכדעם ווען ער איז אָנגעקומען אין פלעט־בוש שפּעט אין טאָג און מען האָט אים געלאָזט וויסן, אַז איוואַ איז ניטאָ און מאָרגן וועט זי אויך ניט זיין. זי וועט זיך אפשר זאמען אין די קעטסקיל־בערג אַ פּאָר מאָנאַטן. די בשורה האָט אים אָנגעזאָגט דער בלאָסער שימעלע אין האַרטן קאַפּעליוש, וואָס איז געזעסן אויפן גאַניק און זיך געהוידעט אין דער וויג־שטול.

אין אַן אויסגעוואַשענער מאַשין איז סעם אָנגעקומען אינדערפרי, און אַ טייערן דימענט־רינג האָט ער אויך באַזאָרגט. אין זשילעט־קע־שענע איז דאָס געלעגן אין אַ גרין פּליושן קעסטעלע מיט אַן איינגע־האַלטענעם אָטעם, ווי אַ גנבל.

אָ, סעם איז אַ חכם און פאַרשטייט די וועלט מיט די מענטשן! עס פאַרדריסט אים אַפילו, וואָס מען וויל אים ניט, — אים, דעם אינ־טעליגענטן, איידעלן מענטשן. אָבער ס׳איז אפשר דערפאַר, וואָס איוואַ איז אַביסל נאַריש און פאַרשטייט ניט ווי אָפּצושאַצן זיינע מעלות.

דאָס וואָס זי האָט זיך פאַרמישט מיט נתנען איז דאָס גלאַט אַזוי אַ קאַפּריז, ווי ביי יעדער יונגער מיידל. אויף די בערג דאָרט אין קאַנטרי וועט שיינען אַ גרינע ליכטיקע לבנה (זי איז זייער אַ קלוגע שדכנטע, די לבנה, ניט איין שידוך שוין אויסגעפּירט). די נאַכט וועט זיין אַ קאַלטע און אַ שמעקנדיקע, וועט קומען צו איר ער, סעם, דער שטאַרקער מאַן, מיטן דימענט־רינג — און ס׳וועט שוין נישט זיין קיין אָפּהאַלט...

אין דער גלאַנצנדיקער מאַשין האָט זיך איוואַ געזעצט לעבן אירע פּעקלעך און האָט זיך געוואָלט איינריידן, אַז אין דער לעצטער מינוט, ווען מען וועט שוין האַלטן ביים רירן, וועט פון אָט יענעם ראָג זיך באַווייזן איר ליכטיקער נתן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און וועט זאָגן:

— „מען דאַרף ניט".

דענסטמאָל וועט זי ווערן זייער שטאַרק ביי זיך, זי וועט אַראָפּ־קריכן פון דער מאַשין און גאָרניט חרטה האָבן...

נתן האָט זיך אָבער ניט באַוויזן פון אָט־יענעם ראָג און די מאַ־שינעריע האָט אָנגעהויבן צו הודזשען. סעמעלע אין ברוינע לע־דערנע הענטשקעס מיטן ציגאַר אין מויל, האָט אַ טרעט געטאָן אויפן פּעדאַל און אַלע גאַסן האָבן זיך אָנגעהויבן צו יאָגן — ביז זיי זיינען אַרויף אויף דעם ברייטן ליכטיקן פּאַרק, וואָס מיט די שיינע הייזער ביי די זייטן.

דאָרטן האָבן זיך געיאָגט אַ סך מאַשינען מיט אַמעריקאַנער לייטע. איוואַ געהערט אויך צו זיי און מסתמא וועט זי אויך וואוינען אין איינעם פון אָט די שיינע פּאַלאַצן. אַ סך מיידלעך קוקן אַרויס אויף דעם; און גאַנץ בראָנזוויל און פלעטבוש וואָלט געלאַכט פון איר דאָס גרעסטע געלעכטער, ווען זי זאָגט זיך אָפּ פון אַזאַ גליק. אָבער נתן איז ווי אַן אייגענער און איר האַרץ גייט אויס נאָך אים. זי קאָן אַפילו ניט פאַרשטיין, וואָס אַזוינס האָט ער אין זיך, וואָס קומט אויס ווי אַ געזאַנג.

נתנס יסורים זיינען אָן אַ גרענעץ. אָבער אַז ער ווייסט אַ שפּרוך אַזאַ צו יעדער זאַך — איז אים איצט אויך אָנגעקומען דער שיינער געדאַנק, אַז ווי אַ ליכט וועט ער ברענען. יעדע מינוט וועט ער פאַר־צערן אַ שטיק לעבן און אַז אַלע יאָרן זיינע וועלן זיך שוין אויס־ברענען, וועט אַ פלאַם זיך אָנציגדן פון די אַשעס, וועלן זיי לייכטן און שיינען און קיינמאָל ניט פאַרלאָשן ווערן. ווייל ניט וויכטיק

זיינען זיינע אייגענע צרות, וויכטיק איז די גאַנצע וועלט אַרום. וויכ־טיק איז גאָר שימעלע, וואָס זיצט אַ בלאָסער און ס׳איז אים קאַלט אין אַזאַ וואַרעמען טאָג; וויכטיק איז גאָר די יידענע, וואָס וואַשט די פּאָדלאָגעס אין אַלע רייכע הייזער און זי שלעפּט זיך איצט איבער דער גאָס אַ מידע, אַ פאַרשוויצטע, מיט אַ נאַסן „מאָפּ״; וויכטיק איז גאָר דער טומל פון דער גאַנצער שטאָט, וואָס שרייט צום הימל מיט אַזוי פיל לײדנשאַפט און באַגער און ווייסט ניט פון קיין רו דעם גאַנצן מעת־לעת.

נתן גייט דאַווענען

נתן איז געגאַנגען אין שול אַריין דאַווענען. אַ בענקענדיקער טאָג איז דאָס געווען פאַר אים און ער האָט זיך ניט וואו אַהינצוטאָן, און ער איז אַוועק אַהין פון נייגעריקייט־וועגן, אַ קוק־טאָן, ווי אַזוי ס׳קוקט אויס אַ בראַנזווילער שול. ס׳איז געשטאַנען אויבן איבערן גאַניק אָנגעשריבן מיט גאָלדענע אותיות: בית הכנסת הגדול, שערי צדק ד׳בראַנזוויל. די גרויסע שול, די טויערן פון גערעכטיקייט פון בראַנז־וויל. האָט ער זיך געלאָזט איבער די גרויסע ווייסע טרעפּ צו די טויערן פון גערעכטיקייט און ברייט אויפגעעפנט די טיר. איז קיינער דאָרט ניט געווען, און רויטע שורות בענק זיינען געשטאַנען און גע־דרימלט, און אַן אַלטער ייד איז געשלאָפן איבער אַן אָפענער גמרא.

דער פּרוכת איז געווען פון גין־גאָלד אויף רויטן פּליוש און צוויי באַקעטע הענט אויף צום דוכענען האָבן געהויערט איבערן אָרון־קודש און געשראָקן די ליידיקייט. אויף אַ שטענדער איז געלעגן אַ פאַרלאָזן סידורל און נתן האָט דאָס אויפגעעפנט, פרום פאַרמאַכט די אויגן און זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען. ער האָט ניט געדאַוונט דאָס, וואָס ס׳שטייט אינווייניק, נאָר געזאָגט זיינע אייגענע ווערטער:

„אוי, און אויף בעלמאָנט עוועניו שטייען פעדלערס מיט פרוכט, מיט הערינג, מיט שפּילקעס און לשנה טובה־קאַרטלעך און שרייען: „קומט ווייבער אַהער״.

„אויף לבנון עוועניו לויפט דער עלעוויטאָר און דונערט איבער בראַנזוויל. איך בין אין אַ שיף געפאָרן צו מיין שוועסטער פריידע איבער דעם גרויסן אָקעאַן און מיין שוועסטער אַרבעט גאָר ביי אונ־טער־קליידלעך. און די פיס אירע זיינען געשוואָלן. זי וואָלט גאָר

געדאַרפט פאָרן אין די קעטסקיל־בערג, זיצן אין אַ הוידע־שטול, זיך וויגן און אָפּרוען אירע פיס.

„הא, גאָטעניו, די פּעדלערס פון בראַנזוויל האָבן אויפגעבויט די טויערן פון גערעכטיקייט און די טויערן פוסטעוועז גאָר. קיינער וויל ניט קומען אַהער און מאָנען די גערעכטיקייט. מיין חבר שלמה וואוינט אין שיקאַגאָ און ער האָט מיר געשריבן אַ בריוו, אַז די וועלט ווייסט ניט פון קיין רחמנות. אַז אַפילו טאַטע, מאַמע, ברידער און שוועסטער קאָנען גאָרניט העלפן. און אויב מען האָט אין זיך אַ טראָפּן בענק־שאַפט, זאָל מען דאָס באַהאַלטן אויף שבת, ווען מען אַרבעט ניט. אַז ס׳קומט שבת, דאַרף מען נעמען אַ וואַרעמע באָד, זיך אָפּראַזירן ס׳פּנים, אָנטאָן דעם בלויען קאָסטיום מיט׳ן ווייסן אויבערהעמד און אַרומ־בינדן דעם האַלדז מיט אַ קאָלירטן שניפּס. אַז מען איז שוין פאַרטיק, יום־טובדיק, קאָן מען זיך ערשט דענסטמאָל אויסציען אויפן בעט און אָנהויבן צו בענקען.

„הא, גאָטעניו, די באַלעבאָסטע וועקט מיך אַלע פרימאָרגן פונקט זעקס אַזייגער און הייסט מיר גיין זוכן אַ דזשאָב, ווייל אַז איך וועל ניט האָבן קיין דזשאָב, האָט זי מורא, וועל איך איר ניט באַצאָלן קיין דירה־געלט. הא, גאָטעניו, ביז אַהער פלעגט מיר די באַלעבאָסטע געבן צוויי לויזע אייער צום פרישטיק און שוין אַ פּאָר טעג, אַז זי האָט מיר אויפגעהערט צו געבן אייער, נאָר ברויט מיט קאַווע און ווייטער גאָרניט, ווייל זי האָט מורא, אַז איך וועל טאַקע ניט געפינען קיין דזשאָב און וועל ניט האָבן צו באַצאָלן. און איבער דער וועלט גייט אום אַ גרויסער טרויער. און וואָס־זשע וועט זיין, אַז איבער ניו־יאָרק גייען אום פּעלקער פון דער גאַנצער וועלט, גייען אום מיט טאָרבעס פול מיט שטיינער... און וואו־זשע איז די פריידי? די לויטערע גאָלדענע פרייד, וואָס זאָל מאַכן אויפשיינען די פּנימער און די אויגן זאָלן זיך אָנצינדן. און הא, גאָטעניו, וואו־זשע איז דער גרויסער געדאַנק, וואָס זאָל אָנצינדן די מענטשלעכע הערצער, אַז מען זאָל זיך אַלע אויפהויבן מיט די ווייבער און קינדער, פאַרלאָזן היימען און שטעט צוליב דעם גרויסן געדאַנק?... און הא, גאָטעניו, ווי־זשע איז דער דין, אַז ס׳איז גאָר אינגאַנצן ניטאָ קיין גאָט און די מענטשלעכע נאַרישקייט בויט נאָך אַלץ שולן, טעמפּלען און קלויס־טערס. חזנים גאָרגלען זיך און רבנים גייען אום מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, ווייל די פּעדלערס קומען אפשר אַמאָל פרייטיק־צו־נאַכט און זינגען:

„לכו נרננה לה׳ נריעה לצור ישענו.״ (קומט, לאָמיר זינגען צו אונדזער גאָט, צום פעלז פון אונזער הילף).

... דער שמש איז אָנגעקומען אין אַ האַרטן קאַפּעליוש און האָט געזען, ווי אַ פרעמדער יונגערמאַן זיצט איבער אַן אָפענעם סידור, דאַוונט אַזוי פרום און שאָקלט זיך, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט פון דער ווייטנס און אויסגעוואַרט. אַז יענער איז מיד געוואָרן, גע־פאַלן אויפן סטענדער מיטן קאָפּ אַראָפּ, איז ער צו צו אים, אַ צי־געטאָן ביים אַרבל און אַ מאַך־געטאָן אַזוי ליטיש:

— יונגערמאַן, אויב איר דאַרפט זאָגן קדיש נאָך עמיצן, וועט דאָס אייך קאָסטן בלויז דריי דאָלער און איך וועל שוין פיקסן אַ גוטן מנין פאַר אייך.

דער יונגערמאַן האָט געקוקט אויף אים מיט פרעמדע אויגן און געשוויגן.

— הייסט דאָס, קיין קדיש נאָך עמיצן דאַרפט איר ניט זאָגן, איז אויב איר ווילט דאַווענען אין דער שול, קענט איר דאַווענען פריי, אָן געלט, אָבער עס וואָלט געווען רעכט, איר זאָלט זיך פאַרשרייבן צו דער חברה, וועט איר האָבן קרקע און מען וועט אייך געבן אַ ליטישן פּלאַץ אויפן בית־עולם.

איך האָב געקליבן פּערל

זונטיק פאַרטאָג ווייסן ניט די גאַסן פון איבערגעשראָקענע סטאָ־דעס מענטשן, וואָס לויפן צום בריק אויף לבנון סטריט. זונטיק אינדערפרי איז שבת אין די וואַגאָנען. זיי זיינען ריין אויסגעקערט און די געלע שטרויענע זיץ־פּלעצער שיינען מיט זון. אַ דריי, פיר מענטשן בלויז אין יעדן וואַגאָן און זיי ליגן צעלייגט, ווי ביים טאַטן אין ווינגאָרטן.

זונטיק פאַרטאָג קריכט אַריין דאָס קליינוואַרג צו טאַטע און מאַמע אין די בעטן און טאַנצן אויף די ספּרונזשינע־מאַטראַצן און די ווייסע העמדעלעך מיט די נאַקעטע טעכעסלעך. ליגן מאַן און ווייב קאָפּ לעבן קאָפּ, פוילן זיך און קווועלן אָן פון זייערע קלוגע קינדערלעך, קוקן זיך איבער שמייכלענדיקע און סודותדיקע מיט געטרייע אויגן, וואָס ווייסן עפּעס...

די שכנטע איז אַ קליינע ידענע, אַ קיילעכדיקע, אַ פּולע, מיט לאַכנדיקע שוואַרצע אויגן, יעטאַ הייסט זי. זי דערציילט אַז זי פירט אויס שידוכים נאָר צווישן לאַיערס און דאָקטוירים, נאָר וואָס־זשע דען, אַזוי ווי זי ווייסט, אַז פריידע איז אַן ערלעך קינד, וועט זי איר געבן אַ חתן, אַ העלדישן מאַן, אַ שטילער אַזאַ, שפּילט ניט אין קאָרטן, טרינקט ניט, און דער עיקר אַ גרויסער פאַרדינער. פריידע האָט דערפאַר אַריינגענומען אייזקרים און אַ פלעשל סאָדאַ־וואַסער און מכבד געווען די וואַזשנע שדכנטע, וואָס פירט־אויס אַזוינע געהויבענע שידוכים.

דער האַרבסט איז גאָר נאָך שענער פון דעם זומער און ער קומט אַלע טאָג אַ ריינער, אַן אויסגעוואַשענער. זיצט פריידע לעבן אָפענעם פענצטער, ווי אין אַ ראַם פון ליכטיקייט און זינגט אַ לידל:

איך האָב געקליבן פּערל,
איך האָב אַ פּערעלע פאַרלוירן,
איך האָב געהאַט אַ טייערן דימענט,
און איך האָב אים אָנגעוואוירן.

אַז זי זינגט טרויעריקע לידער, איז אַ סימן, אַז זי איז פריילעך און די זון שטעקט אַריין אַ האַנט דורכן פענצטער, גלעט איר דאָס פּנים, דער שיינער כלה.

שיינע כלה, ליבע כלה,
הער מיך, הער.

די שיינע כלה האָט אָפּגעשפּאָרט גאַנצע טויזנט דאָלער און אויב מען גלויבט איר ניט, קאָן זי אַפילו ווייזן איר באַנק־ביכל — דער בעסטער עדות. און דער זונטיק גייט אויף אין בראָנזוויל אַזאַ זוניקער און גאַנצע משפחות לאָזן זיך מיט לייטישע טריט צו דער באַן, וואָס וועט זיי פירן אין בראָנקס צו זייערע קרובים. בראָנקסער פאָרן קיין בראָנזוויל און בראָנזווילער אין די בראָנקס, די מענער רויכערן גראָבע ציגאַרן לכבוד זונטיק און די ווייבער טוען אָן זייערע דימענטענע רינגען, עכטע און פאַלשע.

אין די הייזער, וואו מען דערוואַרט די געסט, קאָכט מען דענסטמאָל רייכע מיטיקס און מען גרייט די טישן מיט גרייפּ־פרוכט, ניסלעך, עפּל, מאַראַנצן און באַנאַנעס. דאָס קליינוואַרג נעמט מען אויך מיט, אַז מען גייט צו גאַסט, און אין דער היים עסט מען נאָר אַ לייכטן פרישטיק, כדי אויסצואַרבעטן אַ גוטן אַפּעטיט, ווייל

זיי ווייסן שוין, אַז מען וועט צום טיש דערלאַנגען מכל־טוב. מען וועט דערלאַנגען: לעבער פאַר פאַרשפּייז און אַ זופּ פון קרעפּלעך, געפילט מיט לונג־און־לעבערלעך, אַ גע־פּרעגלטן עוף מיט שטיקלעך רינדפליייש ביי דער זייט: געקאָכטע פלוימען, פרוכט, ניסלעך, טיי מיט לעקאַך; דערנאָכדעם וועט זיך צעשפּילן די וויקטראָלאַ און ס'וועלן זיך צעזינגען יאָסעלע ראָזענ־בלאַט מיט זיין „השכיבנו", אָדער „ומפּני חטאינו"; לודוויג זאַץ מיט זיין „איך וויל ניט גיין אין חדר" און מאַלי פּיקאָן מיט „וואָס זאָל איך טאָן אַז איך האָב אים ליב".

נתן מיט דער שוועסטער וועלן היינט אויך פאָרן צוגאַסט אין די בראָנקס. דאָרטן האָבן זיי אַ מומען, חיה הייסט זי; דאָרטן וועלן זיי אויך טרעפן דעם חתן מיט דער שכנטע.

שפּאַנט איצט אום פריידע איבער איר צימער מיט גרויסע האָפע־נונגען און די זון גייט איר נאָך פוס־טריט. זי איז היינט אַ לופטיקע, אַ גרינגע. אירע פלייצעס האָבן זיך גאָר אויסגעגלייכט און זי איז גאָר אַ שלאַנקע מיט שיינע, שטאָלצע פיס. דערווייל אָבער, ביז ס'וועט אָנקומען די אמתע פרייד, וועט זי זינגען דאָס טרויעריקע לידל:

איך האָב געקליבן פערל.
איך האָב אַ פערעלע פאַרלוירן...

די מומע חיה

די מומע חיה איז אַמאָל געווען אַ באַרימטע שיינהייט. האָבן די שווערע יאָרן אין אַמעריקע איר בלויז געשאָנעוועט די בלויע אויגן. דאָס גאַנצע פּנים איז שוין געווען געקנייטשט, אָבער די אויגן אירע זיינען פאַרבליבן דורכזיכטיק און קלאָר און געגלעט מיט גוטסקייט יעדן נאָענטן.

זי האָט געוואוינט אין דריי צימערן אויפן פערטן שטאָק. זיינען די צימערן געווען שטענדיק פאַרפּוצטע, קילע און שטיל ווי אין אַ שול. די מומע חיה איז אומגעגאַנגען אין הויז מיט ווייכע פּאַנטאָפל, האָט קיינער ניט געהערט אירע טריט. מען האָט נאָר געפילט, אַז זי דאַרף זיין, ווייל אירע רייד זיינען אויך געווען שטילע. זי האָט געוואוינט אײנע אַליין אין דריי צימערן, אַחוץ דעם וואָס איר זון, דער לאַיער, איז געקומען אַלע פאַרנאַכט עסן וועטשערע.

אויב עמיצער פון דער משפחה האָט זיך געדאַרפט אויסװײנען, איז מען געפאָרן צו דער מומע חיהן אין די בראָנקס — און װײנען האָט מען געמוזט דאָרטן שטיל. פריידע פלעגט אויך פאָרן אַזש פון בראָנזוויל זיך אויסוויינען פאַר דער מומע חיה אויף אירע צרות, און כאָטש די מומע חיה האָט כמעט ניט גערעדט, אַפילו ניט גע־טרייסט מיט קיין װערטער, איז פריידע דאָך געפאָרן אַהיים אַ דער־לייזטע.

די מומע חיה איז זייער מאַמעס אַ שװעסטער און אין די מיידלשע יאָרן האָט זי זייער מקנא געװען די װײבער, װאָס זיינען געשטאַנען מיט פאַרדעקטע פּנימער און געבענטשט ליכט. אין אירע חלומות האָט זי זיך אָפט געזען, װי זי שטייט אַזוי אַ הױכע, אַ שלאַנקע, פאַר צוויי ליכט, אין אַ װייסן קאָפּטיכל איבער איר פּנים. קיינער איז ניטאָ אין דער שטוב און זי בענטשט פרום יעדעס ליכט מיט בענקשאַפט אין האַרצן.

אין אַמעריקע איז איר דער מאַן געשטאָרבן און דער זון האָט גע־האַט אַזאַ קלוגן קאָפּ, האָט ער זיך פאַרלייגט צו װערן אַ לאָיער. פלעגט ער זייער זעלטן גיין ערגעץ פאַרברענגען, רק איבערגעליגן אין זיין צימער און געחזרט אין די גראָבע ביכער. אַ לאָיער איז ער טאַקע געװאָרן, אָבער ער האָט שוין קיינמאָל ניט געװאוסט, װאָס הייסט פאַרברענגען און ס'איז אים ניט אָנגעגאַנגען אויך. אַ שװײגנדיקער, אַ מידער, קומט ער אַלע טאָג צו דער מאַמען פון זיין אָפיס, גיט געגנוג געלט און רעדט צו איר ניט אויס קיין װאָרט. קאָכט זי פאַר אים גע־שמאַקע װעטשערעס און זי טראָגט אַ גרויסן װײטיק, די מומע חיה, װאָס איר איינציקער זון האָט גאָר ניט קיין פרייד אין זיין לעבן...

קיין שום פרייטיק האָט זי נאָך ניט פאַרפעלט. אין צװייטן צימער, װאו דאָרטן שטייען װייכע שטולן מיט איבערגעצויגענע טשעכאָלן און אַ פאָלירטער טיש מיט אַ גרויס גלאָז איבערגעדעקט, שטייט זי אַלע פרייטיק פאַר דריי ליכט: איינס פאַרן געשטאָרבענעם מאַן, איינס פאַר איר זון, דעם לאָיער, און דאָס דריטע פאַר זיך.

דער חתן

דער חתן האָט אַ טבע צו פינטלען מיט די אויגן און ער מיינט גאָרניט קיין שלעכטס מיט דעם חס וחלילה. שלאַבעריקע אויגנ־דעקלעך — פינטלען זיי. אַדאָלף הייסט ער. שוין 15 יאָר אין אַמע־ריקע און אַרבעט ביי סוועטערס. ער וואָלט שוין איצט אפשר געווען דער באַלעבאָס פון אַ קענדי סטאָר, ווען ניט דער מאָגן. דריי טויזנט דאָלער שוין אָפּגעשפּאָרט, נעמט ער פּלוצלונג און ווערט קראַנק און קיין שום דאָקטאָר האָט אים ניט געקאָנט העלפן. ביז ער איז אָנגעקומען צו אַ גרויסן פּראָפעסאָר, אַ באַרימטער ספּעציאַליסט אויף מאָגן־קראַנקהייטן. הלואי וואָלט ער גלייך אין אָנהויב צו אים גע־גאַנגען, וואָלט ער אפשר ניט פאַרקרענקט זיינע דריי טויזנט דאָלער. בלויז איין 25־ער האָט יענער גענומען פאַר זיין וויזיט און אים גע־האָלפן. ער האָט אים אַפילו קיין רעצעפּטן ניט פאַרשריבן, נאָר אים אויסגעמאַכט אַ צעטל, וואָס ער מעג יאָ עסן און וואָס ער טאָר ניט און פון דעמאָלט אָן איז אים געוואָרן בעסער און לייכטער. ער איז איצטער מיטן געזונט נאָך אויך ניט איי־איי, אָבער ס׳איז שוין צו דערליידן. נאָר וואָס־זשע דען: — ווען ער זאָל נאָך קענען קויפן אַ קענדי סטאָר, וואָלט שוין געווען גאָר וואויל — אַ באַלעבאָס פאַר זיך. ער וועט זיך אָנטאָן אַ ווייסן פאַרטוך, און זיין פּנים וועט זיין פאַרשמאַיעט, און ער וועט לויפן אַהין און אַהער, וואַשן גלעזער, דער־לאַנגען אייז־קרים מיט סאָדאַ־וואַסער, און די קראָם וועט זיין שטענ־דיק געפּאַקט מיט קינדערלעך און דער רעדזשיסטער וועט האַלטן אין איין קלינגען.

די מומע חיה דערלאַנגט כיבוד און די שדכנטע יעטע לאָזט זיך וואוילגיין. אַ באַזונדערע ליבע האָט זי צו די געלינקע ניסלעך מיט די שאַרפע שפּיצן. אויף גאָר אַ בריהשן אופן קנאַקט זי זיי און ניט וויכטיק גאָר זיינען אירע ציין, ווי דער פּאַטש אין באַק, וואָס זי גיט זיך אַלעמאָל...

דער חתן איז נאָך קיינמאָל אויף זיין לעבן ניט געגאַנגען צו־גאַסט און דערפאַר האָט ער זיך פאַרלוירן און פאַרגעסן אויסצוטאָן די שליאַפּע, ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין הויז. ער האָט זיך ערשט געכאַפּט, ווען ער איז שוין געזעסןביים טיש. אָבער דעמאָלט האָט שוין ניט געפּאַסט אַראָפּצונעמען. איז ער געזעסן מיט דער שליאַפּע

אויפן קאָפּ אין גרויסע אַנגסטן, געפּינטלט מיט די אויגן און זיך געשעמט...

אהרון דער משורר איז, פאַרשטייט זיך, געווען שענער. יענער האָט געהאַט אַ פּאָר העזהדיקע פייערדיקע אויגן און אַ געדיכטע טשופּרינע האָר. אָבער פּונקט ווי איר שטעטעלע, אויף יענער זייט ים, און די ווייטע קינדהייט, איז שוין כמעט ווי אַ לעגענדע ביי פריידען, אַזוי אויך אהרון דער משורר. דער יונגער מאַן פאַרלירט ביי איר ניט פון דעם, וואָס ער פּינטלט מיט די אויגן און שעמט זיך. פאַרקערט, זי האָט גאָר רחמנות אויף אים און פון דעם, וואָס זי האָט רחמנות קומט צו איר אָן אַ וואַרעמער געפיל אַזאַ, ווי צו אַ הילפלאָז קינד, וואָס מען דאַרף דאָס גלעטן, כדי אים צו מאַכן פילן בעסער.

די רייד האָבן זיך ניט געקלעפּט ביים טיש און אַלע מאָל איז גע־וואָרן אַזוי אומבאַקוועם שטיל און אַפילו יעטאַ די שדכנטע, וואָס איז שוין ניט איין יאָר אין דער פּראַפּעסיע און האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן, האָט ניט געקאָנט מאַכן, אַז דער געשפּרעך זאָל אָנגיין. קייבער האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז אין דעם אַלעם איז שולדיק נאָר די שליאָפּע, וואָס דער חתן האָט פאַרגעסן זי אויסצוטאָן בשעתן אַרייַנ־גיין אין הויז. ווייל דווקא אַזוי איז ער יאָ געווען אַ באַריידעוודיקער. נאָכדעם ווען זיי האָבן זיך געלאָזט שפּאַצירן ביידע צוזאַמען איבער די גאַסן, האָט ער איר דערציילט אַ סך זאַכן. ער האָט ליב צו לייענען ביכער מיט רייזע־באַשרייבונגען, — האָט ער פריידען דערציילט זייער שיינע מעשהלעך פון די ווילדע מענטשן אין אַפריקע. ער האָט געהאַט טאַלאַנט צו דערציילן און האָט אויסגעמאָלן יעדע זאַך אַזוי פּינקטלעך, ווי ער וואָלט געווען דערביי. האָט די כלה באַוואונדערט זיין גרויסע באַלערנטקייט און קלוגשאַפט, אים אַנגענומען געאַרעמט און זיך געטוליעט צו אים אַ נייגעריקע.

נתן איז פאַרבליבן אין הויז און געוואַרט ביז די מומע חיה האָט זיך גענומען אַפּראַמען פון טיש. ער האָט פון דער מאַמען ניט באַ־קומען קיין איין בריוו און ס'איז אים געווען זייער שווער אויפן האַרצן, האָט ער דערפאַר ניט געוואָלט אַוועקגיין פון הויז, ווייל ווי באַלד די שדכנטע איז אַוועק און עס איז געוואָרן שטיל, איז מיט אים אויך געשען דאָס וואָס עס געשעט מיט אַלע קרובים ווען זיי קומען צו דער מומע חיהן אין הויז. די ווענט, די סטעליע, דאָס מעבל, אַפילו די צוויי פענצטער זייבען געווען אָנגעזאָפּט מיט אַזאַ שטילן געזאַנג,

וואָס ציט אַרויס יעדעס ביסעלע צער און ס׳בלייבט איבער נאָר אַריינ־גיין אין צווייטן צימער, זיך אויסציען אויפן בעט, וועלן די אויגן פון זיך אַליין זיך צושליסן און אַ לויטערע רואיקייט וועט פאַלן אויף אַלע אברים און מען וועט שוין גאָרניט וועלן, גאָרניט באַדאַרפן.

די פאַרנאַכטיקע שעהן האָבן זיך אַריינגעשלייכט אין צימער און נתנען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער דרימלט טאַקע באמת. די מומע חיה איז געזעסן אַנטקעגן אים מיט אירע ליכטיקע בלויע אויגן און ווייל די פינצטערניש האָט אָפּגעווישט יעדן קנייטש פון איר פּנים, איז אויסגעקומען ווי אַ יונג מיידל וואָלט אַנטקעגן אים געזעסן. אַ יונג מיידל, אָבער זייער אַ קלוגע. נתן האָט ניט געדרימלט. ער האָט געהערט יעדעס וואָרט אירס, אָבער ס׳איז אויסגעקומען, ווי אין אַ חלום. נתן האָט זייער געוואָלט וויסן איינצעלהייטן פון זיין מאַמען אין אירע מיידלשע יאָרן. אַ מאַמע איז דאָך אויך אַמאָל געווען אַ קליין מיידעלע. איז זי געווען באַריש צי קלוג? האָט זי זיך אויפגעפירט גוט, צי זי איז געווען אַ שטיפערקע. נתנס נייגעריקייט האָט ניט קיין גרעניץ. די מומע חיה אָבער געדענקט ווינציק־וואָס, ווייל ס׳איז שוין אַזוי פיל יאָרן פאַרלאָפן. אָבער איין בילד געדענקט זי זייער קלאָר: זי איז אַלט געווען אַרום 12 יאָר, איז זי אַרומגעלאָפן אויף דער גאַס מיט די מיידלעך און זיך געשפילט. די שוועסטער אירע, שרה, האָט זיך ניט געשפילט מיט די מיידלעך אויף דער גאַס. זי איז געזעסן לעבן דער מאַמען ביז דער לעצטער מינוט... און תיכף, ווען ס׳איז שוין געווען נאָך אַלעמען, איז זי געלאָפן אין בית המדרש אַריין מיט אַ געוויין רופן דעם טאַטן. זי, די מומע חיה, איז צו צו דער טיר און מורא געהאַט אַריינגיין אינוויניק אין שטוב; איז זי געשטאַנען און געוויינט.

דער טאַטע איז אָנגעלאָפן פון בית המדרש מיט אַ זייטל, פאַרגעסן אַפילו אַראָפּצונעמען דעם טלית און די תפילין. איז ער געלאָפן און געשריען צו זיך אַליין: „אַן אָכטיק איז מיר, אַ וויטיק איז מיר.“ די שוועסטער שרה האָט ניט געקענט דעריאָגן דעם טאַטן, איז זי גע־בליבן העט־ווייט הינטערשטעליק.

ביינאַכט האָט דער מאַמעס נשמה געברענט אין אַ טעפּעלע מיט בוימל און געשפּרונגען מיטן פייערל, וואָס אין קנויטל איבער דער גאַנצער פינצטערער שטוב.

דער טאַטע האָט געהאַט אַ געדיכטע שטים און ער האָט געווײנט נאָר מיט אײן אויג, דאָס צווייטע איז געווען טרוקן, באַגלײך ס׳איז גאָרניט געשען. ער איז געזעסן אויף דער ערד, געשאָקלט זיך און אויסגעזונגען די איוב־מעשה צו די קינדער.

„און איוב האָט געהאַט שאָף און רינדער, קנעכט און דינסטן, גערט־נער און פעלדער, פּאַלאַצן מיט גאָלד און בריליאַנטן. אַ ווײב אַן אשת חיל, און געראָטענע קינדער. איז ער געווען פרײלעך און גליקלעך. און וואָס האָט אים געפעלט? קומט אײנמאָל צולויפן דער קנעכט זײנער פון פעלד מיט אַ וויי־געשריי: — „מײן האַר, דער דונער האָט דערשלאָגן אַלע דײנע שאָף און רינדער...״

די שוועסטער שרה איז אײנגעשלאָפן אינמיטן, אָבער זי, די מומע חיה, האָט ביז שפּעט אין דער נאַכט אויסגעהערט די מעשה פון איוב, וואָס דער טאַטע האָט אויסגעזונגען פאַר איר.

אַז ער האָט געענדיקט, דער טאַטע, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויפן קישן און געבליבן מיטאַמאָל שטיל. האָט זי שוין נישט געוואוסט, די מומע חיה, צי ער איז אײנגעשלאָפן, צי ער איז נאָך וואַך.

שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך אַ ווינט אַרײנגעריסן אין דער אויס־געקלאַפּטער שויב און אויסגעלאָשן דער מאַמעס נשמה. איז די מומע חיה געלעגן מיט אָפענע אויגן און די פינצטערניש האָט אַרומגע־בלאָנדזשעט איבער דער שטוב.

זי האָט נאָך דערציילט מעשיות פון זײן מאַמען, אָבער נתנען איז שוין ניט געווען אַזוי אינטערעסאַנט, ווײל ער האָט ווידער געטראַכט פון איוואַן און ער האָט געוואָלט פרעגן זײן מומען אַזאַ פראַגע:

„מומע חיה״, — האָט ער געוואָלט זאָגן, — „אַז מען האָט שטאַרק ליב אַ מײדל און דאָס מײדל גײט אַוועק פון דיר, וואָס־זשע ווערט פון דעם ווייטיק, וואָס בלײבט איבער? גײט ער אַמאָל אַוועק, און צי באַצאָלט דאָס לעבן מיט עפּעס גוטס פאַר די יסורים? — און אפשר איז דאָס בלויז ניט קײן יסורים פון ליבע, נאָר בלויז פון אָנגערירטן שטאָלץ, און פון דעם, וואָס מען ווערט דורך דעם דערנידעריקט; און אויב עס איז טאַקע אָנגערירטער שטאָלץ, פאַרוואָס זאָל דער מענטש זיך ניט קאָנען דערהויבן איבער אַזאַ קלײנלעכקייט? און צי זײנען בכלל פאַראַן אַזוינע מענטשן אויף דער וועלט, וואָס קאָנען זײן אַזוי שטאַרק און זיך דערהויבן איבער אַלע קלײנלעכקייטן, — אויב־יאָ, פאַרוואָס־זשע איז ער ערגער פון זיי?״

די חתונה

די חתונה האָט זיך טאַקע אָפּגעשפּילט ביי דער מומע חיהן. ווען נתן איז אָנגעקומען מיט דער שוועסטער, זיינען איבער דער גאַנצער לענג פון צימער געשטאַנען געדעקטע טישן מיט לעקאַך און מיט גדאַ־פינען רויטן וויין.

דער חתן האָט ניט געהאַט קיין קרובים, איז ער אָנגעקומען מיט דער שדכנטע און מיט זיין באַלעבאָס: אַ הויכער ייד מיט פּעטע וואַר־געס, אַ געזונטער פּרעסער, וואָס רעדט מיט אַ גראָב קול. ער, דער באַלעבאָס, האָט געהאַלטן אַדאָלפן פּאַר אַ שלימזל, און ליב געהאַט אָפּצושפּעטן פון אים. די לעצטע פּאָר טעג, ווען ער האָט זיך דער־וואוסט, אַז זיין באָרדער האָט באַלד חתונה, איז ער אים דערגאַנגען די יאָרן מיט זיינע חזירשע וויצן. זיין פּה־קדוש האָט זיך געקוויקט מיט דער געלעגנהייט און ער האָט דעם חתן איבערדערציילט אַזוי פיל אומפּאַרשעמטע זאַכן, אַז די שפּיץ נאָז איז ביי אַדאָלפן אַזש גע־וואָרן רויט פון בזיון. דער פּרעסער האָט זיך געקליבן אַריינצופאַלן אויף דער חתונה מיט אַ טומל, ברייטלעך אַזוי, און זיך תיכּף מאַכן היימיש, איז אים אָבער אָנגעקומען אַנטקעגן די מומע חיה אַזאַ שטילע און פרומע און אים באַגריסט מיט אַזאַ טייער קול, פונקט ווי זי וואָלט אויסגעזונגען — האָט עס ביי דעם פּרעסער באַלד אָפּגענומען דאָס לשון און ווי גרויס ער איז, האָט ער זיך פאַרשעמט, און ניט געוואוסט וואוהין אַהינצוטאָן די הענט.

ס'האָבן אָנגעהויבן אַרויפצוקומען די איבעריקע געסט. דער לענד־לאָרד מיט זיין ווייב זיינען געבליבן שטיין ביי דער טיר און געוואַרט אויף כּבוד. אָבער די מומע חיה איז גראַדע געווען פאַרנומען אין קיך און די איבעריקע האָבן זיי ניט געקענט. האָט דאָס דעם פּאָרל שטאַרק פאַרדראָסן און זיי האָבן זיך מטריח געווען און זיך אַליין אָפּגעגעבן דעם כּבוד, וואָס זיי פאַרדינען, און זיך געזעצט אויבן־אָן. דער לענד־לאָרד האָט זיך באַלד גענומען צום לעקאַך און צום וויין. דאָס ווייב זיינס האָט גאָרניט פאַרזוכט. זי איז געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט און פאַרביסענע ליפּעלעך און אירע קליינע שלעכטע אייגעלעך האָבן גאָרניט דורכגעלאָזט און זי האָט זיך גאָר מחיה געווען, וואָס חסרונות זיינען דאָ אַ סך: די כּלה, אַ שטייגער, איז שוין אַן אַלטע מויד און איז אַוודאי העכער שלושים. דער חתן איז אַ דאַרער, אַ נאַרישער

יאַלד און פּינטלט מיט די אויגן. דער פּרעסער איז אַ מיאוסער נפש מיט גראָבע ליפּן און געלע ציין. דער ברודער איז אַ גרינער אַרבעס און שווייגט ווי אַ תּם. די שדכנטע איז אַ כּיטרינקע און גרויסע מאַכ־ליאַרקע. אַלע, אַלע האָבן געהאַט חסרונות און דעם לענדלאָרדס ווייב וואָלט זיך שוין געפּרייט, קאָן זי אָבער אויף דער מומע חיהן ניט געפינען קיין שום חסרון. האָט זי געזוכט און געגנישטערט ביז זי איז געקומען צום באַשלוס, אַז חיה איז איבערהויפּט אַ געפּאַטשקעטע יידענע און זי האָט איר פּיינט תּכלית השנאָה.

ס'איז אויך אַרויפגעקומען אַן עלטערע פרוי אין די פערציקער. זי וואוינט שוין צענדליקער יאָרן אין דער הויז. אַלע קענען זי. אַלע לאַכן אָפּ פון איר, צוליב דעם, וואָס זי פאַרבט זיך אויף דער עלטער די ליפּעלעך און טראָגט קורצע קליידלעך. זי איז נאָך אַ מיידל, פאַר־מאָגט 5 טויזנט דאָלאַר אין באַנק און האָט זיך איינגערעדט, אַז יעדער יונגער בחור, וואָס דערזעט זי נאָר, וויל איר באַלד פאַר אַ כּלה. נאָר וואָס זשע־דען — זי וויל נאָך ניט. האָט זי שוין די גאַנצע צייט פון נתנען ניט אַראָפּגענומען די אויגן, זיך געחנדלט און שפּעטער ווען די וויקטאָראָלא האָט זיך צעשפּילט, האָט זי אים געפרעגט פאַרוואָס ער טאַנצט ניט — און אויב ער וויל, וועט זי זיין זיין פּאַרל און וועט טאַנצן אַ וואַלס. נתן איז געגאַנגען טאַנצן מיט איר און מען האָט גע־שפּילט עפּעס אַ פאַרחלומטן וואַלס און יענע האָט געוואָלט וויזן, אַז זי פאַרמאָגט אַ סך פייער אין זיך, האָט זי צעאַרבעט מעשים. נתנען האָט געוואָרגן אין האַלדז פון איר פאַרפומען און ווייל ס'איז אים געווען אַזוי שווער, האָט ער אויף צו להכעיס זיך געדרייט מיט איר גיך־גיך און זי גאַרניט געוואָלט אָפּלאָזן, ביז דער מיידל האָט אָנגע־הויבן צו שווינדלען אין די אויגן און ס'איז איר געוואָרן ניט גוט אויף צו חלשן.

ס'זיינען אויך אַריינגעקומען צוויי יונגע מיידלעך. אַמעריקאַנער, לייכטע, גרינגע, נאַרישע ציגעלעך, אָבער שטאָלצע, וואָס זיי זיינען די אמתע אַמעריקאַנער און נאָר צוליב העפלעכקייט וועגן דאַרף מען זיין גוט צו די אַלע גרינע און שמייכלען צו זיי אַזוי פריינטלעך. אָבער איין גאָט ווייסט דעם אמת, אַז זיי זיינען אַלע אַזוי „פּאַני" און ווען מען קאָן נאָר, וואָלט מען זיך צעלאַכט אויף אַ קול און זיך געהאַלטן ביי די זייטן.

צולעצט איז אָנגעקומען דעם לענדלאָרדס מיידל מיט קאָסאָקע אויגן,

אַ ברוגזע. גערעכנט האָט זי, אַז זי וועט שוין בלייבן אונטן אין איר צימער; וואָס וועט זי אַהין קריכן? ווּעמען משטיינס געזאָגט, וועט זי דאָרטן זען? אָבער איר שלעכטסקייט קאָן געפינען אַ תיקון, נאָר דאָרטן, וואו מענטשן זיינען פאַראַנען. זי אַרבעט אין אַ באַנק שוין העכער צען יאָר און אירע הענט האָבן שוין איבערגעהאַלטן ביליאָנען דאָלאַרן, אָבער קיין איין מאָל פאַר דער גאַנצער צייט האָט זי ניט געמאַכט דעם מינדסטן טעות און דערפאַר איז זי אַזוי שטאָלץ. זי האָט אויך פאַר דער צייט קיינמאָל ניט פאַרשפעטיקט. זייער פּינקטלעך איז זי און אַקוראַט. דערפאַר קריגט זי געצאָלט מערער פון אַלע מיידלעך. ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד האָט מען זי געלערנט שפּילן אויף דער פּיאַנאָ, אָבער זי האָט ניט געוואָלט. — שטייט פון דענסטמאָל די שוואַרצע פּיאַנאָ און שוויגט, אַחוץ אַמאָל, ווען די קאַץ גיט אַ שפּרונג אַרויף אויף די ווייסע ביינדלעך און זיי גיבן אַ קוויטש.

זי איז אויך אַרויפגעקומען, זיך געזעצט לעבן נתנען און זייער געוואָלט, אַז דער בחור זאָל איר מאַכן קאָמפּלימענטן. נתן אָבער האָט געהאַלטן זיך נאָענט לעבן זיין שוועסטער, וואָס איז געזעסן אַ פאַר־רויטלטע, זיך געסודעט מיטן חתן און יענער האָט אַזוי שטילינקערהייט געשמייכלט. פאַר דער קורצער צייט זיינען זיי שוין געוואָרן צווישן זיך זייער היימיש און פרייען זיך ביידע, וואָס זיי ווערן אויפגערעגט.

ס'איז אויך אַריינגעקומען אַן אַלט יידל, וואָס טוט שוין גאָרניט, וואוינט ביי די קינדער און זיצט אָפּ גאַנצע טעג אין דער יאַרמולקע אויף אַ ווייכער שטול און לאַנגווייליקט זיך. די חתונה דאָ אין הויז איז גאָר אַ גרויסע געשעעניש אין זיין לעבן און ער וועט זי ניט דורכלאָזן, בפרט נאָך, אַז די מומע חיה האָט אים ספּעציעל איינגע־לאַדן. איז ער אַרויפגעקומען מיט שמייכלענדיקע אויגן, געטרונקען לחיים און צוגעוואונטשן דעם חתן, דער כלה, דער מומע חיהן, דעם ברודער און אַלע געסט, אַזוי האַרציק און פריינטלעך. דערנאָכדעם איז ער זיך גלאָט אַזוי געזעסן די גאַנצע צייט אויף איין אָרט און אָנ־געקוואָלן דעם גאַנצן אָוונט פון יעדער קלייניקייט פונקט ווי אַ קינד, וואָס מען נעמט דאָס צום ערשטן מאָל אין לעבן אויף אַ חתונה.

„שאַ, שאַ, דער חתן קען זינגען“. דאָס האָט יעטע די שדכנטע מודיע געווען דעם עולם און קיינער האָט ביז אַהער גאָרניט געוואוסט, אַז דער חתן קען זינגען. „לאָמיר טאַקע הערן, לאָמיר“. אַדאָלף שעמט זיך און וויל כלומרשט ניט. די כלה איז זייער שטאָלץ, וואָס דער חתן

קען זינגען און זי טאַרעט אים מיט אַ קני: „זינג, זינג".

האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען. און אַלע האָבן געמיינט, אַז דאָס פּאַרשווינדל, וואָס פּינטלט מיט די אויגן און איז קליין געוואוקסיק, וועט אוודאי אָנהויבן כריפּען מיט אַ הייזעריק קולכל, לאָזט זיך גאָר אויס, אַז ער האָט שוין איינמאָל אַ קול, אַ פיין טענאָרל. און געזונגען האָט ער אַן אוקראַאיניש ליד: „טשאָרני אָטשי, קודאַ ווי סקרילים" — „שוואַרצע אויגן, וואו האָט איר ניט געסטאַיעט, און איך בענק נאָך די אַזוי". אַלע האָבן אַפּלאָדירט, אָבער די לעגדלאָרדיכע ניט. זי ווערט ניט איבערראַשט פון אַזוינע זאַכן. די הענט האַלט זי נאָך אַלץ פאַר־לייגט אַזוי שטאַלץ.

„שאַ, שאַ, די כלה קען אויך זינגען". אַ צווייטע איבערראַשונג — און אויך די שדכנטע יעטא זאָל לעבן.

פרײדע, אַז זי זינגט מוז זי זיך אויפשטעלן און אירע אויגן דורך די ברילן ווערן ווי פאַרנעפּלט: זי הויבט זיך אָן צו וויגן אין אַלע זייטן, ווי זי וואָלט יעדן געוואָלט אַרומכאַפּן מיט איר ליד:

„גיי איך אַרויס אויפן גאַניקל
ס'שטעטעלע באַקוקן,
קומט צופליען אַ קליין פייגעלע
און טוט זיך צו מיר בוקן."

קען דאָך די כלה אויך זינגען. נאָך אַ מעלה צום שידוך; און אַדאָלף האָט שוין אַפילו איינגעצאָלט אַן אַדערויף אין זייער אַ באַפּעלקערטן קוואַרטאַל אויף אַ קענדי־סטאָר.

וואָס איז אינגאַנצן אַט־דאָס שימעלע

וואָס איז אינגאַנצן אַט־דאָס שימעלע? אַ שפּאַן די גרויס, מיט איבער־געשראָקענע אייגעלעך, און דער בריק איבערן טייך איז אַזאַ ריזיקער און לאַנגער. ער איז געשטאַנען לעבן ברעג פון פרעמדן טייך און געוויינט מיט איינגעהויקערטע פּלייצעס, אָבער קיין טרערן זיינען ניט גערונען און ער האָט אויסגעזען, ווי אַ קליין קינד, וואָס איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן פון דער מאַמען און ווייסט שוין ניט דעם וועג אויף צוריק.

די שטאָט האָט אים אָנגעטאָן אַ אוניפאָרם מיט גאָלדענע קנעפּ, אַ בלוי היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק און אים געשיקט רירן דעם

ריזיקן בריק, וואָס וועגט אפשר צען טויזנט טאָן. 18 דאָלאר וועט ער קריגן יעדע וואָך אין מזומן און אַז ער וועט זיך אויסדינען גוט און לייטיש ביז דער טיפער עלטער, וועט מען אים אויך דענסטמאָל ניט פאַרגעסן און אים צאָלן אַ פיינע פענסיע ביז ער וועט פאַרמאַכן די אויגן און אַוועק פון דער וועלט.

ער האָט דען כח אין זיינע הענטלעך? אויסגעאַרבעט זיינען זיי און ציטערן שוין. וועט ער דאַרפן רירן אָט דעם בריק, אים אָפּשטופּן אינמיטן טייך, כדי די שיפן וואָס פייפן און לאָזן ווייסן רויך, זאָלן קאָנען דורכגיין מיט די הויכע מאַסטבוימער און זאָלן זיך חס וחלילה ניט פאַרטשעפּען אין די אייזערנע באַלקעס.

נאָענט דערביי ציען זיך סקלאַדן מיט ברעטער אויף צענדליקער קוואַרטאַלן. געלע ברעטער און שמעקן מיטן ריח פון אַ ווייטן וואַלד. הויפן מיט ציגל, וואָס שטייען אויסגעלייגט ווי רויטע שטיבעלעך. פולע מאַגאַזינען מיט ווייסן ליים פאַר צעמענט. געדרטנער מיט פאַ־לירטע שטיינער פאַר מצבות און מאָנומענטן און זעען אויס, ווי פאַרטיקע בית עולמס, וואָס וואַרטן בלויז אויף די מתים. אַ פרעמדע וועלט און ווייט פון בראָנזוויל און שימעלע איז דאָ איינער אַליין.

אויפן בריק איבער די גלאַנציקע רעלסן לויפן רויטלעכע טראַמ־ווייען געפּאַקט מיט איטאַליענער, דייטשן, יידן און נעגערס. גרויסע טראָקס, שטויביקע און גרילציקע, עלעגאַנטע מאַשינען. וועגענער מיט שווערע פערד. ביים ברעג לאָדט מען סחורות אין די ברייטע בייכער אַריין פון די שיפן און פון דעם וואַסער טראָגן זיך קאַליע ריחות און דער טייך איז שמאַלציק און פעט און זעט אויס פונקט, ווי אַן אומגעהויער גרויסער טאָפּ מיט איבערגעשטאַנענעם קאַלטן זופּ.

נאַריש שימעלע! ער האָט זיך אומזיסט געשראָקן: אַפילו קיין איין מוסקול דאַרף ער נישט אָנשטרענגען, כדי דער בריק זאָל פּלוצלונג זיך אַ ריר טאָן, זיך אָפּשיידן פון דעם ברעג און זיך אָנהויבן אַוועק־צורוקן מיט אַלע שטאַלענע פאַרענטשעס, אייזערנע באַלקנס, גלאַנ־ציקע העלסן און מיטן שטיבעלע, וואו דאַרטן שטייט שימעלע אַ צע־שראָקענער און קוקט דורכן פענצטער אויף די טויזנטער מאַשינען, טראָקס און טראַמווייען, וואָס האָבן געמוזט בלייבן שטיין לעבן אָפּגרונט, אומגעדולדיקע און הילפלאָזע.

עס איז גרינג דאָס צו טאָן. מען דאַרף בלויז אַ דריי־טאָן אַזאַ הענטל, אַ קוועטש־טאָן אַ מין קנעפּל און עס רירט זיך שוין פון זיך אַליין.

אָבער יעדעס מאָל ציטערט ביי שימעלען יעדער אבר און דאָס בלוט לויפט אין פנים אַריין מיט הייסע כוואַליעס, און ס'ווייזט זיך אים שטענדיק אויס, ווען ער איז שוין אינמיטן טייך, אַז ער וועט שוין קיינמאָל ניט קענען ברענגען דעם בריק צוריק אויף דעם פריערדיקן פּלאַץ, און ער וועט בלייבן הענגען איבער דעם וואַסער און דער ברעג וועט ווערן שוואַרץ פון מאַשינען, טראַקס, און טראַמווייען, און מען וועט טרובען, שרייען צו אים, מאַכן מיט די הענט, אָבער ער וועט זיי גאָר ניט קענען העלפן. ער וועט אַליין זיין פאַרלוירן.

אָט דאָס איז געווען די גאַנצע קונץ. און וואָס מערער ער האָט זיך צוגעוואוינט צו זיין נייער אַרבעט, מערער הילפלאָז איז ער געוואָרן, און וואָס לייכטער ער האָט זיך אויסגעלערנט צו רירן אָט דעם ריז, אַלץ נישטיקער איז ער אַליין געוואָרן. ס'איז אויסגעקומען, אַז שימעלע האָט שוין גאָר אינגאַנצן ניט קיין שכל. ניט ער און ניט אַלע מיליאָנען אַנדערע מענטשן, נאָר עפּעס איינער אַ פאַרבאַהאַלטענער, אַ גע־וואַלדיקער קלוגער מוח. אפשר האָט דאָס האַרבאַטע מענטשעלע מיטן גרויסן קאָפּ, וואָס ער האָט איינמאָל געזען אויף אַ בילד — שטיינמעץ איז זיין נאָמען. — דאָס טראַכט ער שוין פאַר אַלעמען, מאַכט וויקטראָלאַס, אויטאָמאָבילן, בריקן, סאָבווייס, און די מויערן ביז די וואָלקנס.

כדי די וויקטראָלאַ זאָל אַ שפּיל־טאָן, דאַרף מען בלויז אַ דריי־טאָן אַ הענטל אַזאַ מינס; כדי מען זאָל אויפדרייען די עלעקטריק, דאַרף מען בלויז אַ קוועטש־טאָן אַ קנעפּל אַזאַ מינס; כדי די צענדליקער טויזנטער טאָנען מיט דעם בריק זאָלן זיך אַ דריי־טאָן, דאַרף ער (שימעלע) אויך בלויז אַ דריי־טאָן אַ הענטל און אַ קוועטש־טאָן אַ קנעפּל, פּונקט, ווי ביי אַ וויקטראָלאַ.

וואו־זשע איז זיין פאַרדינסט? און וואו איז זיין שכל? — פונדעסט־וועגן, אַז נתן איז איינמאָל געקומען צו אים צוגאַסט, האָט שוין שימעלע געוואָרט מיט אומגעדולד, אַז אַ שיף זאָל שוין אַ פייף־טאָן דעם סיגנאַל, אַז זי וויל דורכגיין, און אַז זי האָט אַ פייף־געטאָן, האָט ער זיך אויפגעהויבן אַזוי וואַזשנע, ווי אַ קאָמאַנדיר, אויפגעעפנט דאָס פענצטער און געגעבן באַפעלן צו עמיצן דאָרטן אין דרויסן. האָט מען אויס־געפאָלגט זייגע באַפעלן און מען האָט פאַרשפּאַרט אַלע אַריינגאַנגען. ער איז געשטאַנען, ווי אַ קליינער נאַפּאָלעאָן מיט פאַרקאָטשעטע אַרבל אויף די דאַרע הענטלעך, געקוקט זייער שטאָלץ אויף נתנען און אַ מאַך־געטאָן צו אים:

— דו זעסט?

נתן האָט געזען: ס׳האָט עפּעס אין דער שטיל געראַשט אַ פּאַר־באַהאַלטענע טיפע קראַפט און ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ניט דער בריק רירט זיך, נאָר דער ברעג מיט די הונדערטער אָנגעפּאַ־רענע אויטאָמאָבילן. ס׳האָט זיך אָוועקגעדרייט די ערד ווייט־ווייט און דער טייך האָט זיך אָפּגעדעקט אַ הוילער, אַ נאַקעטער און פּריי איז געוואָרן דער וועג פאַר דער שיף, וואָס האָט זיך גערוקט אַ שווערע, אָנגעלאָדן פול מיט רויטע ציגל.

— דו זעסט, — האָט שימעלע ווייטער אַ מאַך־געטאָן צו אים געהיימניספול, און דער ברעג האָט אָנגעהויבן זיך צו רוקן בענטער און בענטער, דער טייך איז פאַרדעקט געוואָרן און די שטאָלענע ווענט האָבן זיך אָנגעשלאָגן מיטן ברעג און אַ קליינעם ציטער־געטאָן. דער פאַרבאַהאַלטענער רעש איז אָפּגעהאַקט געוואָרן און שימעלע איז גע־שטאַנען פאַר אים מיט בלישטשענדיקע אייגעלעך, אַ בלאַסער, אָבער זיגרייך.

נתן האָט גאָרניט געוואוסט, אַז דאָס יידעלע, וואָס הייסט שימעלע און שווייגט שטענדיק אַן איבערגעשראָקענער, זאָל האָבן אַזוי פיל חכמה אין זיך. ווייזט אויס, דאָס וואָס ער שווייגט שטענדיק, איז דער־פאַר, וואָס ער טראַכט און קלערט. ער האָט טאַקע געטראַכט, איבער־געקלערט אַלע זאַכן, וואָס ער האָט געזען אויף דער וועלט, און איז געקומען צו דעם אויספיר, אַז אַלע מענטשן האָבן ניט קיין כוח און מען קאָן גאָרניט טאָן, כדי זיך בעסער צו מאַכן דאָס לעבן.

וועגן איוואַן האָט ער אים אַזוי געזאָגט: ער, שימעלע, וואָלט גראָד געוואָלט, אַז נתן זאָל ווערן זיין איידעם, ווייל יענעם האָט ער פיינט. אַ גרויסער בעל־גאַווהניק. אָבער ער ווייסט, אַז ס׳וועט גאָרניט אַרויס הערפון, ווייל אין בראָנזוויל איז שוין אַזוי, אַז דער בחור, וואָס פאַר־דינט ניט גענוג געלט, פאַרלירט גאָר דעם רייץ פון אַ מאַן ביי די מיידלעך און טויג צו גאָרניט.

ער האָט, — זאָגט ער נתנען, — אַ סך איבערגעקלערט וועגן דעם. ער ווייסט, אַז אַמאָליקע יאָרן האָט ביי די יידישע פּרויען אויסגעצ־נומען אַ וואויל־קענער, אַ לערנער אַ גרויסער. ער ווייסט אויך, אַז ביי די פּויערים אין דאָרף, נעמט אויס דער שייגעץ, וואָס איז פלייסיק און פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט האָרעוועט ער אין פעלד, צי אין גאָרטן, צי אין שייער, אָדער ביים פּריץ. ער ווייסט אויך, אַז

ביי די פּאַרצייטיקע פעלקער האָט אויסגענומען דער סאָלדאַט, דער וואָס האָט געקענט רייטן אויף אַ ביסטרען פערד מיט אַ שאַרפער שפּיז. — אין בראַנזוויל אָבער פּאַרקוקן זיך שוין די מיידלעך אויפן קאַטער, וואָס מאַכט 75 דאָלאַר אַ וואָך, אויפן פּיינטער, אויפן פּאַרמאַן; און אַ בחור מיט אַן אייגענעם שאַפּ, איז אוודאי און אוודאי דער גרויסער העלד.

נתן האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן פון שימעלעס רייד און איז אַ פּאָר טעג אומגעגאַנגען אַ פּאַריאושטער. ס'האָט אָבער נאָר גערדאַרפט אַ קום־טאָן צו אים אַ קלוגער געדאַנק און אַלצדינג איז שוין ווידער געוואָרן רעכט. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז אויב זיין ליבע איז פאַרשפּילט, בלייבט זיך דאָך איבער פאַר אים די גאַנצע וועלט אַזאַ לעבעדיקע און רייכע, און אַז דער מענטש קאָן גאָר דער־הויבן ווערן ניט בלויז דורך איוואַן, — און אַפילו אַז ער וועט ווינען פון בענקשאַפט — איז וואָס? — און אפשר גאָר איז דער מענטש באַ־שאַפן געוואָרן, ער זאָל אייביק גאַרן און בענקען און דערפאַר טוט ער אויף אַזוי פיל זאַכן אין זיין קורצן לעבן; און אויב ס'גייט אים נאָר אין דעם, וואָס עמעלע איז אַ פאַרמאַן און מאַכט מערער געלט פון אים, איז דאָס אויך ניט דער עיקר: ער וועט באַצאָלן אַ העכערן פרייז, וועט ער זי אַריינקריגן...

פונדעסטוועגן איז ער געלאָפן אַלע טאָג צו שימעלען אין הויז, זען אפשר איז זי שוין געקומען. און אַז זי איז געקומען, האָט ער זי אַרויסגענומען פון הויז און זי אַוועקגעפירט אין וויטע גאַסן. די טעג זיינען שוין געווען קאַלטע, זיינען זיי בײדע געגאַנגען און געציטערט און איוואַ האָט שוין ניט געוואוסט, וואָס עס וועט אַרויסקומען פון דעם. זי וואָלט געוואָלט, אַז נתן זאָל זי אַוועקפירן ערגעץ אין אַ צימער און פאַרשליסן די טיר און זי ניט אַרויסלאָזן. זי זאָל אַפילו קלאַפּן, שרייען און געוואַלדעווען, זאָל ער זי אויך ניט אַרויסלאָזן, ווען זי זאָל אַפילו בלייבן אַן כוח פון וויינען, — וואָלט זי שוין זיכער גע־בליבן מיט אים אויף שטענדיק, ווייל וואָס וואָלט זי נעבעך געקאָנט טאָן, אַז נתן איז אַ שטאַרקער און לאָזט זי גאַרניט אַרויס פון צימער...

ער האָט זי אָבער ניט געפירט אין קיין צימער און ניט פאַרשלאָסן די טיר. זיי האָבן זיך געקושט אויף די ליידיקע לאָטס, און נתן האָט געמיינט, אַז דאָס פריערדיקע איז ניט אמת, נאָר אָט ערשט איצט הויבט זיך דאָס אָן; ווייל אַז ניט וואָלט זי אַזוי ניט געציטערט אין

זיינע הענט, אַז ניט וואָלט זי ניט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו דעם, וואָס ער האָט גערעדט. ער האָט גערעדט פון דעם, אַז סיי דער מאַן און סיי די פרוי דאַרפן ביידע בויען דאָס לעבן:

— מען דאַרף ביידע אַרבעטן, — פאַרשטייסטו, — האָט ער צו איר געזאָגט. — פונקט ווי מען בויט אַ הויז, האָט נאָר אַ חלק אין דעם דער, וואָס האָט געטראָגן ציגל, געמויערט, געשמירט. — און אַז זיי ביידע וועלן אָנטייל נעמען אין בויען, וועלן זיי ביידע האָבן אַ חלק אין הויז און די צוגעבונדענקייט וועט זיין זייער גרויס.

אַהיימגעגאַנגען איז נתן, ווי אויף פליגלען. ס'איז אים געווען הייס, דער ראָק זיינער איז געווען צעשפּיליעט און דער ווינט האָט גע־בלאָזן אויף זיינע פּאָלעס און זיי צענומען. איז ער געפלויגן פון פלעט־בוש קיין בראַנזוויל אַ באַרוישטער און האָט געזען ווי די פייערן אין שטאָט צינדן זיך אָן און פאַרזייען די פינצטערניש מיט גאָלדענע פינטעלעך. איז אויסגעקומען, אַז דאָס לעבן איז צו אים געקומען ווי אַ שיינע מעשה און ער איז גאָר זייער אַ מזלדיקער.

אַ ספר־תורה אין בראַנזוויל

מען האָט געגעבן אַ ספר־תורה אין בראַנזוויל און ס'איז שוין גע־ווען נאַכט אויף די גאַסן. האָט אַ רויטע חופה געשוועבט אינמיטן און אַלטע יידן און ווייבער פאַרפּוצט אין די שבתדיקע קליידער האָבן געטראָגן ליכטלעך צווישן די פינגער און זיך געצויגן שווייגנדיקע און פאַרלוירענע. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז אפשר איבער בראַנז־ווילער גאַסן פּאַסט שוין ניט אַזאַ זאַך, ווי צו גיין מיט אַ ספר־תורה איבער דער גאַס.

נתן האָט די פּראָצעסיע דערזען העט פון דער וויטנס און ער האָט זיך געלאָזט לויפן צום אָרט. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די אויגן זיינע נאַרן אים אָפּ, אַז ס'איז בלויז אַ חלום די גאַנצע זאַך און אַז ער וועט צולויפן צום פּלאַץ, וועט קיין פּראָצעסיע שוין דאָרטן ניט זיין, נאָר בלויז די אייביקע וואָכעדיקייט מיטן טומל אין גאַס. וואָס ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט איז דאָס, וואָס ער האָט שוין אַמאָל אין לעבן געזען אַזאַ זאַך. ניט ביי זיך אין שטעטל, ניט ערגעץ אין דער פרעמד, — אפשר מיט טויזנטער יאָר צוריק.

און ס'איז טאַקע געווען ווי אַ חלום. די פלעמלעך פון די ליכטלעך

האָבן געציטערט, און די אַלטע יידענעס און יידן, ווי לאַנגע פאַר־געסענע געשטאַלטן, האָבן געפינטלט מיט די אויגן ביי דער שיין פון די ליכטלעך און זיך געשעמט.

דער שמש, וואָס געדענקט נאָך אַזעלכע זאַכן פון דער היים, האָט געוואָלט דורכפירן די צערעמאָניע מיט אַלע פּישטשעווקעלעך. ער איז געלאָפן אַ פאַרשמאַיעטער, אַ צעהיצטער, געמאַכט מי שברכס, אונ־טערגעטאַנצט און געשריען: תן כבוד לתורה. אַ פריילעכס, אַ פריי־לעכס, האָט ער געשריען צו די קלעזמער, וואָס האָבן ערשט פאַרענדיקט שפּילן „אלי אלי״. די קלעזמער האָבן אַ פּראָווע געטאָן אַ פריילעכס און דער גאַנצער עולם האָט זיך אָפּגעשטעלט. „נעמט זיך אָן ביי די הענט און לאָמיר טאַנצן״, — האָט דער שמש אַ קאָ־מאַנדעווע געטאָן.

אויף די טראָטואַרן זיינען געשטאַנען פאַרפּוצטע מיידלעך מיט גע־פאַרבטע ליפּעלעך און בחורימלעך מיט אויסגעלאָקטע קעפּלעך און האָבן אָנגעקוואָלן: „דזשי, לוק, האַו פאַני״. פון אַלע פענצטער האָבן פּנימער אַרויסגעשטעקט און די מאַשינען, וואָס האָבן געמוזט זיך אָפּשטעלן, האָבן געטרובעט, קינדערלעך האָבן געשריען הורא, זיך אָנגענומען ביי די הענט און געפּראַוועט נאָכמאַכן, ווי די אַלטע טאַנצן.

פּסח דער שניידער האָט דאָס געגעבן די ספר־תורה. ניט געהאַט קיין קינד, קיין רינד און אַז ער וועט שטאַרבן, ווער וועט דען גע־דענקען, אַז ס׳האָט געלעבט אַ שניידערל אויף דער וועלט מיט שמייכל־דיקע אייגעלעך, מיט ראַזעווע בעקעלעך און אַ לאַנגע ווייסע באָרד ?... האָט ער דריי הונדערט דאָלאַר צונויפגעקליבן און געלאָזט שרייבן אַ ספר־תורה. אַ גרין מאַנטעלע האָט ער אויך באַשטעלט און געהייסן אויסנייען: „ספר־תורה זה נדר פּסח בן אהרון הלוי בשנת אַזוי פיל און אַזוי פיל, בק״ק דבראַנזוויל״. די דאָזיקע ספר־תורה האָט מנדב געווען ניט קיין אַנדערער ווי פּסח, דער זון פון אהרון הלוי, אין דעם און דעם יאָר, אין דער הייליקער געמיינדע פון בראַנזוויל. וועט שוין ליגן אַזוי פאַרבאַהאַלטן די ריינקייט אין דער שול, וואָס אויף סאַראַ־טאָגאַ עווענין. און לאַנג־לאַנג נאָך דעם וואָס ער וועט אויך איינגע־זאַמלט ווערן צו זיינע עלטערן, וועט זיין נאָמען בלייבן אויסגענייט אויף דעם גרינעם מענטעלע: פּסח בן אהרון הלוי.

מען האָט געמאַכט אַ ראָד אַרום פּסחן און דער שמש האָט אים געהייסן טאַנצן, אָבער דאָס שניידערל האָט געהאַט שוואַכע פיס, ניט

פאַר קיינעם געדאַכט, און די אייגעלעך, וואָס שמייכלען שטענדיק, האָבן איצטער געטרערט, און די לאַנגע ווייסע בערד, וואָס איז שטענ־דיק אַזוי שטאָלץ ביי זיך, איז אויך געווען ניט מיט אַלעמען. איז ער געשטאַנען פאַרן עולם אין דער לאַנגער שבתדיקער קאַפּאָטע און ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. דערנאָכדעם אָבער, ווען אַלע אונטער־פירער האָבן זיך פאַרגעסן, אַז דאָס לאַנד הייסט אַמעריקע, און אַז אַלע שולן פוסטעווען, און אַז דאָס גאַנצע לעבן איז מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, אַז ס׳וואַקסט אויס אַ דור, וואָס לא לתורה ולא למעשים טובים: די ייִנגעלעך קוקן אויס ווי שקצים און די מיידלעך ווי שיקסעס, און אַז זיי אַליין ווייסן שוין אויך ניט, וואו ס׳הויבט זיך אָנעט זייער פרומקייט און וואו ס׳לאָזט זיך אויס די געוואוינהייט. — אַז זיי האָבן זיך פאַרגעסן און זיך צעהעפּעט, האָט דאָס שניידערל אויך אַ הויב געטאָן די שוואַכע פיסלעך און אָנגעהויבן צו שפּרינגען אין דער לופטן, ווי אַ פלעמל פון אַ חלבן ליכטל...

די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן איבער פיטקין עוועניו: דורך אַלע פאַרפוצטע ליכטיקע קראָמען, דורך די גרויסע קענדי־סטאָרס, און דורך די טאַנץ־זאַלן אויף די אויבערשטע עטאַזשן. דאָרטן, אין די טאַנץ־זאַלן, האָט דאָס יונגוואַרג געטאַנצט אונטער די טענער פון אַ דזשעז־אָרקעסטער.. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי פון די טרובעס האָבן אַרויס קליינע היטעלעך און ווילן פאַרשרייען די קלעזמער, וואָס שפּילן לכבוד דער ספר־תורה, און ווילן באַליידיקן די פרומע ייִדן מיט זייער הייליקייט.

די רויטע חופּה האָט זיך געשפּאַנט אַרויף דער גאַס אַ וואָלקנדיקע, די פלעמלעך פון חלבנע ליכטלעך ביי די אַלטע לייט צווישן די פינגער האָבן געציטערט — און אַזוי האָבן זיי זיך פאַרקערעוועט אויף סאַראַטאָגאַ עוועניו און פאַרשוואונדן געוואָרן.

נתן האָט אַמאָל געלייענט אין אַ בוך, צי ער האָט דאָס געזען אין חלום, ווי אַ שיף, וואָס איז מיט יאָרן צוריק געגאַנגען צו גרונד אין טיפן ים, האָט זיך איינמאָל אַ באַוויז געטאָן איבער דער אויבערפלאַך פון וואַסער מיט אַלע זעגלען און מאַסט־ביימער. אַ קוק געטאָן צום הימל, זיך אַ וויג־געטאָן איבער די כוואַליעס און תיכף צוריק איינ־געשלונגען געוואָרן פון דער טיפעניש און אַראָפּ צום גרונד און זיך פאַר־באַהאַלטן צווישן די שטיינער און געוויקסן, וואו זי איז דאָרטן געלעגן פאַרגראָבן הונדערטער יאָרן...

דער בראָנזווילער גוטער ייד

אין בראָנזוויל זיינען שוין דאָ אַ סך גוטע יידן, וואָס האָבן אייגענע שולעכלעך און ווייבער מיט געבראָכענע הערצער גייען זיך צו זיי פּראָווען.

סאָלאָמאָן, נתנס רייכער לאַנדסמאַן, האָט אויסגעגעבן אַ סך געלט אַריבערצובריינגען רעב תנחומלען מיט דער משפּחה קיין בראָנזוויל. סאָלאָמאָנס טאַטע איז געווען אַן אָרעמער דרדקי־מלמד און ביים רבינס טיש איז ער געזעסן סאַמע ביים ברעג און האָט קוים געקענט כאַפּן עפּעס אַ וואָרט פון רבינס תורה. סאָלאָמאָן געדענקט דאָס גוט און איצט האָט זיך אין אים אַנגערופן די אַמביציע פון אַ רייכן אַמע־ריקאַנער, וואָס באַצאָלט די גרעסטע געלדער אין איראָפּע פאַר אַ הויך קונסטווערק פון אַ וועלט־באַרימטן מאָלער. — האָט ער אָפּגעקויפט דעם גאַנצן רבין מיט זיין גבאי און זייערע פאַמיליעס.

רעב תנחומל מיט דער זיידענער שוואַרצער באָרד און גרויסע פייערדיקע אויגן זיצט פון אויבן־אָן לעבן ארון־קודש מיט דעם גרי־נעם פּרוכת, אָנגעטאָן אין טערקישן כאַלאַט, נאָך אַ ירושה פון זיין זיידן „דעם אַלטן“. לעבן זיין רעכטער האַנט זיצט סאָלאָמאָן אין אַ האַרטן קאַפּעליוש און שוויצט. ביי ביידע זייטן פון לאַנגן טיש זיצן די איבעריקע חסידים און ווילן אַרויסרופן ביי זיך אַליין אָט־יענעם פייער, וואָס פלעגט זיי אין דער אַלטער היים מאַכן פאַרגעסן דעם גאַנצן אָרום און ווי פאַרכשופטע, מיט בלינדע אויגן, פלעגן זיי זיך אָננעמען ביי די הענט און אָפּטאַנצן שעהנוויז אונטער דער נידעריקער סטעליע מיט אַזאַ התלהבות און מיט אַזאַ כוח, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעשעפּט. איצט זיינען זיי געזעסן, ווי לייטישע געסט, וואָס קומען צו אַ פרעמדן גביר אין הויז אַריין, צוגעקוקט און געשוויגן.

דער גבאי ר׳ שלמהלע האָט אַ פיינעס קול נגינה, שטייט ער אָנ־געשפּאַרט אויף אַ סטענדער מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט אַ פאַר־ריסענעם האַלדז און פאַרגייט זיך אין אַ וואָולעכל. ר׳ תנחומס פּנים איז בלייך און דאָס שטריימל מיט די זיבן ווידלען זיצט אויף זיין קאָפּ ווי אַ מאָדנע חיהלע פון פאַרצייטיקע דורות, וואָס קאָן עק־זיסטירן נאָר דענסטמאָל, ווען ס׳קריכט אַרויף אויף אַ מענטשלעכן קאָפּ און ציט שוין זיין חיונה פון דעם... אין אָט דעם שטריימל האָט מען אים געפירט איבער פּיטקין עוועניו אין שול אַריין און

די גאַנצע גאַס האָט זיך פאַרחידושט פונקט ווי מ׳וואָלט דאָרט פּלוצ־לונג דערזען אַן אינדיאַנער, אַ האַלב נאַקעטן, באַשטעקט מיט פּע־דערן... און איינע אַ מיידל האָט ניט געקאָנט אָפּהאַלטן איר גרויס באַוואונדערונג און האָט אַ געשריי געטאָן צו איר בחור כמעט מיט דערשרעק: „לוק עט דהי פּאַני מען!״ קינדערלעך זיינען געלאָפן פאַר־אויס, ווי די שטאָפּעטן, געלאָזט וויסן יעדן דורכגייער, אַז ״היר קאָומס דהי דזשואיש סאַנטאַ קלאָוז.״

ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן תורה דער רבי: „שכינתא בגלותא״, — האָט ער אָנגעהויבן אויסצוזינגען ציטערדיק, — און די שכינה איז אַוועק אין גלות קיין בראָנזוויל... און די ביידע חסידים קוקן אויס ווי די גוים... און נאָך וואָס דאַרפן זיי שוין אײנגאַנצן אַ רבין? — אַז זיי שעמען זיך אַפילו צו כאַפּן שיריים. און אַז זיי כאַפּן שוין יאָ, קוקן זיי זיך אום איינער אויפן צווייטן צו זען אויב מע לאַכט ניט. די שיריים עסן זיי ניט, וואַרפן עס אַרונטער אונטערן טיש. „מגדל בבל״ — רעדט צו זיך דער רבי און דאָס האַרץ ווערט אים אַזוי שווער... אין ניו יאָרק שטייט שוין ניט איין טורעם. מען טראָגט ציגל און ליים און מען דראַפּעט זיך נאָך דערביי העכער און העכער, מען וויל דערגרייכן די טויערן פון הימל...

ר׳ תנחומלס אויגן זיינען פאַרמאַכט. ער וויל אָפּטרייבן די שווער־קייט פון זיינע גלידער, זיך פאַרגעסן פון דער גאַנצער וועלט. ער כאַפּט אָבער אַלע מאָל אַ בליק אויף זיינע חסידים, זיצן זיי נאָך אַלץ, ווי לייטישע געסט ביי אַ פרעמדן גביר. נאָר איינע אַן אַלטינקע יידענע, פון וויבערשן טיש, שטייט איינגעבויגן לעבן איר בענקל, ציט זיך מיט די אויגן צו אים און וויינט. זי איז אַ טויבלעכע, די יידענע, און וויינט דערפאַר, וואָס זי האָט נאָך זוכה געווען אין איר לעבן צו זען דעם הייליקן רבין. זי וויינט אויך דערפאַר, וואָס אירע שנירן גייען אין די אייגענע האָר, בענטשן ניט קיין ליכט, מישן פליישיקס מיט מילכיקס. זי האָט אויך געוויינט דערויף, וואָס זי איז שוין אַזוי אַלט און האָט שוין ניט קיין כוחות און זי דאַרף מען זאָל רחמנות האָבן אויף איר...

אין די פענצטער קוקן מיידלעך פון שכנותדיקע הייזער און זיי לאַכן הויך אויף אַ קול. מען האָט זיי שוין געפּרואווט אָפּטרייבן, קומען זיי אָבער נאָך אַמאָל. סאַלאָמאָן, דער הויפּט־חסיד, וואָס זיצט לעבן רבינס רעכטער האַנט און שוויצט, טוט שוין באַנג די גאַנצע

מעשה. נאָכדעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט די מינוטן פון גרויס גדלות, האָט שוין דער גאַנצער ענין פאַרלוירן זיין ווערט... וואָס האָט ער געדאַרפט האָבן דעם רבין? יענער זאָל אים צואווינטשן אויף פרנסה? — ער האָט גענוג פרנסה אָן אים. געזונט איז ער אויך. די קינדער זיינע זאָלן גיין אין גוטע וועגן? אויף זיין עמאָן קאָן ער זיך שוין פאַרלאָזן; און די רייכסטע הייזער ווערט זי אויפגענומען מיט גרויס כבוד — און שיין איז זי ווי אַ בת־מלכה. אפשר טוט ער עס דערפאַר, וואָס ביי דעם טאַטן זיינעם, דעם דרדקי־מלמד, האָבן שטענדיק די אויגן געטרערט פון שוואַכקייט און די הענט זיינע זיינען שטענדיק געווען קאַלט פון בלוט־אָרעמקייט; און דער רבי דאָרטן אין דער היים האָט זיך גאָרניט געוואָלט אומקוקן אויפן טאַטן זיינעם... איי, ווען דער טאַטע זיינער זאָל איצט אויפשטיין פון קבר און אַ קוק־טאָן!... — וואָס מיר תורה, וואָס מיר גוטע יידן?! געלט!... און פאַר זיין געלט קאָן ער אָפקויפן אַלע שולעכלעך און בתי־מדרשים פון פוילן. דינגען מענטשן, אַז זיי זאָלן טאָג און נאַכט דאַווענען פאַר אים, סאָלאָמאָנען, מיט זיין משפחה, און זאָגן תהילים.

נתן זיצט אויך צווישן אַלע חסידים, שאָקלט זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן. וואָס טוט ער דאָ? נתן וואָלט אַליין איצטער געקאָנט פראַוען אַ טיש, ווי אַ הייליקער רבי, וויל אויף זיין פנים רוט איצטער דער העכסטער צער פאַר דער גאַנצער וועלט מיט אירע נאַרישקייטן. און ווי איז צו דעם מענטשן, וואָס איז אַזוי נידעריק געפאַלן, און ווי איז צום בן־אָדם, וואָס ווערט צו שאַנד און צו שפּאָט און האָט ניט קיין כוח זיך קעגנצושטעלן. און ווען דער רבי זאָל דאַרפן איצט זיין אַן אָפּעריטאָר אין שאַפּ, וואָלט ער אויסגעקוקט פונקט ווי שימעלע: אַ דאַר יידעלע, וואָס האָט אָרעמע כוחות און מיט דעם ביסל אָרעמע כוחות דאַרף מען פאַרדינען אויף ברויט פאַר אַ ווייב און קינדער. ער וואָלט געדאַרפט קומען צום רבין אין הויז,ווען קיין זייטיקע מענטשן זיינען ניטאָ און מיט אים איינטענהן, אַז ס'איז פוסטע מעשיות: וויל אָדם לעמל יולד (דער מענטש איז געבוירן געוואָרן צו מי און האָרעוואַניע). און דיין גליק איז וואָס די נאַרישקייט האַלט זיך נאָך אויף. דו אַליין ווייסט ווי שוואַך און הילפלאָז דו ביסט. וואָס־זשע קענסטו שוין געבן אָט די יידעלעך, דיינע חסידים, די גראָבערי־לייט מיט די קענדי־סטאָר־קיפּערס — דאָס הייליקע וואָרט?... — דו ווער בעסער אַן אָפּעריטאָר און פאַרשרייב זיך אין דער יוניאָן,

וועסטו עסן דיין ברויט מיט טרערן און וועסט טראָגן אין דיין האַרצן די בענקשאַפט צו ווערן דערלייזט פון דעם שווערן לעבן באַגלייך מיט מיליאָנען אַנדערע איבער דער גאַנצער וועלט.

פאַרנאַכט טרינקט זיך די רויטע זון אין האָדסאָן

פאַרנאַכט טרינקט זיך די רויטע זון אין האָדסאָן און קיינער לויפט איר ניט ראַטעווען. דער טייך, דער שוואַרצער, שמייכלט שעלמיש און וויגט זיך מיט די כוואַליעס אַ גלייכגילטיגער. די נאַכט קומט. גרויסע שיפן אײַלן זיך צו זייערע האַפנס מידע און אומגעדולדיקע. באַנען לויפן איבערן ברעג צו באַגעגענען די פינצטערע נאַכט אויפן לאַנגן וועג פון ניו־יאָרק ביז שיקאַגאָ. דער שאָפּ צינדט זיך אָן פון אויבן ביז אַראָפּ. אויב בייטאָג האָט געחלשט דאָס האַרץ צום פרייען אינ־דרויסן, ווערן איצט די געדאַנקען צעמישטביים אָנקומען פון נאַכט און מען געדענקט שוין ניט צי צו די די שעהן פון אַרבעט נעמט אויך סוף־כל־סוף אַן עק צי אפשר וועט מען שוין פאַרבלייבן אַזוי אייביק מיט בלייכע, אויסגעצויגענע פּנימער, אָן די רעקלעך; די פּרעסלעך וועלן אַליין לויפן איבער די קליידער, נאָר די אברים וועלן זיך אוי־טאָמאַטיש נאָכוויגן. די אָפּערייטאָרס, וואָס שטעפּן, וועלן שוין קיינ־מאָל ניט קאָנען אויפהויבן די קעפּ און אויסגלייכן די פּלייצע. זיי וועלן שוין פאַרבלייבן אַזוי איינגעבויגענע יעדער צו די מאַשינען און וועלן ציען פון אונטער דער נאָדל קליידלעך אָן אַ שיער. זיי וועלן שוין ניט וויסן, ווען ס'האָט זיך אויסגעלאָזט דער טאָג און ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די נאַכט.

סעמעלע איז דער איינציקער, וואָס איז אויפגעלעבט. ווען מען דאַרף אַרבעטן אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין, לויפט ער פון שטאָק צו שטאָק אָן אויפגעלייגטער און שרייט:

— „מיט סטים, מיט סטים, באַיעס און גוירלס".

סעם איז דענסטמאָל געגליכן צו אַ קאָו־באָי, וואָס הויבט זיך אויף זיין ביסטרען פערד און פאָכעט מיט אַ לאַנגער בייטש אויף אַ סטאַדע ווילדע פערד און די בהמות צעיאָגן זיך פון שרעק איבערן גאַנצן פעלד אין אַ וואָלקן פון שטויב. אַלע מאַשינען רוישן, קלאַפּן, די פּנימער באָדן זיך אין געלער עלעקטרישער ליכט און די בענקלעך

זיינען האַרט צוגעשמידט צו די מענטשלעכע לייבער. קיין איינער וועט איצט ניט וואָגן זיך אויפהויבן פון פּלאַץ און אַלץ דערפאַר, ווייל ער, סעם, וויל אַזוי. טראָגט דאָס אים אין דער לופטן און ער לויפט צום טעלעפאָן און לאָזט וויסן אַ באַגייסטערטער דעם רייכן באָס אויף איסטערן פּאַרקוויי, אַז אַלע זעקס שטאָק וויגן זיך און די אַרבעט שטורעמט און אַז אַלע באַשטעלונגען וועלן אפשר היינט אַרויסגעפּאַרטיקט ווערן און מאָרגן וועט מען שוין קאָנען פאַרפּאַקעווען אין די קאַסטנס און זיי צעשיקן אין אַלע קליידער־געשעפטן. „אָטאַ באָי״! — מאַכט דער באַלעבאָס דורכן טעלעפאָן, און ביי סעמען צעגיסט זיך אַ גרויס נחת איבער אַלע זיינע אברים.

צו די מיידלעך איז סעם זייער שטרענג. לאָזן זיי ניט מיינען, אַט די מיידלעך, אַז דערפאַר וואָס די גאַנצע וועלט איז צו זיי גוט און מען גיט זיי שטענדיק דעם אויבן־אָן, וועלן זיי ביי אים אין שאָפּ זיך אונטער־שפּילן. אַרבעטן דאַרף מען. אָבער פונדעסטוועגן גלוסט זיך אים זייער אָפּט אַרומצוכאַפּן איינע פון זיי, אַ טאַפּ טאָן, אַ קוש טאָן, ווי די אַנדערע בחורים טוען דאָס. אים שטייט אָבער ניט אָן. דער רעספּעקט פון שאָפּ קאָן נאָך געמינערט ווערן צו אים. נאָר איין און איינציק מאָל איז ער אַריינגעפאַלן מיט דער איטאַליענישער מיידל, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזוינע טיפע שוואַרצע אויגן און שטאַלצע פּיס. ער האָט זי איינמאָל געפּאַקט אין אַ ווינקל און האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער ברוסט. איז זי געוואָרן זייער אין כעס, אָנגעהויבן זיך קאַכן און שרייען איבערן גאַנצן שאָפּ:

„מי וואָרק היר, — אָלרייט. עיט אָורס — אָלרייט, ניין אָורס — אָלרייט. יור ביזנעס — אָלרייט. באָט דהיס היר איז מיין — אַנדער־סטענד״. דאָס האָט זי געמיינט צו זאָגן אויף איר צעבראָכענעם ענגליש: „איך אַרבעט דאָ—זייער גוט. אַכט שטונדן—זייער גוט. ניין שטונדן—זייער גוט. ס׳איז דיין זאַך. אָבער דאָס־אָ (מיינענדיק אירע בריסטן) איז מיינס, ניט דיינס, פאַרשטייסט?״

סעם האָט פאַרשטאַנען און איז געוואָרן רויט. ער האָט זיך פאַר־שעמט, דער אינטעליגענטער מאַן, און איז געווען אין כעס אויף זיך אַליין פאַר זיין האַנדלונג. אַן איידעלער מענטש דאַרף ניט טאָן אַזוי, האָט ער זיך געמוסרט.

מען האָט געאַרבעט ביי־טאָג און געאַרבעט ביינאַכט און בערג מיט פּעק זיינען אַרויסגעטראָגן געוואָרן יעדן טאָג אויף די לאַסט־

מאַשינען. דער סטרייק האָט זיך אָבער שוין געטראָגן אין דער לופטן. ער וועט קומען מיט אַ גרויסן יום־טוב און אַלע הערצער וועלן אויפֿ־פלאַטערן. די מאַשינען וועלן זיך אָפּשטעלן און בלייבן קאַלט און פאַרגליווערט. אַלע מיידלעך און יינגלעך וועלן זיך אַרויסלאָזן אויף די גאַסן מיט פֿרייד אין די אויגן און מיט מורא אין די הערצער.

איבערן האָדסאָן רוקט זיך די שוואַרצע נאַכט מיט אַ גרויסן פּראַ־זשעקטאָר און זוכט און נישטערט אויף ביידע ברעגן. באַנען מיט גאַל־דענע פֿענצטער יאָגן זיך און דער געררויש פֿון די רעדער קריכט אַרויף אויפֿן באַרג און לויפֿט נאָך די אַוועקלויפֿנדיקע באַנען.

אין אַלע עטאַזשן וויגן זיך קעפּ איבער די טישן און איבער די מאַ־שינען. קיינער ווייסט ניט צי מען וועט שוין מוזן בלייבן אויף שטענ־דיק דאָ, צי עס וועט אפשר קומען נאָך אַזאַ שעה און די הענט וועלן זיך געבן אַ שטעל אָפּ אינמיטן דער יאָגעניש, מיט פֿאַרדראָס, און הילפֿלאָזע.

פֿאַרן סטרייק

אין רעסטאָראַן, וואָס לעבן שאַפּ, איז געקומען אַ מאַן פֿון ניו יאָרק צו מיטאָג־צייט. דעם פֿרעמדנס פּנים איז געווען פֿאַרעקשנט און די אויגן אומרואיקע. אַ פּאָר בחורים פֿון שאַפּ האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים און יענער, אַ שווייגנדיקער, האָט זיי אַרויסגעפֿירט אויף דער גאַס און זיך אַרומגעדרייט מיט זיי אַ לאַנגע צייט.

אויפֿן צווייטן טאָג האָט שוין נתן געטראָפֿן לעבן אַריינגאַנג אַ היכן פֿאַרשוין. ער איז זיך געשטאַנען אַנגעשפּאַרט לעבן דער טיר אַזוי גלייכגילטיק און קיין שום זאַך אין אים האָט ניט געציי גט, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרשוין דאָס איז. אָבער די האַלב־אָפֿענע גראָע אייגלעך האָבן געקוקט מיט אַ פּראָסטיקן גלאַנץ; אַזוינע פֿערלמוטערנע אייגעלעך, ווי ביי אַ שלאַנג, וואָס קוקט דיר אַריין אין פּנים, האַלט דיך צוגעשמידט צום פּלאַץ און קאָנסט זיך ניט רירן, סיידן דער פֿאַרשוין וועט אַוועק־נעמען די אויגן פֿון דיר. זיינע לאַנגע פֿינגער, אויסגעצאַליעטע, אָבער דער גלאַנץ פֿון זיין אויג איז געווען אַזאַ קאַלטער, וואָס דערמאָנט אָן הינט, וואָס האָבן ליב אַריינצוכאַפּן וואַרעמע העלדזער און וואַרגן ביז די נשמה גייט אויס.

נתן ווייסט, אַז היינט וועט עפּעס געשען און אַז ס'וועט געשען וועט

ער זיין דער ערשטער אַרויפֿצופֿאַלן אויף דעם פֿאַרשוין. נתן וויל ניט אַנערקענען קיין גבורים, ווייל ער טראַכט, אַז דער געפֿיל פֿון גערעכט־זיין איז שטאַרקער פֿאַר דער גרעסטער גבורה. דאָס וואָס ס׳פֿאַרדריסט אים מערער פֿון אַלץ איז די גרויסע געמיינקייט פֿון צו שרעקן מענטשן מיטן געוואַלד פֿון כוח. אַז אָט דער פֿאַרשוין זאָל טויזנט מאָל אים אַריינשפּיצן זיינע גזלנישע אויגן, וועט ער אים אַרויס־שטעלן אַ צונג. ער, נתן, איז דער פֿרייער מענטש און עס אַרט אים אַפֿילו ניט, אַז מ׳וועט צילעווען אַנטקעגן אים מיט אַ רעוואָלווער. אַ קויל קאָן אים טאַקע דערהאַרגענען, אָבער ביז וואַנעט די נשמה זיינע וועט אויסגיין, וועט ער ניט אויפֿהערן צו זיין פֿריי.

אין שאַפּ איז אַריין אַ קאָמיטע פֿון היכע געזונטע יונגען מיט אַ טרע־וואָגע: „סטרייק!״ די מיידלעך האָבן אָנגעהויבן צו קוויטשען און דער סעקציע־פֿאַרמאַן האָט זיך געלאָזט צום טעלעפֿאָן, אָבער אַ שטאַרקער קנאַק איבער דער האַנט האָט אים אָפּגעשטעלט און מיט אַ פּנים צע־קרימט פֿון שרעק און פֿון ווייטיק, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו דרייען אַרום־אַרום אויף איין אָרט און געוואָיעט ווי אַ הונט, וואָס מען פֿאַרט אים איבער אַ פֿוס. סעמעלע, דער שטילינקער, האָט תיכף ניט גע־סטאַיעט. מען איז געלאָפֿן אויף די טרעפּ — די מיידלעך מיט צע־פֿאַטלטע האָר און די יינגלעך מיט די רעקלעך אויף איין אַרבל. אַלע זיינען נאָך געווען דערשראָקן, אָבער אונטן איז שוין געשטאַנען אַ גרויסער עולם אין אַ פּראַסטיקן ליכטיקן אינדרויסן, האָבן געפֿינטלט מיט די אויגן און ניט געקאָנט קוקן דער זון גלייך אין פּנים אַריין, פּונקט ווי אַרעסטאַנטן, וואָס מען האָט ערשט אַרויסגעלאָזט פֿון פֿינצטע־רע קאַמערן. עס האָבן זיך געיאָוועט פֿלאַקאַטן מיט אויפֿשריפֿטן און עמיצער האָט אַ זינג געטאָן „סאָלידאַריטי פֿאָרעווער״. איז געוואָרן מיטאַמאָל הייס און גוט יעדן איינעם, מען האָט אונטערגעכאַפּט דאָס ליד און געזונגען מיט אַזאַ פֿרייד, אַקוראַט, ווי די ישועה איז שוין אויף אַן אמתן געקומען און זיי וועלן שוין קיינמאָל ניט וויסן פֿון צער.

סקעבס

אויפֿן אַנדערן טאָג איז נתן אויפֿגעשטאַנען פֿריער ווי אַלעמאָל און איז געקומען צום שאַפֿ. אָבער אַנדערע זײַנען אויפֿגעשטאַנען נאָך פֿריער פֿאַר אים און דער טראַטואַר איז שוין געווען פֿול מיט דורכ־געפֿרוירענע בחורים און מיידלעך, וואָס זײַנען געגאַנגען אַהין און צוריק פֿאַר דער געבײַדע ווי שטומע, זיך געהאַלטן צוזאַמען און מורא געהאַט זיך אָפּצוטיילן איינער פֿון אַנדערן. ס'איז געווען אַ שטיל־שווײַגעניש. אַ בייזע שטילשווײַגעניש. די איטאַליענערקעס האָבן געוואָרפֿן אויגן פֿול מיט מורא און נקמה, די יידישע אָפּערייטאָרס און פּרעסערס מיט בלײַכע לענגלעכע פּנימער און אויסגעצויגענע נעזער האָבן געפּרוּווט זיך וויצלען, אָבער קיינער האָט ניט גע־לאַכט. און אַז עמיצער האָט יאָ אַ לאַך־געטאָן, איז דאָס געווען גע־מאַכט, כדי זיך אונטערצוגעבן קוראַזש. אין די שלייפֿן האָבן געקלאַפּט העמערלעך און די ליפּן האָבן געצוקט. דער פֿאַרשוין, וואָס איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ פֿאַליסמאַן און האָט געשמועסט מיט סעמעלען, איז דווקא געשטאַנען אַ גלײַכגילטיקער, אונטערגעוואָרפֿן זײַן דובינקעלע אין דער לופֿטן און אַלעמאָל ניט פֿאַרפֿעלט דאָס כאַפּן צוריק מיט בריהשער פֿלינקייט.

דער שאַפֿ האָט אַ פּראַכט־עלעוויטאָר אויף דער צווייטער זײַט פֿון דער גאַס. נתן ווייסט פֿון דעם. האָט ער זיך אָפּגעטיילט פֿון די איבעריקע, פֿאַררוקט זיך אין אַ ווינקל און געוואַרט. סעמעלע גנב האָט, ווײַזט אויס, אומיסטנע זיך געשטעלט בײַ דעם הויפּט־אַרײַנ־גאַנג, כדי אָפּצוציִען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די פּיקעטס. זײַנען זיי אָנגעקומען אויף אַ גרויסן טראָק, ווי די גנבים, מיט אַ סך שפּלות אין די אויגן. באַזונדערס איז נתנען פֿאַרבליבן אין געדאַנק אַ האַרבאַטער בחור מיט אַ בלײַך לענגלעך פּנים און שוואַרצע טיפֿע אויגן פֿול מיט מורא. „ס־ק־ע־ב־ס"! — האָט נתן אויסגעשריִען און זיך צעוויגט מיטן גאַנצן קערפּער פֿון אויפֿרעגונג.

ס־ק־ע־ב ס! איז געוואָרן אַ געוואַלד — און די איטאַליענערקעס זײַנען געלאָפֿן די ערשטע צום טראָק מיט ליידיקע פֿלעשער פֿון מילך. ס'האַרבאַטע בחורל האָט אַרײַנגעלייזט דער ערשטער: אַ מיידל האָט אים געגעבן מיט אַ פֿלאַש איבערן קאָפּ און ער איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון טראָק, געבליבן ליגן אויף די שטיינער אַ שטילס, אַ נעבעכל, ווי אַ הינדל פֿאַר דער שחיטה...

דער פּאַרשוין, דער גזלן, איז אַנגעלאָפן מיט זיין דובינקע און האָט זיך גלייך אַריינגעשניטן אין קנויל פון מענטשן. סעמעלע איז זיך ניט געלאָפן שלאָגן. ער איז קלוג, ער ווייסט, וואָס ער האָט צו טאָן. ער איז גלייך געלאָפן צום טעלעפאָן אָפּרופן דעם פּאָליס־סטיישאָן. נתן האָט זיך נאָך ביז דענסטמאָל ניט באַטייליקט אין געשלעג. ער האָט געוואַרט אויפן פּאַרשוין, און אַז ער האָט אים דערזען אַנלויפן אַזאַ זיכערן און פלינקן, האָט ביי אים דאָס האַרץ זיך ווי אָפּגעשטעלט אויף אַ סעקונדע. דערנאָכדעם זיינען אַלע בלוטן זיך צעלאָפן און אין די אויגן איז געוואָרן מיט אַמאָל אַזוי קלאָר, אַקוראַט ווי ער וואָלט אַ נביאות דערזען און ער איז געוואָרן דערהויבן פון גרויסן געפיל וואָס האָט געוואָרעמט אַלע זיינע אברים אויף צו טאָן גערעכטיקייט פאַר דער אַרבעטער וועלט.

דער פּאַרשוין איז געווען העכער פון אַלעמען און ווען ער האָט געשפּאָלטן די קעפּ פון די סטרייקערס מיט זיין דובינקע, זיינען זיינע אויגן פאַרשמעלערט געוואָרן און אַ גרויסער עקסטאַז פון צעלאָזענע ווילדע כחות האָט געברענט אין זיי. פּונקט ווי אַ ווילד פערד, וואָס רייסט זיך אַרויס פון פאַרשפּאַרטן שטאַל און דערזעט פאַר זיך פרייע, ברייטע סטעפּעס. נתן איז געלאָפן גלייך אַנטקעגן אים און דער גענגסטער האָט זיך צעשמייכלט, אַ וויג געטאָן מיט דער דובינקע גלייך איבערן נאַרישן בחורס קאָפּ. דער נאַרישער בחור האָט זיך אָבער אַ בויג געטאָן צו זיינע פיס און איידער וואָס ווען איז שוין דער געגנסטער געלעגן צעליגט אויף דער ערד אַ דערשטוינטער און ניט געוואוסט ווי אַזוי איז דאָס צו אים געקומען. ווי אַ פּאַיטער האָט ער אַ שפּרונג געטאָן און איז שוין ווידער געווען אויף פעסטער ערד. אָבער דאָס דובינקעלע איז שוין געווען ביי נתנען אין די הענט. יענער איז געלאָפן אויפן גענגסטער און ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז שוין יאָרן און יאָרן ברענט און פלאַמט אַזוי דאָס האַרץ ביי אים און אַז די גאַנצע וועלט האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם, צו זען, וואָס וועט געשען. און אַז עפּעס דער רעש, וואָס קלינגט אין זיינע אויערן קומט פון גאָר ווייט, און דער איינציקער ציל אין זיין לעבן איצט, איז צו דערלאַנגען דעם גענגסטער איבערן קאָפּ. ער האָט אַזש געהאַט אַ ווייטיק פון דעם, וואָס ער קאָן אים ניט דערלאַנגען.

ער האָט אים אָבער סוף־כל־סוף געטראָפן און ניט איינמאָל, נאָר אַ סך מאָל, און האָט אים אויסגעצויגן אויף דער ערד. דערנאָכדעם

מיט דעם זעלבן אימפּעט זיך אַ לאָז געטאָן אויף די סקעבס. אָבער שווערע, גרויסע פּאָליסלייט, ווי די העלפאַנטן, זיינען געלאָפן פון אַלע זייטן, כדי אַריינצוכאַפּן אַלע פּיקעטס אין אַ קלעם. אין איין מינוט איז דער פּלאַץ געוואָרן ליידיק; זיי זיינען זיך צעלאָפן די סטרייקערס און אַן אַמבולאַנס האָט שוין געאיילט קלינגענדיק אָן אויפהער מיטן גלאָק צו דעם אָרט פון שלאַכט, וואו אַ פּאָר סקעבס און דער גענגסטער זיינען געלעגן פּריטשמעליעט פון די קלעפּ.

אינדרויסן האָט געברענט דער פראָסט

דעם סטרייק האָט מען כלומרשט געוואונען, אָבער דאָך האָבן זיך די צענדליקער טויזנטער אַרבעטער אומגעקערט אין די שעפּער אָפּ־געגנאַרטע און פאַרשעמטע, פּונקט ווי זיי וואָלטן באַגאַנגען די גרעסטע נאַרישקייט, וואָס זיי האָבן געסטרייקט. געבליבן איז אַלצדינג פּונקט ווי פריער און דעם געווינס האָבן זיי גאָרניט געזען.

פאַנטאַזיאָרן גרויסע זיינען געווען די סטרייקערס אין די טעג פון זייער יום־טוב. אין די סטרייק־האַלס האָט מען געקאָנצערטעוועט, און צוזאָגן זיינען אַלע מאָל געפלויגן אין דער לופטן. מען האָט ניט געקאַרגט קיין ווערטער אויסצומאָלן די גליקן, וואָס וועלן אויף זיי אָנהויבן רעגענען, ווען זיי וועלן געווינען.

דער יום־טוב האָט זיך געענדיקט. זיי זיינען געקומען אויף זייערע פריערדיקע פּלעצער און אַזוי גיך ווי אַ האַלבער טאָג פון אַרבעט איז איבערגעלאָפן, האָט שוין דאָס האַרץ ווידער אָנגעהויבן צו נאָגן און די שווערקייט און הילפלאָזיקייט איז ווידער אָנגעלאָפן אויף זיי. די איינציקע זאַך אויף זיך צו ראַטעווען איז צו אַרבעטן גיך, גיך, שוויַגן און פייַנט האָבן דעם פאָרמאַן, האַסן דעם באָס און וואַרטן: אפשר וועט פאָרט קומען אַט יענער טאָג.

אַלעמען האָט מען צוריק אַרויפגענומען אין שאַפּ. נתנען און נאָך אַ פּאָר חברה־לייט האָט מען מער ניט צוגעלאָזט צו דער אַרבעט. זיינען זיי געלאָפן אין דער יוניאָן מיט אַ טענה: „סטייטש, מיר האָבן דאָך געוואונען, ניט אמת? ווי אַזוי זשע איז דאָס וואָס מען וויל אונדז ניט צוריקנעמען צו דער אַרבעט אין שאַפּ?"

אין דער יוניאָן איז געווען וואַרעם, אַלע אויוונס געהייצט און דער גרויסער צימער פאַרפּוצט און אויפגערוימט. אינמיטן איז געשטאַנען

אַ קליין טישל און אויפֿן טישל אַ גרויסער קאַרב בלומען מיט אַן אויפֿשריפֿט: „סוקסעס". הינטער די ווענטלעך זיינען זיך די מיידלעך געזעסן ביי די שרייב־טאַשינקעס, אויסגעקלאַפּט טויזנטער בריוו, געקייט טשואינגאַם און געפּלאַפּלט צווישן זיך זייער אויפֿגעלייגט.

אין אַ באַזונדערן חדר איז געזעסן דער פּירער מיט זיינע אַרויס־העלפֿער און געמאַכט אַ שטילע כוסה, אַ גרויסע רייע אַרבעטער האָט געוואַרט ביי דער טיר, אָבער מען האָט קיינעם דערוויל ניט צוגע־לאָזט, ווייל, ווי מען האָט זיי דערקלערט, קומט איצט פֿאָר אַ וויכ־טיקער מיטינג אין די אינטערעסן פֿון דער יוניאָן. דערנאָכדעם האָט מען דאָרטן אינעווייניק פֿאַרבאַהאַלטן די פֿלעשער און די גלעזלעך, אָפּגעווישט די ברעקלעך פֿון די ליפּן און געהייסן אַריינלאָזן. איז נתן אַריינגעקומען און זיך געחידושט, וואָס אַלע אינווייניק האָבן אַזוינע פֿרײלעכע פּנימער, די אויגן ביי זיי גלאַנצן מיט פֿייער, לאַכן, וויצלען זיך און זאָגן קיינעם ניט אָפּ. נתנען האָבן זיי אויך צוגעזאָגט, אַז וואָס הייסט, אַוודאי וועט מען זען מען זאָל אים אַרויפֿנעמען, וואודען ניט. לאָז ער זיין רואיק, די יוניאָן וועט שוין וועגן דעם זאָרגן.

פֿון דער זאָרגעניש איז גאָרניט אַרויסגעקומען. ווען נתן איז אויפֿן צווייטן טאָג אַרויפֿגעגאַנגען אין שאָפּ, האָט אים סעם באַגעגענט זייער פֿריינטלעך און אים איינגעלאַדן צו זיך אין אָפֿיס. ער האָט אים מכבד געווען מיט אַ סיגאַר און זיך צערעדט אַביסל וועגן ראָמען ראָלאַן, דאָסטאָיעווסקין און ניטשען. אַנטוויקלט פֿאַר אים די טעאָריע פֿון אינדיווידואַליזם. זיך געחידושט אויף נתנען, וואָס אַזאַ אינטע־ליגענטער מאַן ווי ער זאָל זיך לאָזן פֿאַרפֿירן בשעתן סטרייק. צום סוף האָט זיך סעם זייער פֿיין אַנטשולדיקט, וואָס ער קאָן אים ניט צונעמען צו דער אַרבעט, ווייל ער האָט אַזאַ באַפֿעל פֿון באַלעבאָס, אַז וועמען, וועמען, — אָבער ניט נתנען. לאָז ער פּרובירן אין אַנדערע שעפּער — אפֿשר וועט מען אים אַריינגעמען. און לאָז אים נתן אַנט־שולדיקן, וואָס ער האָט איצט קיין צייט ניט אַביסל מערער מיט אים צו פֿאַרברענגען, אַפֿילו ס'איז אים זייער אָנגענעם.

אין דרויסן האָט געברענט דער פֿראָסט און ס'איז געווען במאַרגע. יעדעס ווינקעלע אין שטאָט האָט געקאָכט מיט אַרבעט. נתנען האָט אָנגעהויבן צו דראָזשען, האָט ער זיך גוט איינגעוויקלט אין זיין מאַנטל און איז אַוועק אין אַ מואווי.

אין דער מואווי האָט ער געטראָפֿן אַ פֿולן זאַל, אויך ווייזט אויס

אַזוינע הילפֿלאָזע מענטשן ווי ער, וואָס טראַכטן, אַז דערווייל די פּאָר שעה, וואָס מיר וועלן זיצן דאָ, וועלן מיר זיך כאַטש ניט דאַרפֿן זאָרגן און ס'וועט אונדז זיין היימלעך און וואַרעם.

מאָדנע מענטשן זיינען אומגעלאָפֿן אויפֿן לייוונט. אַ פֿאַרקערטע וועלט. אַלצדינג, וואָס אין לעבן איז שלעכט, ווערט דאָרטן גוט. מענטשן האָבן רחמנות איינער אויפֿן אַנדערן, מען פֿאַרגיסט טרערן אויף יענעמס צער. אויב מען איז אָרעם, קומט עפּעס אַ גוטער מאַן און באַשענקט אים מיט מיליאָנען און גיט אים נאָך זיין שיינע טאָכטער פֿאַר אַ ווייב, — און אַלצדינג דערפֿאַר, וואָס מען האָט זיך נעבעך אָנגעליטן אַזוי פֿיל יאָרן אויף דער וועלט. סוף־כל־סוף, קומט אויס דער מוסר־השכל פֿון לייוונט, אַז יעדער איינער פֿון די צוזשויער וואָס וועט אַרויסגיין פֿון דעם פּלאַץ, וועט אים באַגעגענען אַן אַלטער מיליאָנער, אַ ראָקע־פֿעלער, צי אַ העברי פֿאָרד, אים אַרומכאַפּן, דריקן צום האַרצן און זאָגן: קום צו מיר, דו אָרעמער מענטש, האָסט נעבעך אַזוי פֿיל גע־ליטן אין דיין לעבן. קום צו מיר אין הויז, איך וועל דיר אָוועקגעבן מיין פּאַלאַץ, מיין טאָכטער, אַלצדינג, אַבי לייד ניט...

וואַיל צו דעם, וואָס האָט אַ וואַרעמע הויז

נתן האָט אַריינגעקוקט אין שפּיגל און אַז ער האָט דערזען פֿאַר זיך אַ מאָגער פּנים מיט אויסגעשטאַרטשעטע באַקן־ביינער און קאַ־לעמוטנע אויגן, האָט ער זיך צעלאַכט. אים איז געפֿעלן געוואָרן, וואָס דער הונגער האָט טאַקע אין אמתן אַזאַ כּוח איבער זיין קערפּער. ער האָט זיך אָנגעטרונקען מיט קאַלטער וואַסער און אַלע אבֿרים זיינען דערפֿון געוואָרן שטייף. די שוועסטער פֿריידע ווייסט גאָרניט דערפֿון, ווייל ווען זי זאָל זיך דערוויסן, וואָלט זי אים באַוויינט און באַקלאָגט, און וואָלט זיכער אים אָוועקגעגעבן אירע לעצטע פּאָר דאָלאַר. זי האָרעוועט שווער נעבעך אין איר קענדי סטאָר, די פֿיס אירע זיינען נאָך מערער געשוואָלן. איצטער האָט זי שוין ניט קיין אָפּרו, אַפֿילו ביינאַכט. נתן באַוויזט זיך אָבער ניט פֿאַר איר אין אַזוינע טעג.

— וואָס איז מיין גוף, — טראַכט ער, — עפר ואפר, ערד מיט בלאָ־טע. אַבי דער כּוח פֿון מיין גייסט זאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן. נעכטן האָט ער אָנגעהויבן דעם ריכטיקן תּענית. היינט האָט ער שוין מער ניט, ווי צען סענט. ס'וועט נאָך זיין אויף הוצאות קיין ניו יאָרק און צוריק.

אין וואַגאַן האָט ער געשמייכלט צו די מענטשן און זיי האָבן אַפּילו ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז אויף אים אַזוי די גדולה. נתנען האָט אָבער הנאה געטאָן, וואָס מענטשן קאָנען זיצן אַזוי פאַרחושכט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געפאַלן אויף זיי, און ער, נתן, וואָס האָט שוין פון נעכטן אָן ניט פאַרזוכט דעם טעם פון המוציא, איז גאָר אַזוי לעבעדיק און מונטער. ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער זיך אַפּילו צעזונגען אינמיטן וואַגאָן אַ לויב־געזאַנג צו זיין פרייד, וואָס קוועלט אין אים אַפּילו אין אַ הונגעריקן קערפּער. אויף די גאַסן אין ניו יאָרק, שפּעט אין טאָג, האָט ער טאַקע געזונגען. ס׳האָט אים ניט געאַרט, וואָס אויף די פּענצטער פון די רעסטאָראַנען שטייען אויסגעשטעלט געבראָטענע קעפּ פון קעלבלעך און געפּרעגלטע הינער אויף די טעלער. ער האָט אונטערגעברומט אַ ניגונדל און האָט הנאה געהאַט, וואָס ער לעבט נאָך און קאָן זען אַזוי פיל זאַכן, וואָס זיינען שיין פאַרן אויג. דער הומר ווירקט אויפן גייסט, דאָס ווייסט נתן, אָבער ער וועט ניט דערלאָזן צו אַזאַ זאַך. ער וועט פירן מלחמה מיט די שלעכטע שטימונגען, וואָס קאָנען באַפאַלן דעם קערפּער און אים שלעפּן אין שאול תחתיה.

אויף דער בירזשע, וואו די אַרבעטער קומען זיך צונויף אין די נאָכמיטאָג שעהן, האָט ער געפּלאַמט מיט רייד און אַ גרויסער עולם איז געשטאַנען אַרום אים און אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט. ער האָט גערעדט וועגן דעם, וואָס מען דאַרף זיך ניט לאָזן נאַרן, ווייל ווערן אָפּגענאַרט איז ערגער פון פאַרשקלאַפּט זיין. ווייל די גרויסקייט פון מענטשן באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז אַ קלוגע באַשעפעניש און באַשטימט זיין יעדן טראָט. — אָבער לאָזן זיך פאַרפירט ווערן פון שווינדלער, דאָס איז פּע. און ס׳איז, — זאָגט ער, — ביי אים די גרעסטע רעטעניש צו זען אַזוינע דערוואַקסענע מענטשן, געזונטע, היכּע, ברייטפּלייציקע, זאָלן אַזוי לייכט זיך לאָזן פאַררייַדן די ציינער. — „וואָס האָבן מיר געוואונען דאָ? אַז ס׳איז געבליבן פּונקט ווי פאַרן סטרייק. און נאָך ערגער: מען שניידט די פּרייזן און מען זאָגט אָפּ אַרבעטער. ווען די באַלעבאַטים פאַרגלוסט זיך; און אין דער יוניאָן שטייט נאָך אַלץ דער גרויסער קראַנץ בלומען מיטן אויפשריפט „סוקסעס״. ווען מען הונגערט איז די שלעכטסקייט נאָך ניט אַזוי גרויס, ווען מען גייט אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן און מען פרירט פון קעלט, איז נאָך אַלץ אַ קלייניקייט; אָבער אַז אין דער יוניאָן זיצן אַ פּאָר צענדליק ליגנער,

וואָס דענקען, אַז זיי זיינען געוואַלדיקע חכמים, ווייל דער עולם איז אַ גולם — דאָס איז שוין אַ מיאוסקייט".

נתן האָט זיך דערנאָך געלאָזט מיט דער פינפטער עוועניו אַרויף און זיין שטימונג איז ווייטער געהויבן געוואָרן. דער קאָפּ האָט זיך אים אָנגעהויבן צו דרייען פון שוואַכקייט און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַ פריילעכן געדאַנק און אים ניט אָפּגעלאָזן, ווייל ווען ער זאָל אים יאָ געוועזן אָפּלאָזן, וואָלט ער זיכער געפאַלן חלשות אויף דעם טראָטואַר. דער פריילעכער געדאַנק איז געווען דאָס, וואָס מענטשן האָבן אַזוי שטאַרק ליב מוזיק, ס'דערהויבט די געדאַנקען און מען טוט זיך אָפּ פון דער גאַנצער וועלט. נתן קאָן שטענדיק אַרויסרופן אַזוינע טענער, וואָס ער האָט זיי נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געהערט. נאָך איז נתנען געווען פריילעך, וואָס ער וויל זיך ניט אונטערגעבן און אַז דאָס לעבן, די גאַנצע רוישיקע שטאָט ניו יאָרק, איז פאַר אים געוואַלדיק וויכטיק.

פאַרנאַכט איז ער אָנגעקומען קיין בראָנזוויל פאַרן לעצטן ביקל. ווען ער איז אַרויסגעשטיגן אויף דער פלאַטפאָרמע האָט דער גאַנצער הימל געברענט רויט און נתנען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז אַ צו־שפּיל אַזאַ צו זיין הונגער. אַלע מענטשן, וואָס זיינען אַרויסגעלאָפן פון די וואַגאָנען, האָבן באַלד ניט געסטאַיעט. אין בראָנזוויל עסט מען איצט וועטשערע אין אַלע הייזער. אין די קיכן איז וואַרעם און די באַלעבאָסטעס גרייטן צום טיש. אַ היימישער באָרשטש, אַז מען קאָכט אָפּ, איז גאָר אַ מחיה; אָדער אַ טעלער הייסן זופּ, וואָס שלאָגט מיט פּאַרע. נתן האָט גאָרניט געוואָלט טראַכטן פון אַזוינע זאַכן. ער האָט געוואָלט זען, ווי די רויטקייט פון הימל ווערט אויסגעלאָשן. איין און איינציקער שטייט ער אויף דער פלאַטפאָרמע און דער ווינט צופּט די אויערן. וואָלקנס רוקן זיך אויפן הימל און ווערן בלוי, דערנאָכדעם שוואַרץ, דערנאָכדעם קומט אָן די נאַכט. און אַז די נאַכט קומט אָן איז וואויל צו דעם, וואָס האָט אַ וואַרעם הויז און די ווענט לאָזן ניט אַריין דעם טומל פון דער גאַס און די סטעליע איז ליכטיק און די פינצטערע פענצטער פאַרשלאָפן מיט אַזאַ נאַכטיקן געזאַנג.

פסח לאָזט ניט אַריין

אַ ווינט האָט געיאָגט משה דעם משוגענעם אין די פּלייצעס און דער שניי האָט איינגעאַנצן ווייס געמאַכט דעם זאַק און זיינע הויזן — און איבער די גאַסן איז שפּעטע נאַכט. אַלע פּאָליסלייט האָבן זיך באַהאַלטן אין די שענקען און אין די רעסטאָראַנען, און משה איז געלאָפן און געוואָיעט.

ביי אַ קעלער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און געוואָרט, אַז אָט־באַלד וועט דאָס בעט דאָרט אָנהויבן צו סקריפּען און פּסח, אין די אונטערוועש, וועט אָנהויבן צו וואָרטשען און צו זידלען, און אַראָפּגיין עפענען די טיר. אָבער ס׳איז גאָר שטיל דאָרטן און פּסח שווייגט.

— פּסח, זאָג איך דיר, עפן. האָט משה זיך געבעטן.

— פּסח, עפנסט? — ס׳פּאַלט שוין אַ שניי אין דרויסן, — איז משה צוגעפאַלן צו דעם פענצטער און אַריינגעשריען.

דער קעלער מיט די שמאַטעס איז אָבער געווען שטום, פאַרעקשנט, ווי אויף צו להכעיס, און משה האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף די טרעפּ מיטן זאַק אויף די פּלייצעס און אָנגעהויבן וואָיען אויף אַ קול איבער דער גאַנצער גאַס: „אוי, ווי איז צו מיר, פּסח וויל שוין מער ניט עפע־נען״.

פּסח איז געלעגן אין קיך אין אַ וואָלקן פון גאַזן און ס׳איז אים געווען קשה אין שלאָף, וואָס דאַכט זיך: משה קלאַפּט און ער איז שוין פון לאַנג אַראָפּגעגאַנגען און האָט אים געעפנט די טיר; נאָך איז אים געווען קשה, וואָס דאַכט זיך, אַז משה האָט זיך שוין פאַרשטופּט אין די שמאַטעס אויף זיין געלעגער און שלאָפט שוין; פאַרוואָס־זשע הערט ער עמיצן וויינען?... ווייטער האָט ער זיך געוואונדערט, וואָס עמיצער זיצט אים אויפן קאָפּ און דריקט אים און ציט אים צו זיך און שלעפּט אים פון געלעגער...

פּסח האָט פאַרגעסן אויסצודרייען ס׳גאַז־אייוועלע און ער האָט געהאָט איינזינען דאָס צו טאָן. קיינמאָל פאַרגעסט ער ניט. ער האָט אָבער געוואָלט זיך אַביסל פוילן, ס׳איז אים געווען וואַרעם אין בעט און ער האָט געשמייכלט. דערנאָכדעם האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי ער קריכט אַראָפּ פון בעט און לעשט שוין אויס. האָט ער זיך שוין באַרואיקט. דער שלאָף האָט אים פאַרצויגן זיינע אויגן. די לאַנגע

ווייסע באָרד זיינע האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף דער קאָלדרע מיט גרויס כבוד, אַ מידע און רואיקע.

פּסח שלאָפט. און דער בלעכענער טיש, דער ווייסער, איז אינגאַנצן רויט פון דער שיין פון גאַז־איוועלע, רויט איז אויך דאָס מעסער, וואָס ליגט לעבן ברויט, און דער אויסגעוואָשענער טעלער.

פּסח האָט געבענטשט נאָכן עסן, זיך אונטערגעברומט אַ נגונדל און צוגעקלאַפּט מיט די שפּיצן פינגער. אים איז געווען גוט. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער וועט שוין אייביק לעבן, ווייל ער אַליין לעבט שוין אַ שטיק אייביקייט. אַזוי פיל יאָרן זיינען פאַרלאָפן, די פּנימער פון זיינע ווייבער האָט ער שוין לאַנג פאַרגעסן און די קינדער זיינע זיינען אויך אויסגעשטאָרבן און ער, פּסח, האָט איבערגעשפּאַנט זייער אַלעמענס טויט און פאַרגעסט קיינמאָל ניט צו נעמען אַ גלעזעלע בראָנפן פאַר יעדן מאָלצייט. און דאָס גלעזעלע בראָנפן דערקוויקט די נשמה און די באַקן צעגליען זיך, און אין די אויגן טאַנצן פייערלעך.

ניו יאָרק איז פאַר פּסחן שטענדיק געווען אַ ווייטע מדינה, פּונקט ווי ארץ ישראל. אַלע טאָג זיינען מענטשן געפאָרן קיין ניו יאָרק, אָבער ניט פּסח. זיין ביי־מאַשין שטייט לעבן פענצטער און פון דאָרטן זעט ער אַלצדינג און ווייסט שוין וואוהין און נאָך וואָס יעדער גייט. אים איז גוט אין בראָנזוויל. די שול איז געשטאַנען פּונקט אַנטקעגן און די באָד אויפן צווייטן קוואַרטאָל. מענטשן האָבן אים געבראַכט הויזן און רעקלעך און זיינע לאַטעס וואָס ער האָט געלייגט, האָט קיינער גאָרניט דערקענט, מחמת ער האָט געקענט אַזאַ קונץ טאָן מיט דער נאָדל, אַז אַפילו דער פּרעזידענט אַליין וואָלט ניט געקאָנט אויסגעפינען די לאַטע וואָס ער האָט געלייגט.

אַ האַלבע קיך איז געווען ליכטיק און דאָרטן וואו פּסח איז געלעגן אויפן בעט איז געווען פינצטער, אָבער דורך אַ שפּאַלט פון פענצטער איז דער ווינט אַריין, אויסגעלאָשן די ליכט און די גאַזן האָבן אָנגעהויבן לויפן דורך די רערן, גיך, גיך, זיך דערהויבן ביז דער סטעליע, זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן צימער, זיך געלייגט אויפן טיש, אויפן בעט — און פּסחן איז ביז דער לעצטער מינוט געווען קשה...

אַ גאַנצע נאַכט האָבן די שכנים געהערט אַ געוויין. דאָס האָט משה אַזוי ניט אויפגעהערט צו קלאָגן זיך, אַז „אוי, ווי, פּסח וויל ניט עפענען די טיר, אוי, ווי, ס׳פאַלט שוין אַ שניי". האָבן זיי געמיינט: ווייסיך וואָס, משה דער משוגענער דאָרטן. גיי ווייס, אַז ס׳זאָל געשען אַזאַ אומגליק!

אַ חזנדל מיט אַ קליין בערדל איז געשטאַנען אויף די טרעפּ פון דער שול און געמאַכט אַ „מלא". אַזוי איז ער זיך אַ פּשוטער בעל־תפילה. דאַוונט ערלעך, אָן פּרעטענזיעס. אָבער איצטער, ביי דעם „מלא", האָט ער געפּרוּווט אַביסל זיך אונטערגאָרגלען. ער האָט געוואָלט זען, ווי אַזוי וועט ביי אים אַרויסקומען, אויב ער וועט זיך צעזינגען ווי אַן אמתער חזן.

אין אַ פיינער קאַרעטע איז זיך פּסח געלעגן, מיט שיינע פענצטער און ווייסע פאָרהאַנגען. די פערד מיט די פּאַרריסענע קעפּ האָבן אויסגעקוקט ווי ריזן און דאָס יידעלע, וואָס האָט זיי געהאַלטן ביים צוים, איז געווען אַ קליינס, אַ דאַרס, מיט אַ גרויס היטל איבערן קאָפּ.

די פערד זיינען געווען אומרואיק, האָבן זיי געטופּעט מיט די פיס, געהוידעט מיט די קעפּ, באַשטעקט מיט אַזוינע פעדערנע פּעכערס. דאָס גרויסע היטל האָט זיך אויך ניט געוואָלט האַלטן אויפן קאָפּ און ס'איז רק אַראָפּגעפאַלן איבער די אויגן. האָט דאָס יידעלע נעבעך שוין געהאַט אַן אַרבעט אַלעמאָל אַרויפרוקן ס'היטל, איינהאַלטן די פערד און שרייען צו זיי: אַלי, אַלי. ס'הייסט: זייט שטיל, זייט שטיל.

אַלע ווייבער פון דער גאַס זיינען געשטאַנען מיט נאַסע אויגן. אַ נעגערטע מיט אַן עמער און שמאַטעס אויף צו וואַשן פּאַדלאָגעס האָט אויך געהערט די „מלא". געקוקט דערשראָקן יעדן איינעם אין פּנים און האָט שוין אויך געהאַלטן ביים וויינען. דזשאָו דער איטאַליענער, וואָס רעדט יידיש ווי אַ וואַסער און וואָס זומער פאַרקויפט ער אייז צו די ווייבער און ווינטער קוילן, האָט אויך פאַרהאַלטן די פערד און איז געבליבן זיצן אויפן וואָגן אַ טרויעריקער. ווען אָבער די גרויס־אַרטיקע קאַרעטע מיט פּסחן האָט זיך גערירט און אַלע זיינען זיך צעגאַנגען, נאָר משה דער משוגענער מיטן זאַק אויף די פּלייצעס האָט זיך נאָכגעשלעפּט און געכליפּעט, — האָט דזשאָו אַ נוקע געטאָן צו די פערד און זיך צעשריגן איבער דער גאַנצער גאַס אין יידיש:

— קוילן, ווייבער, קוילן!...

אומעטום זיינען געלאָפן נתנס

אַ שטאַרקער, קאַלטער ווינטער־פאַרנאַכט אין בראַנזוויל. מען לויפט הונגעריקע און איבערגעפרוירענע פון סאָבווי.

די חתונה־פּראָצעסיע ציט זיך אויף עטלעכע קוואַרטאַלן. נייאינקע, אויסגעפוצטע אויטאָמאָבילן. אַלע קרובים פון חתנס צד, דער בראַנז־ווילער טשעמפּיאָן מיט אַלע זיינע חברים אין נייע גלאַנציקע צי־לינדערס. אָבער אויף יעדן ראָג איז געשטאַנען אַ נתן און האָט גע־ציטערט פון קעלט. פון אַלע טירן, פון יעדער הויז, איז אַרויס אַ נתן און זיך געלאָזט לויפן נאָך די אויטאָמאָבילן. ביי דער גרויסער שול אויף סטאָן עוועניו, צווישן פרעמדן, בייגעריקן עולם, זיינען געשטאַנען אַלע נתנס און האָבן געקוקט אויף אַלעמען מיט מאָנענדיקע אויגן . . .

די כלה איז געווען בלייך, ניט פון פאַסטן. זי האָט במילא קיין איין ביסן ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען. ביינאַכט איז געקומען צו איר צו חלום נתן און ער איז גאָרניט געווען אין כעס. ער איז געקומען און געקוועלט פון פרייד. האָט זי אים אַ פרעג געטאָן:

— נתן, דו קוועלסט פון פרייד און מיר ווילט זיך גאָר וויינען.

האָט ער איר געזאָגט:

— וואָס דאַרפסטו וויינען, נאַרעלע, ניט וויינען איז דער עיקר. דער עיקר איז די חופה און די חתונה־קליידער. פינף קליידער פון פאַרשידענע גענייען און קאָלירן העגנען אין דער שאַפע. דאָס זיידענע ווייסע לאַנגע קלייד וועסטו טראָגן נאָר איין מאָל אין דיין לעבן. מער ניט ווי צו דער חופה. אַ שאָד, אַ שאָד. די איבעריקע פיר וועסטו שוין קאָנען טראָגן ווען דו ווילסט.

האָט זי צו אים ווייטער געזאָגט:

— וואָס רעדסטו צו מיר פון קליידער, אַז דאָס האַרץ איז מיר צע־בראָכן.

האָט ער איר געזאָגט און זיין פנים האָט נאָך אַלץ געשיינט:

— ניט דער עיקר איז אויך, וואָס דאָס האַרץ איז דיר צעבראָכן. דער עיקר זיינען די עלעקטרישע לעמפּלעך מיט די קאָלירטע אַבאַזשורן, וואָס אין דיין נייער היים אויף איסטערן פּאַרקווי. ווייסטו גאָר וואָס? איך וועל קומען אין דיין נייער היים ווען ער וועט ניט זיין. בייטאָג

װעל איך צו דיר קומען. װעסטו אָנדרייען די גרױסע נײַע װיקטראָלאַ און מיר װעלן טאַנצן.

איז איר שױן געװאָרן פרײלעך פון זײַנע רײד און זי האָט אים גע־זאָגט:

— יאָ, נתן. אַלע טאָג װעסטו צו מיר קומען.

פון דער שול זײַנען זײ געפאָרן צו דעם גרױסן טאַנץ־זאַל. סעם מיטן צילינדער איז שױן געזעסן לעבן איר. ער האָט געשײַנט פון גליק און פון נחת און אַרומגענומען איװואַן זײַער דרײסט. ער האָט זי געװאָלט אַ קוש טאָן, אָבער דער צילינדער זײַנער האָט געשטערט. אָבער סעמעלע איז אַ חכם, ער װײסט שױן װי זיך אַן עצה צו געבן. ער האָט אױסגעטאָן דעם צילינדער, אים אַנידערגעלײגט אױפן װײכן זיץ און זיך אָנגעבױגן אַזױ געלאָסן און איר אַ לאַנגן קוש געטאָן. איװואַ האָט פאַרמאַכט די אױגן בעת מעשה, אים אָפּגעגעבן אירע ליפּן מיט גרױס אונטערטעניקײט און ס׳האָט שױן איר ניט געאַרט.

סעם איז אַרױס דער זיגער. װאָס דען, ער װעט ניט זיגן?! ער װעט נאָך געװיס זײַן אַ גרױסער מיליאָנער אױך.

האָט ער אָנגעטאָן װידער דעם צילינדער, זיך צורעכט געמאַכט דעם שניפּס און איז געבליבן זיצן סטאַטעטשנע, װי אַ חתן באַדאַרף זיצן.

אױף פּיטקין עװעניו זײַנען אױך געלאָפן נתנס. צעטומלטע נתנס מיט צעשראָקענע פּנימער. אַזױ האָט זיך איר אױסגעװיזן. אָבער דעם אמתן נתן האָט זי טאַקע נישט געזען. ער איז געשטאַנען בײַם טאַנץ־זאַל צװישן עולם און געקוקט אױף די חתונה־אױטאָמאָבילן. װען איװואַ איז אַרױסגעשטיגן פון אױטאָמאָביל, האָט זי פריער אַרױסגעשטעלט איר רעכטן פוס און אַ זילבערנער טופליע און נתנען האָט דערפאַר אַ שלאָג געטאָן אין האַרצן. סעמעלע האָט זי באַלד אונטערגעכאַפּט און געאָרעמט האָבן זײ זיך בײדע געלאָזט אַרײַנגײן אין דער אָפענער פאַראַדנער טיר. איװואַ איז גאָר העכער פון אים מיט צװײ קעפּ און זי טראָגט אױך אַ לאַנגן טײַערן מאַנטל פון פוטער. אין זײַדנס און אין פליוש װעט ער, סעמעלע, זי פּוצן. ער װעט איר שטענדיק אָפּגעבן כבוד, װײַל אין גאַנץ בראַנזװיל איז ניטאָ קײן שענערע פון איר.

װאָס־זשע װעט שױן איצט נתן טאָן? אפשר װאָלט ער גאָר איצט געזונגען זײַן שװעסטערס לידעלע: „איך האָב געקליבן פּערל, איך האָב אַ פּערעלע פאַרלױרן, איך האָב געהאַט אַזאַ טײַערן דימענט און איך האָב אים אָנגעװאױרן“. נײן, נתן װעט נישט זינגען, ער איז נאָך

ניט אַזוי באַריש. און וואָס וועט ער גאָר שטיין דאָ אין אַזאַ קעלט? — ס'איז היינט חנוכה און די שוועסטער באַקט לאַטקעס פון קעז. האָט זי אים געשריבן אַ קאַרטל, ער זאָל קומען צו איר, וועט ער עסן לאַטקעס.

אין איסט ניו יאָרק וואוינט די שוועסטער, און נתן האָט זיך געלאָזט אַהין צופוס. פון דער ליכטיקער פיטקין עוועניו איז ער אַרויף אויף די טונקעלע גאַסן. דאָרטן האָט אים באַגעגנט אַ קאַלטער ווינט און זיי האָבן שוין צוזאַמען געשפּאַנט.

בראָנזוויל זיצט איצט פאַרשפּאַרט אין די הייזער און עסט וועטשערע און נתנען גייט איצט אויס דאָס האַרץ פאַר די, וואָס עסן וועטשערע, ווייל מענטשן האָבן צער אין די אויגן ווען זיי עסן: דער צער פון הונגער און די הילפלאָזיקייט פון קליינע קינדער. זייערע פּנימער זיינען בלאָס בשעת מעשה און זיי טראָגן גרויס רחמנות צו זיך אַליין.

איוואָס גרויסע בלויע אויגן זיינען פול מיט גוטסקייט און געטריישאַפט און זיי וועלן שוין בלייבן פאַרבענקטע אויף אַלע אירע יאָרן און אַז זי וועט האָבן אַ קינד פון סעמעלען, וועט זי דאָס טוליען צום האַרצן מיט גרויס ליבשאַפט און וועט נאָך אַלץ זיין אַ פאַרבענקטע.

אַ הויז אַזאַ

אין בראָנזוויל, אויף פּיטקין עוועניו, איז דאָ אַ הויז אַזאַ מיט אַן אָפענער טיר. לויפן אַלעמאָל פון דאָרטן אַרויס בחורים און מיידלעך מיט פאַררוקטע קאַפּעליושן און דערהיצטע פּנימער. וואָס טוען זיי דאָרטן אין דעם הויז, אַט־די בחורים און מיידלעך? נתן האָט מורא אַריינצוגיין — און די טיר איז גאָר אָפן.

איינמאָל האָט מען געטראָגן פון דאָרטן אַ רויטע פאָן און אפשר אַ פאַר הונדערט מענטשן האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון דעם הויז און מען האָט זיך אַלע געלאָזט אויף דער גאַס. די רויטע פאָן האָט געטראָגן אַ בחורל, וואָס האָט געהאַט אַ פאַרשפּיצט פּנימל. פּונקט אַזוי ווי דער שטעקן פון דער פאָן איז געווען אויסגעצויגן און גלייך, אַזוי אויך דאָס בחורל, נאָר דאָס שטיק רויטע געוואַנט איז געווען אומרואיק, געקנייטשט זיך און געפלאַטערט. האָט זיך נתנען אויסגעדאַכט, אַז דאָס בחורל מיט דער פאָן איז העכער פון אַלע מענטשן און אַלצדינג אַרום איז געוואָרן קליין און נידעריק. קיין סך זיינען זיי

ניט געגאַנגען מיט דער פאָן, ווייל פּאָליסלייט זיינען אַנגעלאָפן און ניט געלאָזט. איז אויסגעקומען ביי נתנען, אַז די דאָזיקע רויטע פאָן האָט זייער אַ סך צו דערציילן, נאָר וואָס־זשע דען, — מען לאָזט איר ניט. אים האָט זיך אויך אויסגעדאַכט, אַז ווען מען זאָל איר לאָזן, אָט־דער פאָן, גיין ווייטער איבער דער גאַס, וואָלטן פון אַלע הייזער אַרויס־געלאָפן אַלע מענטשן, און אַלע שפּאַצירנדיקע וואָלטן זיך אַ צי־געטאָן נאָך איר און וואָס ווייטער וואָלט די מחנה געוואָרן גרעסער און ריזיקער און ביים סוף פון דער שטאָט וואָלט שוין געווען אַזאַ ענגשאַפט ניט דורכצוגיין, אָבער דאָס בחורל מיט דער רויטער פאָן העכער איבער אַלעמענס קעפּ וואָלט נאָך אַלץ געשפּאַנט ווייטער און ווייטער.

איינמאָל אַ שבת ביינאַכט האָט מען אַלע פענצטער דאָרטן באַדעקט מיט רויטן. און אין בראַנזוויל שמועסט מען, אַז די קאָמוניסטן זיינען גאָר געפּערלעכע חברה־לייט. אַלע פּאַפּירלעך, וואָס מען צעטיילט אויף די גאַסן קומען פון דער הויז און די פּאַפּירלעך זיינען הייס ווי פייער. אַ סך מענטשן קאָנען זיי טאָקע ניט לאַנג האַלטן אין די הענט און וואַרפן זיי תיכף אַוועק מיט אַזאַ מינע, פּונקט, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעבריט. נתן וויל אַריינגיין אין דעם הויז, אָבער ער קאָן נאָך אַלץ ניט . . .

יענעם שבת ביינאַכט איז פּיטקין עוועניו געווען פול מיט שפּאַ־צירנדיקע און נתן האָט נאָך פון זיין צימער אַרויסגעטראָגן אַ גרויסן אומעט און אויף דער גאַס האָט ער זיך נאָך מערער צעוואַקסן און ער האָט אים שוין ניט געקאָנט איינהאַלטן.

נתנען, באַלד עפּעס דאַכט זיך שוין אויס, אַז ס'איז עק וועלט, אָבער אַז עס קומט אָן די גרויסע פרייד, ווערן די באַקן אַזוי הייס און אַלע אברים שפּילן מיט אַ געזאַנג, אַז ס'דאַכט זיך אויס, אַז ס'איז גאָר אינגאַנצן ניטאָ קיין אומעט אויף דער וועלט.

נתן איז אַריינגעגאַנגען אין יענעם הויז, וואָס דען, ער וועט מורא האָבן? נו, און פריער האָט ער דען מורא געהאַט? — ער האָט גלאָט אַזוי ניט געוואָלט. אָבער איצטער וויל ער. און דאָרטן זיצן אַרום געדעקטע טישן אַ סך חברה. גייט ער און זעצט זיך אויך אַנידער. קיינער האָט זיך גאָרניט פאַרוואונדערט, וואָס ער האָט זיך אַנידער־געזעצט. אויפן טיש ליגן עפּל, באַרן, ניס און צוקערקעס, אַז ער וויל שטרעקט ער גאָר אויס אַ האַנט און נעמט אַ באַר און קיינער וואונ־דערט זיך ווייטער ניט. איינער רעדט. נתן הערט מיט אַלע אברים,

כאַטש ער ווייס שוין פון לאַנג וואָס דער איינער רעדט. קיין שום פאַרהוילענע זאַך דערציילט יענער ניט. ער האָט דאָס געוואוסט פאַר צוויי וואָכן, פאַר אַ יאָרן. אפשר פון שטענדיק אָן, אָבער קיינמאָל נאָך ניט געהערט דאָס אַרויסזאָגן אין דער הויך. דערפאַר הערט ער זיך צו, קייט די באַר און ווערט הייס ווי פייער.

עמיצער האָט אים אונטערגעטראָגן אַ גלאָז וויין. ווער איז דער עמיצער? איידער ער האָט אויסגעטרונקען דעם וויין האָט ער דאָך דעם עמיצן נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געזען, אָבער נאָך דער גלאָז וויין, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער קאָן אים שוין פון לאַנגע יאָרן. ווען ער וויל גייט ער צו צו אים און לייגט אים אַרויף די האַנט אויף זיין פלייצע. ניט נאָר יענעם, — אַלעמען קאָן ער שוין דאָ פון לאַנג. זיי גיבן אים וויין, די חברים. ער ווערט טרינקען, ניט אַזוי דעם וויין, ווי די פריילעכקייט טרינקט ער, די חברשאַפט.

אַ קלאַפּ אין טיש. ווער האָט דאָס געגעבן דעם קלאַפּ אין טיש? אפשר טאַקע ער, נתן אַליין. עס גלויבט זיך ניט, זאָל ער דאָס טאַקע געווען געבן דעם קלאַפּ?!... אָבער ניט דער קלאַפּ איז דער עיקר. דער עיקר, וואָס אַלע פּנימער קוקן אויף אים. עמיצער האָט אָנגע־הויבן צו ריידן און דאָס קול איז געקומען פון וויט, וויט. אפשר רעדט דאָס נתן אַליין. ער ווייסט ניט, ווייל די געדאַנקען זיינע פליען אַזוי הויך און ער האָט קיין צייט ניט זיך צוהערן צו די אייגענע רייד. אָבער אַלע זייגען אַזוי שטיל — און נתן האָט מורא פאַר דער שטיל־קייט. רעדט ער גיך, גיך כדי ניט בלייבן אַליין מיט דער שטילקייט...

דראַמאַטישע שפּילן

מאָטל פּייסי דעם חזנס אין אַמעריקע

פון

שלום-עליכם

דראַמאַטיזירט פון

כּאַווער-פּאַווער

פּערזאָנען:

מאָטל פּייסי דעם חזנס	ברכה, עליעס ווייב
מענדל, זיין חבר	מאַמע
עליע, זיין ברודער	משה איינבינדער
פּיניע, עליעס חבר	ישעיה הערשל, דער באַס

(האַנדלונג: קומט־פאָר די ערשטע וואָכן פון מאָטל פּייסיס קומען קיין אַמעריקע)

(אַ צימער, וואו דאָס מעבל ווייזט, אַז די איינוואוינער זיינען ערשט אַריבערגעקומען פון איראָפּע).

מוטער: (שרייט) מאָטל, וואָס טוסטו דאָרטן אין טשיקן?

ברכה: שוויגער, איר פאַרבייט אַ טאָפּ אויף אַ לאַדישטשיק. קיטשן דאַרף מען זאָגן, ניט טשיקן. טשיקן איז אַן עוף, און קיטשן איז אַ קיך, אַ קלאָג זאָל זיין צו קאָלאָמבוסעס מדינה.

מוטער: כ׳ווייס, פּרעג מיך בחרם: טשיקן־קיטשן.

מאָטל: האָסט מיך גערופן, מאַמע?

ברכה: (קרימט אים נאָך) האָסט מיך גערופן, מאַמע? קוק דאָס נאָר אָן, ס׳צדיקל אין פּעלצעלע.

מוטער: טשעפּע זיך ניט צום קינד.

ברכה: אַ וואַוקולאַק איז דאָס, ניט קיין קינד.
מוטער: מאָטל, ס'איז שוין צייט צו דאַוונען מנחה.
מאָטל: איך קען ניט.
ברכה: ער קען ניט, אָבער לייגן אין פּיסק אַריין קען עס.
מוטער: ברכה, טשעפּע זיך ניט צום קינד. פאַרוואָס, מאָטל, קענסטו ניט דאַוונען מנחה?
מאָטל: איך קען ניט, ווייל איך ווייס ניט וואו די מזרח־וואַנט איז אין אַמעריקע.
ברכה: אַבי ניט צו דאַוונען וועט ער שוין געפינען תירוצים.
מוטער: אָט וועט קומען עליע פון דער אַרבעט, וועלן מיר אים פרעגן. אַפנים, אַז דאָס גייט ער טאַקע.
(פּיניע קומט אַריין מיט אַ צעדראַפּעטער נאָז).
ברכה: ויבוא המן, מען מיינט עס איז דער מלאך, איז גאָר געקומען דער גלח.
מוטער: האָ, פּיניע, וואָס מאַכסטו, פּיניע? זיץ, פּיניע, נעם אַ בענקל, פּיניע.
פּיניע: גוד איוונינג.
ברכה: גוט וואָס?
פּיניע: גוד איוונינג — דאָס מיינט אַ גוט אָוונט.
ברכה: אַ לאַנד, אַ קלאָג צו דעם, סטעיק איז אַ מאַכל; פּאַרק איז אַ גאָפּל; און גוט איוונינאַק, אַ גוט אָוונט.
מאָטל: פּיניע, פון וואָס נעמט זיך דאָס?
פּיניע: (אַ פינגער צום שטערן) עס נעמט זיך — עס נעמט זיך — עס נעמט זיך אַזוי: גוד, איז גוט; איוונינג —
ברכה: אַן איוונינאַק.
פּיניע: שלאָג מיר ניט איבער, ברכה.
מוטער: אַ ווייטיק איז מיר געשען; די נאָז איז דאָך ביי דיר צע־בלוטיקט.
פּיניע: (טאַפּט די נאָז) אָפּגעבריט.
ברכה: איך פאַרשטיי, אַז מען בריט זיך אָפּ אַ האַנט, אַ פוס; אָבער אַ נאָז הער איך דאָס ערשטע מאָל.
פּיניע: ס'איז פונעם פּרעסל.
ברכה: ווי קומט דאָס פּרעסל צו דיין נאָז?
פּיניע: איר ווייסט דאָך, אַז די ראיה איז ביי מיר אַביסל דאָסיק.

ברכה: איז דעריבער?

פיניע: האָב איך זיך אָנגעבויגן האַרט צום טיש און פאַרטשעפּעט מיט דער נאָז ס׳פּרעסל.

ברכה: אַ שלימזל, אַז ער פאַלט אין שניי, טרעפט ער אויך אָן אַ שטיין.

מוטער: ווי קומט דאָס, וואָס עליע איז נאָך ניטאָ פון שאָפּ?

פיניע: ער אַרבעט מסתמא אָווערטאַים.

ברכה: אָווער וואָס?

פיניע: אָווערטאַים — דאָס הייסט, אַז לא די וואָס מען רייסט־אָפּ דאָס געזונט אַ גאַנצן טאָג, הייסט דער באָס פאַרבלייבן אויך אין אָוונט צו פּטרן נאָך אַביסל כוח.

מאָטל: פון וואָס נעמט זיך אָווערטאַים?

פיניע: דאָס וואָרט איז לייכט צו פאַרשטיין. אָווער נעמט זיך פון לשון־קודשדיקן וואָרט עבר, אַוועקגעגאַנגען; טאַים איז אין ענגליש צייט — מאַכט דאָס אינאיינעם: די צייט איז שוין טאַקע אַוועקגע־גאַנגען, אָבער הארעווע, ברודער, און ווער פאַרשוואַרצט, ווייל אַזוי וויל דער באָס.

מאָטל: פון וואַנעט נעמט זיך דאָס וואָרט באָס?

פיניע: גאַנץ פּשוט: באָס נעמט זיך פון באַלעבאָס, אָבער אין אַמעריקע האָט מען ליב אויף גיכן, האָט מען באַלע אָפּגעשניטן, איז געבליבן בלויז באָס.

ברכה: צאָלט מען כאָטש מערער פאַר אָווערטאַים?

פיניע: ס׳הייסט, פאָ זאַקאָנו, איז צאָלן דאַרף מען צאָלן פאַר אָווער־טאַים, אָבער אַז ס׳קומט צום צאָלן, צאָלט מען ניט.

ברכה: איר פאַרשטייט כאָטש, שוויגער, וואָס ער האָט אָנגעבעבעט? (קרימט אים נאָך) צאָלן, דאַרף מען צאָלן, אָבער אַז ס׳קומט צום צאָלן, צאָלט מען ניט.

פיניע: וואָס קען מען זיך העלפן, אַז דער באָס זאָגט, אַז ס׳קומט ניט, נעמט מען אָן אַ פולן מויל מיט וואַסער, און מען מאַכט אַ שוויג.

מוטער: היתכן, ס׳איז דאָך פּשוט אַ גראַביעזש.

פיניע: אַוודאי אַ גראַביעזש, עלעהעי גזלנים זיינען דיך באַפאַלן.

ברכה: עלעהעי, דו ביסט אַ לעקיש, ווען איך אַרבעט אין שאָפּ, וואָלט איך זיך ניט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע. אַלע דיינע באָסעס וואָלטן ביי מיר געקייט די ערד.

מאַטל: מעגסט איר גלויבן, פּיניע, ברכה קאָן.

ברכה: דיך, פּיצוויניק, פרעגט מען ניט. (צו דער שוויגער) אַ קינד זאָל זיך דיר אַריינמישן ווען גרויסע ריידן.

פּיניע: נאָך מערער, אַז טאָמער קלאָגסטו זיך און ווילסט ניט לײַדן, סעקט מען דיך פון דזשאָב.

מאַטל: וואָס מיינט סעקן פון דזשאָב?

פּיניע: סעקן פון דזשאָב מיינט אָפּזאָגן פון דער אַרבעט.

מאַטל: פון וואָס נעמען זיך די דאָזיקע ווערטער?

פּיניע: גאַנץ פּשוט. סעקן נעמט זיך פון וואָרט עס עקט זיך — ווי מען זאָגט: ס'עקט זיך מיר דאָס חיות, און דזשאָב איז, אַפּנים, אַ ריין ענגליש וואָרט.

מוטער: אַזוי שטרענג גייט עס צו?

פּיניע: נאָך מערער, די אַרבעטער טאָרן צווישן זיך קיין וואָרט ניט אַרויסריידן. אויב מען דאַרף זיך אויסשנייצן די נאָז, מוז מען זיך אויסשנייצן אין דער שטיל, דער באָס זאָל ניט דערהערן.

ברכה: וואָס זאָגט איר, שוויגער, צו אַזוינע פּאַראַנדקעס, אַז נעכאַי זאָל אים שוין באַפאַלן אַ שנייצעניש און ס'זאָל גאָרניט אויפהערן.

פּיניע: נאָך אַ מעלה האָט אַ שאַפּ, וואָס די פּרעסלעך וואַרעמט מען אָן מיט גאַז. דאָ זאָגט מען ניט קיין גאַז, נאָר געז. ס'הייסט, שטינקען שטינקט דאָס ווי ביי אונדז דער גאַז, נאָר מען טאָר ניט זאָגן גאַז, נאָר געז. אַפּנים, ווען ס'וואָלט ביי אונדז הייסן געז, וואָלט מען דאָ אין אַמעריקע געזאָגט גאַז, ווייל מען האָט ליב צו טאָן פאַרקערט.

מאַטל: פּיניע ווייסט דיר אַלצדינג. ער האָט דעם אמתן קאָפּ אויף זיך.

פּיניע: (ס'טוט אים הנאה) איך בין אַזאַ מענטש, וואָס קאָטאָרי מוז דערגיין דעם שורש פון יעדן וואָרט. אַ גאַנצן טאָג האָט מיך ניט געלאָזט רוען די ווערטער „פּאַנטש דעם קלאַק", ביז וואַנעט איך האָב דאָס געפּאַקט.

ברכה: אַ מדינה אַזאַ מיט אַזוינע טערקישע ווערטער. איך זאָג אייך, שוויגער, ס'האָט זיך טאַקע געלוינט אויסגעריסן ווערן און קומען אין דעם פאַנטשענדיקן לאַנד.

מאַטל: וואָס הייסט פּאַנטשן דעם קלאַק?

פּיניע: אַז מען קומט גאַנץ פרי צו דער אַרבעט, שטופּסטו אַריין דיין קאַרטל מיט דיין נאָמען אויפגעשריבן אין אַזאַ זייגער, גיט דאָס

אַ קלונג און ס׳שרייבט אַליין אָן אויפן קאַרטל, אַז פּיניע פון כתרילעווקע איז געקומען צו דער אַרבעט אין צייט.

מאַטל: פון וואָס־זשע שטאַמען די ווערטער?

פּיניע: פאַנטשן איז אַ ריין ענגליש וואָרט, און קלאַק שטאַמט פון וואָרט גלאָק, ווייל אַ גלאָק קלינגט און אַ זייגער אויך, אָבער נאָר אַ וואַנט־זייגער. אַ סימן האָסטו, אַ קעשענע־זייגערל קלינגט ניט, הייסט דאָס וואַטש.

מאַטל: וואָס עפּעס וואַטש?

פּיניע: ווי דען זאָל דאָס הייסן?

מאַטל: וואַטשעלע.

פּיניע: (ברוגז) פאַרוואָס עפּעס וואַטשעלע, האַ?

מאַטל: אַז אַ זייגער איז אַ זייגערל, דאַרף זיין אַ וואַטש אַ וואַטשעלע.

פּיניע: (אין כעס) דו קטונתילע, האָסט זיך שוין אויסגעלערנט פון דיין ברודער עליען זאָגן אַלץ פאַרקערט?

ברכה: (אָנגעצונדן) און אַז פון זיין ברודער עליען איז וואָס? גע־פעלט דיר שוין ניט דער יחוס?

מוטער: שוין, מען קריגט זיך שוין. לאַנג שטיל געווען.

מאַטל: ברכה, טאָמער עפּעס ניט אַזוי, ציגד זי זיך גלייך אָן ווי אַ שוועבעלע.

ברכה: און דו, ווערגעלעץ, זיי ניט קיין עזות־פּנים, ווייל איך וועל ניט לייגן קיין כבוד אויף דער שוויגער און דיר אַריינפּיצקען ווי אין די אַלטע גוטע צייטן.

מוטער: טשעפּע ניט דאָס קינד.

(עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר און עליע קומט אַריין).

עליע: אַ גוט איוונינג, אַ גוט איוונינג.

ברכה: דו אויך מיטן איווניאַק, טפו צו מיינע שונאימס קעפּ.

מוטער: וואָס ביסטו אַזוי בלאַס?

עליע: מען האָט געגעבן אַ סטרייק.

ברכה: גערופן אַ וואָס?

עליע: אַ סטרייק, אַ סטרייק.

מוטער: ווי איז מיר, וואָס איז דאָס פאַר אַ צרה?

עליע: זיץ איך מיר אַזוי און שטעפּ מיר אויף דער מאַשין און קלער מיר, אַז אימירצעהאַשעם, אַז איך וועל קומען אַהיים, וועל איך אַ בעט טאָן ביי פּיניען ער זאָל מיר אויסרייבן די קריזשעס מיט עסיק, ווייל ס׳שטעכט מיר.

מוטער: ווי איז מיר, זונעניו, וואו שטעכט?

ברכה: ס'איז מסתמא פון זיצן אָנגעבויגן ביי דער מאַשין, אַז שטעכן און ברעכן זאָל דעם באָס דיינעם יעדער ביין און יעדער וואָרצל, און ס'זאָל אים פּאַנטשן אין יעדן אבר בייטאָג און ביינאַכט, און ס'זאָל אים אויך ניט אָפּלאָזן צווישן מנחה און מעריב.

מאַטל: וואָס מיינט פּאַנטשן?

פּיניע: זי מיינט פון וואָרט פּאַנטשן דעם קלאַק.

ברכה: אַז ס'זאָל אים קלאַפּן אין די אויערן יעדע מינוט און יעדע סעקונדע אַלע 24 שעה אין מעת־לעת.

מוטער: ניט דאָ געדאַכט, ווי זי שעלט דאָס אַ יידן.

ברכה: אַזוינע יידן מעגן איינעמען אַ מיתה משונה, אי דאָס זאָראַז.

מאַטל: ברכה קען זיך נאָך בעסער שעלטן. איר האָט זי נאָך ניט געהערט אויף דעם רעכטן אמת.

עליע: דו שטופּסט אויך דיין צונג דאָרט וואו מען דאַרף ניט.

פּיניע: האָסט דאָך דערציילט, עליע, פונעם סטרייק, טאָ דבר ווייטער.

עליע: יאָ, זיך איך מיר אַזוי און קלער, אַז מען וועט דאַרפן אַ בעט טאָן פּיניען, אַז...

פּיניע: דאָס האָבן מיר שוין געהערט, האַק ווייטער —

עליע: וואָס איז אויף דיר דאָס אויסכאַפּעניש? ס'גייט ניט קיין רעגן.

פּיניע: דו, עליע, האָסט אַ מין פּאַסקודנע טבע, אַז דו הויבסט־אָן צו דערציילן אַ זאַך, ציסטו אַרויס די גרגרת ביי מענטשן, מען רעדט צום פּסוק און מען מוטשעט ביט.

עליע: און דו, פּיניע, זאָלסט מיר מוחל זיין, ביסט אַ בהמה, אַ טפּש, אַ פערד, און אַן אייזל.

מאַטל: אַלע פיר זאַכן אינאיינעם?

עליע: און דו, שייגעץ, מיש זיך ניט אַריין, ווען גרויסע ריידן.

ברכה: דאָס יינגל, זאָג איך דיר, וואַקסט אַ ווערגעלעץ. האָסט אים שוין לאַנג ניט געקאַטעוועט.

מוטער: וואָס האָסטו צום קינד?

ברכה: אַ קינד איז דאָס — אַ צאַבוווי.

מאַטל: פּיניע, פון וואָס טאַקע נעמט זיך צאַבוויי?

פּיניע: ס'נעמט זיך פון וואָרט היי, צאַבעי, ווען מען שרייט־אָן אויף אַקסן, זיי זאָלן גיכער לויפן.

ברכה: יאָ, עליע, האָסט דאָך עפּעס געהאַלטן אין דערציילן.

עליע: יאָ, זיץ איך מיר אַזוי ביי דער מאַשין און שטעפּ, ווי עס לויפן אַריין פרעמדע בחורים מיט פרעמדע מיידלעך און גיבן אַ געשריי: — ברידער און שוועסטער אַרבעטער, געגוג שוין גע־שקלאַפּט אונטער אַזוינע שווערע באַדינגונגען; גענוג שוין די נשמה אַרויסגעיאָגט פון זיך. מיר סטרייקן, מיר סטרייקן! — האָב איך שוין פאַרשטאַנען: אַפּנים, אַז דאָס מיינט ווי ביי אונדז אין רוסלאנד אַ זאַבאַסטאָווקאַ.

ברכה: אַ מצוה אויף אים. איך בין זיך אַזוי מחיה. מען וועט גאָר נעמען מענטשן און פאַרמוטשען זיי לעבעדיקערהייט. נעמט עליען, אַשטייגער, ער איז דאָך אַ האַלבער מענטש געוואָרן.

(עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר. משה דער איינבינדער קומט אַריין.)

ברכה: אַ גאַסט, כ׳לעבן, משה דער איינבינדער. מען דאַרף צע־וואַרפן דעם אויוון. זיצט, זיצט, רב משה.

מוטער: זיצט, זיצט, רב משה. וואָס טוט עפּעס פּעסיע?

משה: אַ דאַנק, חזנטע, וואָס זאָל זי טאָן? איך בין געקומען בלויז אויף אַ ווײַלע דיר זאָגן, עליע, אַז פאַרטאָג דאַרפסטו זיך יאַווען צו דער פּיקעט.

ברכה: צו דער וואָס?

מוטער: וואָס איז דאָס שוין ווידער פאַר אַ צרה?

משה: שרעקט זיך ניט. דאָס מיינט, אַז די אַרבעטער וואָס סטרייקן דאַרפן שטיין לעבן שאַפּ און ווייזן דעם באָס, אַז ס׳איז דאָ אחדות ביי די אַרבעטער.

מוטער: עליע, וועסט ניט גיין. איך האָב מורא דו זאָלסט גיין, עליע.

ברכה: ער וועט שוין יאָ גיין. איך וועל אויך מיט דיר גיין. און איר, שוויגער, מעגט אויך מיטגיין. זיך גאָר לאָזן שפּייען אין דער קאַשע. זיי וועלן ביי מיר קייען די ערד, די באָסעס.

מאַטל: פּיניע, פון וואָס נעמט זיך פּיקעט?

פּיניע: אַפּנים, אַז ס׳נעמט זיך פון דעם, וואָס ווען די אַרבעטער וואַרפן די אַרבעט אַוועק און גייען אַרום און סטרייקן, ווערט ביי דעם באָס צעפּיקעט די גאַל.

מאַטל: עליע, נעם מיך אויך מיט אויף דער פּיקעט, איך וויל אויך גיין.

ברכה: נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט: מען זעט שוין באַשיינפּער־

לעך, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ היצל. עליע, דו האָסט אים אַרויסגע־לאָזט פון די הענט.

מוטער: וואָס ווילט איר פון קינד? מיט וואָס האָט ער דאָ חוטא בעגל געווען? ער וויל אויך גיין אויף דער פּיקעט; נעם אים מיט, עליע; זעסט ניט ווי דעם קינד גייט אויס דאָס חיות?

ברכה: שוויגער, איר וועט געדענקען מיינע רייד. אַז איר וועט אים לאָזן קריכן אויפן קאָפּ, וועט ער וועלן זיך דראַפּען אויף דער סטעליע.

מוטער: הלמאי ווילסטו אויך גיין אויף דער פּיקעט?

ברכה: אַ משל איך? אין מיר קאָכט און זידט דאָס בלוט אויף זיי. גיט נאָר אַ קוק, וואָס זיי האָבן געמאַכט, די היצלס, פון אייער זון און פון מיין מאַן. ער איז דאָך שוין אַ קראַנקער מאַן, און דער באָס איז נאָך אונדזערער אַ לאַנצמאַן. אַז לאַנצן זאָל אים אין די אָדערן פון די פּיס, טאַטע זיסער.

מוטער: אַזאַ פּיינער באַלעבאָס געווען אין כתרילעווקע. איך געדענק ווען איך מיט דעם טאַטן, עליו השלום, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער דאָרט האָבן (שנייצט זיך די נאָז), זיינען מיר געגאַנגען צו אים אויף כיבוד, האָט ער אונדז אויפגענומען מיט גרויס רעספּעקט. ער האָט גאָרניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט אונדז: — חזן, פאַרזוכט דעם לעקעך; חזנטע, נעמט נאָך אַ לעפּעלע איינגעמאַכץ.

ברכה: איך קען זיי גוט, די גבירים מיט די פאַלשע געגנגעלעך. ער איז דאָרטן געווען אַ דבר־אחר און איז אין אַמעריקע נאָך אַ גרעסערער.

משה: מען זאָגט יאַקבי, אַז ער האָט געדונגען גענגסטערס, מען זאָל ממיתן די סטרייקער.

ברכה: ער האָט געדונגען וואָס?

משה: גענגסטערס.

מאָטל: וואָס מיינען דאָס גענגסטערס — גנבים?

פּיניע: ערגער פון גנבים.

מאָטל: גזלנים?

פּיניע: ערגער פון גזלנים.

מאָטל: וואָס קען זיין ערגער פון גזלנים?

פּיניע: אַ גענגסטער איז ערגער פון אַ גזלן, וואָרום אַ גזלן איז אַ גזלן, אַ געבוירענע זאַך, און אַ גענגסטער צאָלט מען געלט ער זאָל זיין אַ גזלן.

מאַטל: פון וואָס נעמט זיך דאָס וואָרט גענגסטער?

פיניע: גאַנץ פּשוט. ס׳נעמט זיך פון דעם וואָרט גענגעלע. מען שיקט זיי אַ גענגעלע, זיי זאָלן דערהרגענען אַ מענטשן.

(עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר און מענדל קומט אַריין.)

ברכה: יעמוד, דער לאַשיק איז שוין דאָ.

מוטער: רוף אים ניט לאַשיק. ער איז אויך געבעך אַ יתום, ווי אונדזער מאָטל.

מאָטל: האָ, מענדל, וואָס מאַכסטו, מענדל? מיר סטרייקן, מענדל, ס׳איז גאָרניטאָ קיין בעסער זאַך ווי סטרייקן, מענדל.

משה: ווער איז דאָס בחורל?

מוטער: דאָס איז דער פאַרלוירענער, וועגן וועלכן איך האָב דער־ציילט אייער פּעסיען. ער האָט ניט קיין טאַטע, און זיין מאַמע האָט אים ערגעץ פאַרלוירן אין דייטשלאַנד, און מיר האָבן אים פּרילאַנטשעט.

מאָטל: רב משה, איר קענט מענדלען? ס׳איז דאָך מענדל, וואָס קען ריידן פון בויך. אַ נו, מענדל, רייד פון בויך. לאָז רב משה איינבינדער אויך הערן.

(מענדל האַלט פאַרמאַכט דאָס מויל, אָבער דאָך דערהערט מען ווי פון אַ ווינקל דאָס וואָרט „יאַלדן".)

אלע: אַזאַ שייגעץ.

מאָטל: ער האָט, חלילה, קיינעם ניט געמיינט; דאָס האָט ער אייך נאָר געוואָלט ווייזן ווי ער רעדט פונעם בויך.

משה: נו, מען דאַרף שוין גיין. מיינע קער שוין אַוודאי וואַרטן אויף מיר מיטן סאַפּער. פאַרגעס־זשע ניט, עליע, מאָרגן, אים ירצה השם, כאור הבוקר, דאַרף מען זיך יאווען צו דער יוניאָן און פון דאָרטן וועלן מיר גיין צו דער פּיקעט.

מענדל: (צו מאָטלען) וואַרף זיך נאָר אַרויס פון שטוב, וועלן מיר גיין אויף וויליאַמסבורגער בריק, קוקן אויף די הויכע הייזער.

מאָטל: עליע וועט געבן פּעטש.

מענדל: הער אים ווי דעם קאָטער; קום.

מאָטל: איך קען ניט. מיין עליע סטרייקט. ווייסט כאָטש, וואָס הייסט אַ סטרייק?

מענדל: אַוודאי ווייס איך וואָס הייסט אַ סטרייק, און וואָס ס׳הייסט אַ יוניאָן, און וואָס ס׳הייסט אַ סקעב.

מאָטל: אַ סקעב? וואָס איז דאָס פאַר אַ חיה?

מענדל: ס'איז ניט קיין חיה, אַ סקעב מיינט: ווען אַן אַרבעטער גנבעט זיך אַרויס פון סטרייק און גייט אַרבעטן צום באָס.

מאַטל: אַט דאָס מיינט אַ סקעב? (שפּייט אויס) דאָס מיינט פּונקט ווי אַ פאַרד.

מענדל: אַנומלטן, האָב איך געזען ווי סטרייקער האָבן געשלאָגן אַ סקעב. זיי האָבן אים געשלאָגן אין קאָפּ אַריין מיט די קולאַקעס און געשריען צו אים: געמייַנער סקעב, נאַ דיר!

מאַטל: איך וואָלט אויך געשלאָגן אַ סקעב. אַ סקעב איז אַ מצווה צו שלאָגן. מען מעג אים אַפילו דערהרגענען. ס'איז ערגער ווי אַ מסור, ניין, מענדל?

מענדל: יאָ, מאַטל.

מאַטל: מאָרגן גיי איך מיט עליען און ברכהן צו דער פּיקעט. ברכה זאָגט, אַז זי וועט נאָר קומען אויף דער פּיקעט, וועט זי שוין באַצאָלן אַלע באָסעס וואָס זיי קומט: און מיין ברכה קאָן, מעגסט מיר גלויבן.

מוטער: (צו משהן) אַ גוטע נאַכט. גייט געזונטערהייט. גריסט פּעסיען און דער כאַליאַסטרע.

מאַטל: אַ גרוס הערשלען.

משה: ער הייסט שוין דאָ ניט הערשל. ער הייסט הערי און אַרבעט אין אַ קראָם. האָט שוין מיר נאָך אַמאָל אַ גוטע נאַכט.

מאַטל: גריסט אויך פּיטלען.

משה: פּיטל הייסט שוין דאָ ניט פּיטל. מען רופט אים פּיליפּ. אַ האַלבן טאָג גייט ער אין סקול, און דעם צווייטן האַלבן טאָג העלפט ער אַ פּעדלער צו פאַרקויפן קאַווענעס. גוטע נאַכט.

מאַטל: (צו מענדלען) דאָ הייסט ער שוין פּיליפּ, און מיר האָבן אים גערופן פּייטל נאַשער, ווייל ער האָט גענאַשט לעקאַך, גענאַשט צוקער, גענאַשט יעדע זאַך וואָס איז זיס.

ברכה: שוויגער, גייט פאַרפּראַזשען די קאַשע, און שטעלט־צו פאַר אַקראָפּ, וועלן מיר האָבן צו וואַשן דאָס געפעס.

(מוטער אָפּ.)

פּיניע: אויף געפעס זאָגט מען אין אַמעריקע דישעס.

ברכה: אַ דאַנק דיר פאַר אונטערזאָגן. דישעס. ס'זאָל שוין דעם באָס דיינעם דישן אין האַרצן פאַר דיינע קריזשעס. וואַרט אויס, מאָרגן אויף דער פּיקעט וועל איך אים שוין געבן, אַז ס'וועט ביי אים צעפּיקעט ווערן די גאַל, דעם דבר־אחר. איך גיי אין קלייט אַריין איינקויפן. (אָפּ.)

מאַטל: פּיניע, פון וואָס נעמט זיך דישעס?

פּיניע: הפּנים, ס'נעמט זיך טאַקע פון דעם וואָס ברכה האָט געזאָגט, פון דישן.

עליע: וואָס זאָגסטו, פּיניע, ס'איז רעכט צו לאָזן מיין ברכהן גיין אויף דער פּיקעט?

פּיניע: פאַרוואָס זאָל ניט זיין רעכט? אין דעם לאַנד פון לינקאָלן, וואַשינגטאָן און ראָקעפעלער איז אַלץ רעכט.

עליע: אַהאַ, ביסט שוין אַריינגעפּאַרן מיט דיין לינקאָלן, וואַשינגטאָן און ראָקעפעלער. וואָס האָבן זיי דען צו טאָן מיטן ענין?

פּיניע: זיי האָבן שוין גאָר צו טאָן.

עליע: למשל, כדומה, אַ שטייגער.

(עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר.)

מאַטל: ווער איז דאָרטן?

ישעיה: ס'איז איך, ישעיה־הערשל.

עליע: דער באָס?

פּיניע: עפּעס איז מיר דאָ ניט גלאַט.

עליע: ס'איז נאָך גוט וואָס מיין ברכה איז ניטאָ. זי וואָלט אים שוין באַצאָלט דעם אמתן פּסק. מאַטל, לאָז אים אַריין.

ישעיה: אַ גוט אָוונט אייך, יידן. האַ, פּיניע איז אויך דאָ. שלום־עליכם, פּיניע. גוט וואָס איך האָב דיך געטראָפן, פּיניע.

פּיניע: וואָס איז אַזוי גוט?

ישעיה: וואָס אַרט דיך? וועסט שוין שפּעטער וויסן. דערווייל, גיט מיר אַ בענקל, וועל איך זיך צוזעצן. איך האָב שוין קיין אָטעם ניט. אַזוי פיל טרעפּ געדאַרפט צו אייך אַרויפגיין.

מאַטל: (צו מענדלען) דאָס איז דער פּעמפּיק.

מענדל: וואָס פאַר אַ פּעמפּיק?

מאַטל: עליעס באַלעבאָס. אין כתרילעווקע איז ער געווען אַ סוחר פון מעל און מען האָט אים גערופן ישעיה־הערשל מיטן פּעמפּיק.

ישעיה: דו מיינסט, איך וואָלט געקומען צו דיר? נאָר איז זכות פון דיין טאַטן, עליו השלום, בין איך געקומען צו דיר, אונדז צו לענגערע יאָר, אַ לייטישער מענטש געווען, אַ פיינער ייד, אַ גרויסער בעל־מנגן; איי, איי, אַז ער האָט אַ זאָג געטאָן אַ שטיקל יקום פּורקן, איז געווען אויף חידוש. (גיט אַ זינג אַ שטיקל יקום פּורקן.)

מאַטל: ער האָט אַ קול ווי אַ רוקבעט.

ישעיה: ווער איז דאָס באָיטשיקל?

עליע: ס׳איז מיין קליין ברודערל, מאָטל; איר געדענקט אים ניט פון דער היים, ווען ער איז געווען אַ משורר ביים טאַטן?

ישעיה: אַוודאי געדענק איך. (קוקט זיך אַרום) ס׳וואָלט אָבער געווען גלייכער ער זאָל זיך דאָ ניט געפינען בשעת מיר רעדן.

עליע: ביי מיר אין שטוב איז ניטאָ קיין סודות.

ישעיה: וואָס אַרט דיך, אַז איך זאָג איר זאָלט אים אַרויסשיקן?

עליע: מאָטל, נעם דיר מענדלען און גיי־אַריין אין צווייטן אַלקער.

מאָטל: ראשית, וויל איך ניט גיין אין אַלקער; און צווייטנס, פון וואַנעט וויס איך, אַז מענדל וועט וועלן גיין?

עליע: זיי ניט קיין שייגעץ, ווייל אָט גיב איך פּעטש.

מאָטל: דאָרט וואו ס׳האַלט ביי פּעטש, איז שוין ניטאָ קיין חכמות. קום, מענדל.

(ווינקט צו אים מיט די אויגן, אַקוראַט ווי ער וואָלט עפּעס פאַר־טראַכט. זיי גייען־אַריין אין אַלקער. אָבער באַלד זעט מען ווי מאָטל קריכט אויף אַלע פיר, נאָך אים מענדל, און זיי קריכן־אַרונטער אונטערן טיש, און זיי זיינען דאָרט די גאַנצע צייט וואָס דער געשפּרעך גייט אָן.)

ישעיה: בקיצור, פון סטרייקן וועט דיר, עליע, קיין גוטס ניט אַרויס־קומען. זיי וועלן ביי מיר סטרייקן מיטן קאָפּ אין דער ערד.

מענדל: ער שעלט זיך גאָר, דער פּעמפּיק.

מאָטל: מאָל דיר, אַז מיין שוועגערין ברכה קען זיך שוין בעסער שעלטן.

ישעיה: אָט פאָלג מיך, וועט איר נאָך פאַרדינען אַן איבעריקע פאַר טולער. לאָז פּיניע אויך אַרויפגיין און איך וועל אייך געבן אַ רעיז, מיט צען דאָלער אויף דער וואָך מערער.

עליע: וואָס מיינט איר, מיר זאָלן אַרויפגיין אָן זיי?

מאָטל: אָט אַזוי, עליע, לאָז זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע, ווי ברכה זאָגט.

ישעיה: (טאַמעוואַטע) אָן ווועמען?

עליע: אָן די איבעריקע אַרבעטער. ס׳איז דאָך ניט שיין.

ישעיה: ניט שיין, מאַי אַי; ניט שיין איז, אַז מען האָט ניט וואָס צו קייען.

פּיניע: היתכן, יושר?

ישעיה: יושר, מאַי אַי; יושר איז געבליבן דאָרטן אין יוראָפּ, און אַחוץ דעם, דאָ אין אַמעריקע האָט דער פּרעזידענט פּיינט, אַז מען סטרייקט, מען קען אייך נאָך שיקן צוריק קיין יוראָפּ.

מאָטל: אמת, מענדל?

מענדל: דאָס סטראַשעט ער שוין די געגנדז אויפן בוידעם.

פּיניע: זעט איר, רב ישעיה־הערשל, דאָס האָט איר שוין במחילה, אַ טעות. אין דעם לאַנד איז דאָ אַ קאָנסטיטוציע, פאַרשטייט איר מיך — לינקאָלן, וואַשינגטאָן, ראַקעפעלער, אי טאָמו פּאָדאָבנע.

ישעיה: איך גיב אייך ניט קיין פּעני פאַר דער קאָנסטיטוציע. איך וויס בעסער; איך בין שוין לענגער פון אייך אין אַמעריקע. מען האָט אַנומעלטן אַרויסגעשיקט הונדערט פאַמיליעס דערפאַר וואָס זיי האָבן געוואָלט סטרייקן.

מאָטל: (צעזינגט זיך אין דער שטיל) שכל דבריו שקר וכזב.

ישעיה: טאָ לאָזט־זשע אייך דינען.

עליע: וואָס זאָגסטו, פּיניע?

פּיניע: מען דאַרף זיך מישב זיין.

ישעיה: וואָס מיר מישב זיין, דאָ אין אַמעריקע איז האָרי אַפּ.

מאָטל: האָרי וואָס?

מענדל: ס׳הייסט: ניט געטראַכט.

פּיניע: ניין, רב ישעיה הערשל, אַזאַ זאַך דאַרף מען זיך פריער אי־בערלייגן.

עליע: וואָס הייסט, רב ישעיה־הערשל, טאָן אַזאַ זאַך? ס׳וועט דאָך זיין ברודער קעגן ברודער.

ישעיה: אין אַמעריקע איז דער בעסטער גוטער ברודער דער טולער.

(מאָטל שטרעקט אויס אַ פוס און וויל אים דערלאַנגען אין קני אַריין.)

מענדל: פּאַוואָליע, וועסט אים נאָך אַ שטורכע טאָן.

מאָטל: אָט דאָס טאַקע וויל איך טאָן. אַזאַ טרעלבוד וועט גאָר מאַכן מיין ברודער פאַר אַ סקעב.

מענדל: מען וועט דאָך אויסגעפינען וואו מיר זיינען.

מאָטל: דאָס ביסטו גערעכט.

פּיניע: ניין, מיר מוזן זיך גוט מישב זיין. מיר מוזן דעם ענין גוט באַטראַכטן.

מאָטל: (שפּייט אָן ישעיה־הערשלען אויפן שוך), טפו זאָלסטו ווערן, דו מיאוסער פּעמפּיק.

עליע: פּיניע איז דאָס מאָל גערעכט. מיר דאַרפֿן זיך מישב זיין.

ישעיה: אַלרייט, איך קום שפּעטער נאָך אַן ענטפער, אָבער איך זאָג איך, זייט ניט קיין גרינהאָרנס. (אָפּ)

עליע: וואָס־זשע זאָגסטו, פּיניע?

פּיניע: וואָס־זשע זאָגסטו, עליע?

עליע: וואָס זאָל איך זאָגן? ס׳איז אַ האַרבער ענין.

פּיניע: יאָ, ס׳איז אַ האַרבער ענין. מען דאַרף עס גוט צעקייען.

עליע: מיינסט אַז סטרייקן איז אַזוי גוט? ערשט געפונען אַרבעט, און דאָ די מאַמע און מאָטל אויף מיין קאָפּ.

מאָטל: עליע טראַכט שוין אויס, אַז איך זיץ אים גאָר אויפן קאָפּ. איך בין קיינמאָל ניט געזעסן אים אויף זיין קאָפּ.

פּיניע: אָבער פון דער צווייטער זייט, אויב ס׳איז טאַקע אמת, אַז מען שיקט צוריק קיין יוראָפּ די וואָס סטרייקן, איז דאָך זייער ניט פויגלדיק.

עליע: איך זאָל אַזוי וויסן פון אַ בייזער וועטשערע, וואָס מען הויבט דאָ אָן צו טאָן.

פּיניע: אויב עס האַלט טאַקע ביים צוריקשיקן, וועט מען מוזן זיך אונטערגעבן. עלעהעי מען נעמט דיך פאַר אַ סאָלדאַט.

מאָטל: עלעהעי דו ביסט אַ לעקיש.

עליע: יאָ, פּיניע, דו ביסט גערעכט, עלעהעי ס׳איז אַזאַ גזירה.

מאָטל: עלעהעי ביסט אויך אַ לעקיש.

פּיניע: אָבער מען מוז זען, אַז ברכה זאָל זיך ניט דערוויסן פון דעם, ווייל זי איז להרוג ולאבד אויף ישעיה־הערשלן דערפאַר ווייל ס׳שטעכט דיך אין די קריזשעס.

עליע: יאָ, פּיניע, איך האָב פאַרגעסן. איידער דו גייסט אַהיים וועסטו מיר גוט אויסרייבן די קריזשעס מיט עסיק.

פּיניע: איך וועל דיר אויסרייבן; אָבער ניט אין דעם גייט דאָס: ווי אַזוי מאַכט מען, אַז ברכה זאָל ניט וויסן?

עליע: גאַנץ פּשוט. זעץ זיך ביים פענצטער און קוק אַרויס אין גאַס און אַז דו וועסט אים דערזען, לויף אַרויס צו אים.

פּיניע: גוט וואָס דער קטונתי איז ניטאָ. איך מיין מאָטלען. ער וואָלט דאָס זיכער גלייך אָפּגעטראָגן צו ברכהן.

מאָטל: אוי, מענדל, איך חלש.

מענדל: וואָס איז?

מאַטל: גראַדע איצט בייסט מיר די גאַז, און איך וויל אַ ניס־טאָן, אַז איך גיי־אויס. איך גיי אויס.

מענדל: האַלט זיך איין, מאַטל.

מאַטל: ס׳איז גוט צו זאָגן האַלט זיך איין, אַז העפּציו! (ער צעניסט זיך. עליע און פּיניע גיבן זיך אַ כאַפּ אין שרעק, אָבער זיי בלייבן זיצן פּאַרזיכטיק.)

פּיניע: האָסט אויך געהערט דאָס וואָס איך?

עליע: דו מיינסט אַ ניס?

פּיניע: אָט דאָס מיין איך טאַקע.

עליע: זאָל דאָס זיין מאַטל?

פּיניע: אַ משל, שוטה וואָס דו ביסט. ווי קען דאָס זיין מאַטל, אַז מאַטל איז גאָר אין אַלקער?

עליע: אָט דאָס טאַקע וואָס ס׳איז מיר אויך קשה. ווי קען דאָס זיין מאַטל, אַז מאַטל איז גאָר אין אַלקער? (אַרונטערבויגנדיק דעם קאָפּ) נו, אַוודאי, שייגעץ איינער, קריך אַרויס פון אונטערן טיש.

מאַטל: איך וועל ניט אַרויסקריכן.

עליע: קריך־אַרויס, זאָג איך דיר.

מאַטל: אַז דו וועסט מיך ניט שלאָגן, וועל איך אַרויסקריכן. (עליע שלעפּט אים אַרויס און וויל זיך נעמען צו אים, אָבער פּיניע רופט אים אַוועק אין אַ זייט און שושקעט זיך עפּעס מיט אים.)

עליע: (נאָך אַלץ שטרענג) אָנהערגענען וואָלט מען דיך געדאַרפט פאַר אַזאַ זאַך ביז בלוט זאָל שפּריצן. דאָס מאָל שענק איך אָבער דיר, נאָר מיט אַ תנאי.

מאַטל: וואָס איז דער תנאי?

עליע: אַז פּתח שין שאַ.

מאַטל: וואָס מיינסטו פּתח שין שאַ?

עליע: איך מיין, אַז אַלץ וואָס דו האָסט דאָ געהערט איז באַגראָבן ביי דיר ווי אין אַ קבר. קיין וואָרט ניט וועגן דעם צו ברכהן. גייסט־איין אויף דעם תנאי?

מאַטל: אַ ברירה האָב איך? אָבער איך וויל ניט האָבן קיין ברודער קיין סקעב, ווייל אַ סקעב איז נאָך ערגער פון אַ פאַרך.

עליע: וואָס זאָגסטו, פּיניע, צו מיין בראַטאָק? ערשט אַ פּאָר וואָכן אין אַמעריקע, און שוין זיך אויסגעלערנט ריידן קעגן אַן עלטערן ברודער. קיין וואָרט זאָלסט מיר וועגן דעם ניט דערמאָנען ברכהן,

דו הערסט? ווייל ס׳וועט זיין אַז אַך־און־ווי צו מענדלען און צו דיר.

ברכה: (קומט אָן, קוקט מיט חשד אויף מאָטלען) וואָס שטייט ער מיר עפּעס ווי אַ גזלן?

עליע: ער איז שוין דער אמתער שייגעץ, וואָס אַרט דיך.

ברכה: אַז דו לאָזט אים אַרויס פון די הענט.

פיניע: (הויבט אָן צו פּאַכן) ס׳איז מיר עפּעס דושנע געוואָרן מיט־אַמאָל. איך וועל צוגיין אַביסל צו דער ווינדאָו.

ברכה: זאָג ניט ווינדאָו, האָב איך דיר געבעטן. איך האָב דאָס וואָרט פיינט ווי חזיר. קענסט ניט זאָגן ווי אַ מענטש — פענצטער? אַז ווינד־און־ווי זאָל זיין צו אים.

מאָטל: צו וועמען, ברכה?

ברכה: צום באָס, דעם כלב.

עליע: קיין יידן טאָר מען ניט שעלטן.

ברכה: איך שעלט אים דען? איך ווינטש אים נאָר צו, אַז ס׳זאָל מיט אים וואָרפן העכער די העכסטע הייזער, וואָס געפינען זיך אין נעוויאָרק.

מאָטל: דו מיינסט יענע הויז וואָס האָט 52 גאָרן?

ברכה: איך מיין, אַז דו ביסט מיר צופיל באַריידעוודיק היינט, און אַז אַ קליין ייִנגל דאַרף שווייגן ווען גרויסע ריידן. אָט גרייט איך באַלד צום טיש, וועלן מיר זיך זעצן עסן ברעקפעס.

עליע: דו זאָגסט ניט גוט. סאָפּער דאַרפסטו זאָגן.

ברכה: נאַ טשטאָ מעני דאַברע זאָגעלע, אַבי דאַברע מיינעלע.

מאָטל: (צו מענדלען) וואָס טוט מען; ווי אַזוי לאָזט מען וויסן וועגן דעם ברכהן?

מענדל: וואָס גייט דיר אין לעבן אַריין לאָזן וויסן?

מאָטל: וואָס מיינסטו, איך וועל דערלאָזן אַזאַ שאַנדע?

מענדל: טאָ אויב אַזוי, דערצייל ברכהן.

מאָטל: נו און די פּעטש פון מיין ברודער עליען, האָסטו שוין פאַרגעסן?

מענדל: טאָ דערצייל־זשע ניט.

מאָטל: נו, און אַ סקעב אַ ברודער איז עפּעס שיין צו האָבן?

מענדל: טאָ דערצייל־זשע יאָ.

מאָטל: טאָ דערצייל־זשע יאָ; דערצייל־זשע ניט. מען קען זיך מיט דיר קיין עצה ניט האַלטן. איך וועל בעסער זיך אַן עצה האַלטן

מיט ברכהן. ברכה, ברכה. ברכה. (ברכה מאַכט אים אַוועק מיט דער האַנט) ברכה, איך וויל דיר עפּעס זאָגן.

ברכה: וועסט מיר זאָגן אַן אַנדערש מאָל. איך האָב איצט קיין צייט ניט. דאַרף דערלאַנגען די וועטשערע.

מאָטל: ס׳איז זייער נויטיק.

(עליע סטראַשעט מיטן פינגער.)

ברכה: (דערזעענדיק וואָס עליע טוט, פאַרדעכטיקט זי עפּעס) זאָג, זאָג, מאָטעלע.

עליע: ווייס איך וואָס ער וועט דיר דאָרט אָנפּלאַפּלען. גרייט בעסער צום טיש. איך בין שטאַרק הונגעריק.

ברכה: ס׳וועט פון דיר ניט אַנטלויפן. דערצייל, מאָטעלע. אַ שווע־גערין דאַרף מען אַלץ דערציילן.

מאָטל: איך וועל דיר בלויז זאָגן, אַז איך האָב עליען ערשט געגעבן ס׳וואָרט, אַז איך וועל דיר גאָרניט דערציילן.

ברכה: וואָס מיינסטו, געגעבן ס׳וואָרט? און וועגן וואָס געגעבן ס׳וואָרט, און וואָס עפּעס אַ נייעס? אַרויס אויף אַ מינוט פון שטוב, און שוין, ס׳טוט זיך. דערצייל, מאָטל.

מאָטל: איך קען ניט.

ברכה: קענסט יאָ.

מאָטל: ניין, איך קען ניט, עליע וועט מיר געבן פּעטש דערפאַר.

ברכה: זאָל איך שטאַרבן, עליע, אויב דו וועסט אים אָנרירן מיט אַ פינגער. ס׳וועט זיך טאָן חושך, זאָג איך דיר. דערצייל, מאָטל.

מאָטל: איך קען נאָך אַלץ ניט; איך האָב געגעבן מיין וואָרט.

ברכה: עליע, גיב אים אָפּ צוריק זיין וואָרט, זאָג איך דיר; ווייל דו וועסט ביי מיר האָבן אַ וויסטן סוף.

עליע: איך גיב אים אָפּ צוריק זיין וואָרט.

מאָטל: דער פּעמפּיק איז דאָ געוועזן.

ברכה: אַ וואָסער פּעמפּיק? רעד קלאָרע דבורים.

מאָטל: ישעיה־הערשל.

ברכה: ישעיה־הערשל, אַ קלאָג צו מיינע שונאים. וואָס האָט ער געוואָלט?

מאָטל: ער האָט געוואָלט, אַז פּיניע און עליע זאָלן ניט סטרייקן און אַרויפגיין צו דער אַרבעט.

ברכה: וואָס־זשע האָבן זיי געזאָגט:

מאַטל: זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן זיך מישב זיין.

ברכה: נו, האָבן זיי זיך מישב געווען?

מאַטל: יאָ.

ברכה: אַז וואָס?

מאַטל: אַז זיי הערן־אויף צו סטרייקן.

ברכה: עליע, מען דאַרף דיר געבן קייען שטרוי.

מאַטל: פאַרוואָס?

ברכה: ווייל ער איז אַ בהמה.

מאַטל: און פּיניע?

ברכה: און פּיניע איז גלאַט אַ פערד. עליע, דו גייסט מיר מאָרגן אויף דער פּיקעט, זאָג איך דיר. דו הערסט, עליע? אויף דער פּיקעט מיט מיר צוזאַמען, און לאָמיר זען, אַז דו ווערסט זיך אויסדרייען; ס׳וועט דיר שוין גאָרניט פעלן. און דו, פּיניע, וואָס האָסטו זיך אַנידערגעזעצט ביים פענצטער ווי אַ גלאָמפּ? גיי אַהיים צו דיין טייבעלעך, און זאָג איר פון מיינעטוועגן, אַז דו ביסט אַ פערד.

מאַטל: ער זיצט ביים פענצטער, ווייל ישעיה־הערשל דאַרף באַלד אָנקומען.

ברכה: ישעיה־הערשל?

פּיניע: אוי־ווי, ער גייט דאָך טאַקע. (וויל זיך לאָזן לויפן צו דער טיר.)

ברכה: וואוהין לויפסטו דאָס אַזוי הענדום־פּענדום? שטיי דאָ, שווי־גער, דערלאַנגט מיר דאָס טעפל מיט דער געזאָטענער וואַסער.

מוטער: (ברענגט אַריין דאָס טעפל) נאָך וואָס דאַרפסטו גאָר האָבן די וואַסער?

ברכה: וואָס אַרט אייך?

(ס׳הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר.)

ברכה: קומט־אַריין, קומט־אַריין.

ישעיה: (לאָזט זיך אַריינגייען. ברכה גיט אַ פליוך אויף אים דאָס וואַסער, ישעיה מאַכט געוואַלדן) יידן, ראַטעוועט, זי האָט מיך אָפּ־געשרפעט!

ברכה: וועסט שוין וויסן ווי צו מוטשען מענטשן, זיי ניט צאָלן פאַר קיין אָווערטאַים, זיי אַפילו ניט לאָזן זיך אויסשנייצן די נאָז; דו גראָבער פעמפּיק דו! ס׳זאָל אַ רוח אין דיינע טריפהנע קישקעס!

מאַטל: איך האָב דיר געזאָגט, מענדל, אַז מיין ברכה קען. איצט גלויבסטו מיר שוין? (פאָרהאַנג)

די ברוגזע מומעביילע

(איינאַקטער)

אַנטיילנעמער:

די מומע ביילע — אַ קלייגינקע, עטוואָס פּאַנפּעוואַטע, אַ דאַריגקע, זייער אַ ספּריטנע און אַ לאַווקע, אַלט אַ יאָר פערציק.

פעטער וועלוול — איר מאַן, אַ הויכער, אַ ביינער־דיקער.

כלהם שוועסטערל — אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכט.

איר חברטע — אין די זעלבע יאָרן.

מרים — דער מומע ביילעס שוועסטער, אַ פולבלעכע, אַ הויכע, אַלט אַ יאָר 45.

בדחן, חתן, כלה, דערציילער, קלעזמער און מחותנים.

(דורך דער גאַנצער צייט פון דער שפּיל הערט מען דאָס שפּילן פון קלעזמער אויף אַ חתונה. צייטנווייז — קוים וואָס מ׳הערט און צייטנווייז גאַנץ נאָענט. איידער דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, הערט מען קוים דאָס שפּילן פון די קלעזמער.)

דערציילער: אַי, מיין מומע ביילע, מיין מומע ביילע! איר האָט מסתמאָ אויך געהאַט אַזאַ מומע ביילע — און אויב ניט אייערע, איז זי געווען עמיץ אַנדערנס אַ מומע. יעדעס ייִדיש שטעטל האָט שוין געהאַט אַזאַ מומע ביילע. (עס הערט זיך איצט דייטלעכער דאָס שפּילן פון די קלעזמער.) עס איז איצט אַ ייִדישע חתונה אין שטעטל. אויף אַ פּאָר גאַסן פון דאַנעט איז דאָס יונגוואַרג פון שטעטל זיך אַנ־געלאָפן פון אומעטום און באַלאַגערט דעם העל־באַלויכטענעם שאַלאַש, וואו מ׳פּראַוועט איצט אסתרס חתונה. אסתר איז דאָס טעכטערל פון דער מומע ביילעס שוועסטער; אָבער זי, די מומע ביילע, איז דאָרטן ניטאָ. זי זיצט איצט ביי זיך אינדערהיים אין אירע יום־טובדיקע קליי־דער און זי איז ברוגז.

די גאַנצע משפּחה ווייסט שוין, אַז ביי יעדער חתונה פון אַן אייגע־נעם, ברוגזט זי זיך אַן נאָך דער חופּה און זי ווערט ערגעץ בעלם. שאַט, דאַכט זיך, אַז עמיצער קומט זי איבערבעטן.

וועלוול: (קומט אַריין אַביסל בגילופנדיק. די מומע ביילע בלאָזט זיך אָן, פאַרדרייט דעם קאָפּ אָן אַ זייט.)

וועלוול: ביילע, קום צו דער חתונה. דו פאַרשעמסט דאָך די כלה, דיין אייגענע פּלימעניצע! (ביילע שוויגט און רירט זיך ניט פון אָרט. וועלוול גיט זי אַ צי ביים אַרבל, מיט געבעט) נו, ביילע, קום שוין, הער זיך שוין אויף צו מאַכן נאַריש.

ביילע: (ציט אויף זיך אַרויף נאָך מער בייזקייט) טשעפּע זיך אָפּ פון מיר, איך בין ברוגז!

וועלוול: (צום עולם) זי איז ברוגז, גיי טו איר עפּעס! מ׳האָט איר דאַכט זיך, דאַרט אָפּגעגעבן אַלע כיבודים... (מיט אַ גמרא־ניגון) פירן די כלה צו דער חופּה צוזאַמען מיט איר שוועסטער מרים — האָט זי, ביילע, ניט קיין אַנדערע; זיך צעקושן די ערשטע מיט דער כלה נאָך דעם ווי דער חתן האָט צעבראָכן דאָס קידוש־גלעזל — האָט זי, ביילע, ניט קיין אַנדערע... (צו ביילען) האָט מען דאָך דיר אָפּגעגעבן אַלע כיבודים — היינט וואָס־זשע האָסטו זיך פּלוצלונג אָנגעבלאָזן און ניט געסטייעט?

ביילע: (דרייט זיך שאַרף אויס צו וועלוולן) וואָס האָסטו זיך צו־געטשעפּעט צו מיר? וואָס ווילסטו האָבן פון מיין לעבן?

וועלוול: (צום עולם) זי איז נאָך גערעכט! (טוט זי ווידער אַ צי ביים אַרבל) נו, קום, ביילע, קיינער האָט דיך דאַרט ניט געקריוודעט, פאַרקערט, דו האָסט דאָך עס אַליין געזען...

ביילע: גיי, גיי דיר. ווער האָט דען נאָך דיר געשיקט? (צום עולם) באַגלייך עמיצער האָט געשיקט נאָך אים... (מ׳הערט איצט דייטלעך דאָס שפּילן פון אַ שער.)

וועלוול: מ׳טאַנצט שוין דאַרט אַ שער; דו הערסט כאָטש?

ביילע: זאָל מען דאַרט טאַנצן וואָס מ׳וויל — ווען אַרט עס דען!

וועלוול: אָבער אָן דיר — איז מיט וועמען וועל איך דאַרט טאַנצן אַ שער? סיידן מיט עפּעס אַ פרעמדער יידענע דאַרט...

ביילע: נעם דיר, נעם דיר דאַרטן אַ פרעמדע יידענע. (צום עולם) אַט כאַפּט מען אים דאַרט אויס, די וואַזשנע מציאה!

וועלוול: אָבער אַ פרעמדע יידענע קאָן דאָך אָבער ניט טאַנצן

אַזוי שיין ווי דו... מענטשן שטייען דאָך קאָפּ אויף קאָפּ צו זען דיך טאַנצן... פאָלג מיך,ביילע, קום צוריק.

ביילע: איך גיי ניט, איך בין ברוגז!

וועלוול: (גיט זיך אַ גלעט די באָרד) נו, מילא... (עפנט די טיר אַרויסצוגיין, עס דערהערט זיך דאָס ראַשיקע שפּילן פון אַ שער. וועלוול גייט ווידער צו צו ביילען, גיט זי אַ גלעט איבערן אַרבל) נו, ביילע, אפשר פּאָרט?

ביילע: (צום עולם) האָט איר שוין אַמאָל געזען אַזאַ יידן!

וועלוול: (רעזיגנירט) נו, זעט מען דאָך שוין!... (דאָס שפּילן פון דער שער צענעמט אים הפנים, טוט ער זיך אַביסל אַ צעוויג און האַלב־טאַנצנדיק, האַלב־גייענדיק, שלייכט ער זיך אַרויס פון הויז. די טיר בלייבט אָפן, דאָס שפּילן פון דער שער הערט זיך גאַנץ דייט־לעך. די מומע ביילע בלייבט זיצן אַ ברוגזע, אָבער דאָס שפּילן לאָזט זי ניט רואיק איינזיצן. זי גייט צו צו פאַרמאַכן די טיר, אָבער ביי דער שוועל ווערט זי ווי פון זיך אַליין אַריינגעצויגן אין דעם שפּילן פון דער שער און זי הויבט זיך אָן צו באַוועגן ווי אין אַ טאַנץ. זי כאַפּט זיך אָבער וואָס זי טוט און טוט אַ פאַרהאַק די טיר און בלייבט ווידער זיצן ביים טיש אַ ברוגזע.)

דערציילער: און דאָס וואָס דער פעטער וועלוול האָט געזאָגט, אַז עס איז אַ מחיה צו קוקן אויף דער מומע ביילען ווען זי טאַנצט איז גאָרניט קיין גוזמא. ווי קליין און דאַר זי איז — גייט זי אָבער אַרויס אין אַ טאַנץ, רירט זי ממש ניט אָן די ערד מיט אירע פיס... אָבער איצטער איז זי ברוגז — און זי ווייסט דווקא וואָס זי וויל... זי האָט זיך איר קאַפּריז און זי וועט עס אויך אויספירן... זי ווייסט, אַז מ׳וועט באַלד שיקן עמיץ אַנדערן ווי דעם פעטער וועלוול זי איבערבעטן... די פראַגע איז — וועמען וועט מען שיקן... אויב מ׳וועט שיקן אַבי וועמען, וועט זי זיך ניט אונטערגעבן... דער מומע ביילעס אויערן ווערן מיטאַמאָל וואַך, זי הערט זיך צו צום דרויסן. דאַכט זיך, אַז עמי־צער גייט...

(עס עפנט זיך די טיר און עס קומען אַריין דער כלהס שוועסטערל מיט איר חברטע, זיי האַלטן זיך ביי די הענטלעך, זיי גייען ווי זיי וואָלטן אונטערגעטאַנצט. די מומע ביילע זיצט אַ ברוגזע און קוקט זיך אַפילו ניט אום אויף די מיידעלעך.)

כלהס שוועסטערל: (שיסט אויס מיט אַ דין קולכל) דער חתן

מיט דער כלה האָבן אייך געלאָזט בעטן צו דער חתונה.

חברטע: יאָ, דער חתן מיט דער כלה האָבן אייך געלאָזט בעטן צו דער חתונה.

ביילע: גייט זאָגט דעם חתן מיט דער כלה, אַז איך בין ברוגז.

כלהם שוועסטערל: אָבער, מומע ביילע, די מאַמע האָט געזאָגט, אַז איך זאָל זיך ניט דערוועגן קומען צוריק אָן אייך.

ביילע: נשקשה, זי וועט זיך באַדרייען אָן מיר, די מאַמע דיינע, אויף דער חתונה.

כלהם שוועסטערל: מומע ביילע, וואָס האָט איך דען מיין מאַמע חס וחלילה געטאָן?

ביילע: ווער זאָגט דען, אַז זי האָט מיר עפּעס געטאָן... זי האָט מיר באָך געדאַרפט טאָן!...

כלהם שוועסטערל: אָבער, מומע ביילע, וואָס זאָל איך זאָגן דער מאַמען?...

(די מומע ביילע דרייט זיך אויס צו זיי מיטן רוקן און שוויגט אַ פאַרכמורעטע. די מיידעלעך בלייבן שטיין, קוקן אויף איר און ווייסן ניט וואָס צו טאָן.)

דערציילער: (צום עולם, ווי ער וואָלט איינגערוימט אַ סוד) קינדער האָט די מומע ביילע גראָדע זייער ליב, ווייל זי אַליין איז נעבעך אַ געשטראָפטע, אַ בעזדיטניצע. און ווען אַ קינד קומט אַמאָל אַריין צו איר אין הויז, באַלאָדט זי עס מכל טוב. — אָבער איצטער... איר זעט דאָך...

כלהם שוועסטערל: נו, מומע ביילע...

ביילע: (טוט זיך אַ הויב מיט גרויס כעס. זי טוט אַ פּאַטש אויף די מיידעלעך מיט איר קלייד, ווי מ׳צעטרייבט הינדעלעך) אַהיים, פּיסקליאַטעס!

(די מיידעלעך, טאַקע ווי הינדעלעך, דערשרעקן זיך און לויפן שנעל אַרויס.)

ביילע: (צום עולם) קוקט נאָר אָן, כ׳בעט אייך, ווען מ׳שיקט מיך איבערבעטן!... (זעצט זיך צוריק ביים טיש אַ ברוגזע.)

דערציילער: (צום עולם, שפּאַסיק) טאַקע, זעט נאָר ווען מ׳האָט געשיקט זי איבערבעטן...

(עס הערט זיך איצט ווי די קלעזמער שפּילן אַ כשר־טאַנץ. די מומע ביילע קאָן קוים איינזיצן אויף איר אָרט און זי הויבט זיך אָן

באַוועגן זיצנדיק אין ריטם פון טאַנץ. ניט וויסנדיק אַליין וואָס זי טוט, הויבט זי זיך אויף, אונטערהויבנדיק איר חתונה־קלייד, שטרעקט זי אויס איר האַנט מיט אַ פאַטשיילע און הויבט אָן צו טאַנצן קעגן אַ כלומרשט־עמיצן מיט גרויס פאַנטאַזיע אין אַ וואונדערלעכן ריטם. פלוצלונג דערהערן זיך גיכע טריט פון דרויסן. זי רייסט איבער דעם טאַנץ אין גרויס דערשרעק. זי לויפט צו צום בענקל און בלייבט זיצן אין אַ ברוגזער פּאָזע.)

מרים: (לויפט אַריין מיט אַ פּנים פול מיט טענה) אַ טייערע שוועסטער ביסטו מיר!... ס'ערשטע קינד פיר איך צו דער חופּה... (זי זאָגט מער גאָרניט און קוקט אויףביילען מיט גרויס פאַרוואורף. ביילע קוקט אויף איר האַלב־שולדיק און האַלב־פאַרעקשנט.)

מרים: (נאָך אַ לענגערער פּויזע) און פאַרוואָס? פאַר ווען? וואָלט מען געזאָגט, אַז עמיצער האָט חלילה אָנגערירט דיין כבוד!... איז ווי נעמט עס אַ מענטש און סטייעט דיר ניט אונטער דער האַנט, ניט מיר, ניט דיר. (אויפגערעגט) הער־זשע מיך אויס, ביילעניו, דו מיינסט טאַקע אויף אַן אמת, אַז איך וועל זיך פאַר דיר אויסשטרעקן אויף דער ערד?... קוק עס נאָר אָן, כ'בעט דיך! (לויפט אַרויס פון הויז.)

(די טיר איז געבליבן אָפן. איצטער הערט מען שוין ניט דאָס שפּילן פון די קלעזמער. די מומע ביילע, אַן אומעטיקע, גייט צו צו דער אָפע־נער טיר. אין גאַס איז שטיל. עס הערט זיך בלויז דאָס קוואַקען פון זשאַבעס. אַ טרויעריקע זעצט זיך די מומע ביילע אַוועק אויף אַ קליין פוס־בענקעלע ביי דער וואַנט, אַ שטאַרק־דערשלאָגענע.)

דערציילער: אַצינד איז די מומע ביילע טאַקע אויף אַן אמת ברוגז; אַצינד האָט זי שוין אַ רעכט דערצו — נאָך דעם ווי איר שוועסטער מרים האָט זי גערופן „ביילעניו" און איר געזאָגט: „קוק עס נאָר אָן"... אַ, אַ, דאַכט זיך, אַז די מומע ביילע וויינט. יאָ, זי וויינט טאַקע: הפּנים פון רחמנות אויף זיך אַליין וויינט זי.

ביילע: (ווישט די נאָז, רעדט צו זיך אַליין מיט אַ וויינענדיק קול) ווער דאַרף דען האָבן אַ מומע ביילע אויף דער חתונה? — אַ קליינער שיינדלינג פאַר חתן־כלה... שוין טאַקע געוועזן גלייכער, וואָס איך בין פון דאָרט אַוועק... (זי הערט אויף צו וויינען און שאָקלט מיטן קאָפּ הין און צוריק מיט גרויס צער. פלוצלונג ווערן אירע אויערן וואַך. פון דער גאַס דערטראָגט זיך דאָס שפּילן פון די קלעזמער, וואָס קומט אַלץ נעענטער. עס דערהערן זיך ביי דער טיר טריט און געלעכטער.

די מומעביילע ווישט אויף גיך אויס די אויגן. זי הויבט זיך אויף פונעם פוס־בענקעלע און זעצט זיך שנעל איבער אויפן גרויסן בענקל ביים טיש, פאַרריכט זיך דאָס זיידענע טיכל אויפן קאָפּ און בלייבט זיצן אַ וואַזשנע און אַ ברוגזע.)

וועלוול: (לויפט אַריין אַ פריילעכער) הפנים, ביילע, אַז דאָס האָסטו געוואָלט.

ביילע: (אין כעס) וואָס האָב איך געוואָלט?

וועלוול: ווערסט שוין באַלד זען... וואָס אַרט דיך...

כלהס שוועסטערל: (לויפט אַריין מיט איר חברטע, זיי האַלטן זיך ביי די הענט און שרייען אויס): דער חתן מיט דער כלה האָבן אונדז געשיקט זאָגן, אַז זיי קומען איך איבערבעטן... די מומע ביילע קוקט זיך אויף זיי ניט אום, בלייבט זיצן אַ ברוגזע.)

(עס קומען אַריין די קלעזמער, דער בדחן, חתן־כלה. אין די אָפענע פענצטער זעט מען די קעפּ פון אַ סך מחותנים.)

בדחן: (שטעלט זיך ארויף אויף אַ בענקל, פאַרקאַטשעט די אַרבל און הויבט אָן צו זאָגן גראַמען מיטן בדחן־נוסח):

דער חתן מיט דער כלה
האָבן מיר געהייסן זיך טוען פאַרזאַמען,
און קומען צו דיר זאָגן, אשה ביילע,
מיינע שענסטע גראַמען.

ווייל מה סוף אנוש דער מענטש
אויב ניט אַ הייפעלע שטויב;
און פוסט איז דער כבוד,
און פוסט איז די לויב.

ווייל מה אנוש דער מענטש —
און זיין לעבן אינגאַנצן;
אויב ניט צו טאָן
שיינע מידות פאַרפלאַנצן.

און די שענסטע מידה איז דאָך
אהבה־ליבשאַפט — ניט ברוגז,
וואָס קיינעם טוט עס ניט קיין גוטס,
און קיינעם טויג עס.

און דעריבער האָבן מיך געשיקט
חתן־כלה דיר זאָגן:
הויך־געשעצטע, אשה־ביילע,
אַז דו ביסט ביי זיי פאַרקערט —
לעילאָ ולעילאָ...

איז אַי־אַי, און אַי־טאָם־טאָס,
איז אַי־אַי, און אַי־טאָם־טאָם,
טירע־דירע־ראָס,
שפּילט־זשע, קלעזמאָרימלעך,
דעם שיינעם וויוואַט
פאַר דער מומע ביילען,
פון חתנס צד.

(אין דער צייט, וואָס די קלעזמאָרים שפּילן דעם וויוואַט, זיצט נאָך אַלץ די מומע ביילע אַ ברוגזע. עס קומען צו איר צו דער חתן מיט דער כלה.)

כלה: (מיט אַ ציטער אין איר קול) מומע ביילע, וואָס זענט איר ברוגז?

חתן: (שעמעוודיק) אסתרל, זאָל לעבן, ערגערט זיך אַזוי שטאַרק.

כלה: האָב איך, מומע ביילע, קעגן אייך חלילה געטאָן עפּעס אַ קרומע זאַך?

חתן: אסתרל, זאָל לעבן, האָט דאָך אייך אַזוי ליב. שטענדיק באַרימט זי זיך פאַר מיר מיט איר מומע ביילען.

כלה: ווי אַזוי וועל איך קענען קוקן מענטשן אין די אויגן, אַז די מומע ביילע וועט ניט זיין ביי מיין חתונה?

חתן: אסתרל, זאָל לעבן, האָט דאָך אַפילו ניט געוואָלט פאַרזוכן די גאָלדענע יויך...

כלה: איר געדענקט, מומע ביילע, וואָס איר פלעגט מיר אַלעמאָל

זאָגן: אַז איך בין ביי אייך די באַליבטסטע פּלימעניצע — איז פאַרוואָס־זשע קומט עס מיר, אַז ביי מיין חתונה זאָלט איר נעמען און גאָר ווערן ברוגז?

ביילע: (ווערט גוואַלדיק גערירט; איר פּנים, אי ס׳שיינט, אי ס׳וויינט, זי גיט זיך מיטאַמאָל אַ הויב פון בענקל און פאַלט אַרויף מיט אַ געוויין דער כלה אויפן האַלדז) אסתרקע קרוין, ווער איז ברוגז? ווער קאָן עס זיין ברוגז אויף אַזאַ בת־מלכה ווי דו?! דו שיינסט דאָך ווי די זון! מ׳קאָן דאָך ניט אַריינקוקן אין דיין ליכטיקן פּנים ווי אין דער זון!...

(דער פּויקער טוט אַ זעץ אין דער פּויק און אין די טאַצן. די קלעזמער הויבן אָן צו שפּילן דעם ברוגז־טאַנץ. דער עולם מאַכט אַ וואַרע. די מומע ביילע, אַ פאַרוויינטע, מיט אַ שיינענדיק פּנים, הויבט אונטער וואַזשנע איר קלייד און גיט זיך אַ לאָז אין אַ זייט פלינק און גראַציעז און הויבט אָן צו טאַנצן אַנטקעגן דער כלה. דער עולם אין שטוב און ביי די פענצטער פּליעסקעט צו מיט די הענט און זינגט):

אַט־אַזוי, אַט־אַזוי,
בעט מען איבער אַ מומען,
אַט־אַזוי, אַט־אַזוי,
בעט מען איבער אַ מומען.

די כעלמער חכמים

(אַ פאָלקס־שפּיל)

אָנטײלנעמער:

רעב ברוכל, דער כעלמער רב.
גדליה װײזנפרײד, דער גרעסטער חכם
אברהם רײכמאַן, דער גרעסטער נגיד
רעב אהרון, דער גרעסטער אָרעמאַן.

דערצײלער: (הינטערן פאָרהאַנג) פון זינט כעלעם איז אַ שטאָט אין מדינת פוילן לעבן דאָרטן די ײדן אין אײן שרעק — גנבים. דאָס נעמט זיך נאָך פון דער צײט װאָס מ'האָט בײ זײ אַרויסגעגנבעט די לבנה פון אַ פעסל װאַסער. ס'איז אַן אַלעמען־באַקאַנטע מעשה, און איך װיל זי אײך דאָ ניט איבערדערצײלן. זײ האָבן זיך אַפילו געשראָקן, אַז מ'קאָן נאָך חס וחלילה בײ זײ אױך אַרויסגנבענען די נײַע שול, װאָס זײ האָבן אױפגעבױט מיט אַזױפיל מי. אָבער אַדאַנק רעב גדליה װײזנפרײד, אײנער פון די גרעסטע כעלמער חכמים, האָט מען זיך גלײך באַװאָרנט קעגן דעם. און רעב גדליהס עצה איז געװען זײער אַ פשוטע: מ'האָט בעמלעך אָנגעשריבן מיט גרױסע רױטע אותיות אינדרױסן אױף דער טיר: „זע השול שײך לכעלם" — דאָס הײסט, די דאָזיקע שול געהערט צו כעלם. פאַרשטײט איר דאָך, אַז קײן שום גנב מיט אַביסעלע שכל װעט ניט גײן גנבענען קײן שול מיט אַזאַ אױפשריפט, װאָס קאָן אים גלײך באַגראָבן. אָבער מיט װאָס איך װיל אײך איצט אַזױ שטאַרק באַקענען, איז ניט אַזױ מיט די כעלמער חכמים, װי מיטן טײערן און װאונדערלעכן רעב ברוכל. ער איז ניט אַזױ פשוט װי ער װעט זיך אײך אױסדאַכטן פון אױבנאױף; ס'איז דאָ טיפקײט אין אים. יאָ, דער טײערער און װאונדערלעכער רעב ברוכל, אַן אױס־געמוטשעטער און שטענדיק אַ ניט־אױסגעשלאָפענער צו ליב די פילע אסיפות, װאָס זײנען געהאַלטן געװאָרן אין כעלם. און אין כעלם, דאַרפט איר װיסן, ציט זיך אַן אסיפה גאַנצע זיבן טעג און זיבן נעכט — און אַמאָל נאָך מער. איצטער, בשעת איך רעד צו אײך, קומט אױך פאָר אַן

אסיפה ביים כעלמער רב אין הויז. עס איז צוליב דעם גנב, וואָס האָט זיך באַוויזן אין שטאָט, און צוליב דעם שלאָפן ניט די כעלמער קרעמער ביינאַכט און זיי היטן זייערע קראָמען. ווען זיי האָבן אָבער געזען, אַז זיי קומען שיעור ניט אום פון ניט שלאָפן ביינאַכט, האָבן זיי גערופן אַן אסיפה.

(ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, זעט מען דעם חדר מיוחד פון דעם רב רעב ברוכל. ער זיצט אויף אַ שטול אויבנאָן, אויף אַ מין באַלע־מערל, אַ גוואַלדיק אויסגעבלאָסטער, מיט זיין מאָגערער האַנט אויפן שטערן און ער טראַכט. אונטן, אויף דער רעכטער זייט פון באַלעמערל, זיצט אין אַ שטול דער גרעסטער כעלמער גביר, רעב אברהם רייכמאַן, אַ פעטער ייד, זיין האַנט איז אויך אויפן שטערן און ער טראַכט אויך. אויף דער לינקער זייט פון באַלעמערל זיצט רעב גדליה ווייזנפרייד, דער גרעסטער כעלמער חכם, אַ מאָגערער ייד, זיין האַנט איז אויך אויפן שטערן און ער טראַכט אויך. ביים פענצטער זעט מען אַ סך פנימער און עס הערט זיך פון דאָרט דאָס בייזע מורמעלן פון אַ סך קולות. עס עפנט זיך די טיר.)

אהרון:(דער גרעסטער כעלמער אָרעמאַן, די צעריסענע קאַפּאָטע פאַרבונדן מיט אַ שטריק, אַ באָרוועסער) רבי, דער עולם איז שוין מיד. שוין דער זיבעטער מעת־לעת און מ׳איז נאָך צו קיין גוטער עצה ניט געקומען.

רבי: (ליבלעך) זאָג זיי, רעב אהרון, מ׳זאָל האָבן געדולד. יידן דאַרפן האָבן געדולד. מיט גאָטס הילף וועלן מיר זיך באַלד דערטראַכטן צו דער גוטער עצה.

(אהרון וויל זיך שוין לאָזן צום פענצטער, ער שטעלט זיך אָבער אָפּ, ווייל גדליה הויבט אָן צו ריידן און ער הערט זיך צו.)

גדליה: מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב עס...

אהרון: (טו אַ פּראַל אויף דאָס פענצטער מיט פרייד) רעב גדליה האָט עס שוין!

עולם: (ביים פענצטער, מיט פרייד) רעב גדליה האָט עס שוין!

(אהרון טוט אַ פאַרמאַך דאָס פענצטער.)

גדליה: (גלעט זיך זיין שיטער בערדל) יאָ, איך וואונדער זיך נאָר וואָס מיר האָבן געדאַרפט טראַכטן אַזש זיבן טעג און זיבן נעכט... די זאַך איז דאָך אַזוי פשוט: מיר, די קרעמער, האָבן מורא, אַז דער גנב זאָל אונדז חלילה באַגנבענען — ניט אמת?

אברהם: אמת, אמת.

גדליה: איז מיין עצה: מיר זאָלן דינגען אַ מענטשן און מיר זאָלן אים גוט באַצאָלן און ער זאָל זיין דער שומר און אונז היטן ביינאַכט די קראָמען, וועלן מיר אַלע קרעמער קאָנען רואיק שלאָפן.

אהרון: אַ קלוגע עצה, כ'לעבן. (טוט אַ פּראַל־אויף דאָס פענצטער) יידן, ס'איז שוין דאָ די עצה: — דינגען אַ שומר צו היטן די קראָמען.

עולם: (אין פענצטער) קלוג, קלוג, זייער קלוג. (אהרון פאַרהאַקט צוריק דאָס פענצטער, שטעלט זיך לעבן גדליהס שטול.)

אברהם: יאָ, אָבער וואו וועלן מיר נעמען אַ שומר? ווער אין כעלם וועט וועלן זיין אַ שומר?

גדליה: דער שומר וועט זיין רעב אהרון.

אברהם: גערעכט, כ'לעבן, רעב גדליה. (צו אהרונען) דו וועסט זיין דער שומר.

אהרון: (דערשראָקן) איך? פאַרוואָס איך? איך וויל ניט זיין קיין שומר. איך האָב מורא פאַר גנבים.

אברהם: (מיט אַ בייזער) אַן אָרעמאַן געבעך אַ גרויסער, מיט אַכט קינדערלעך, זאָלן לעבן, ביסטו, אהרון, — ניט אמת?

אהרון: אמת, אַזוי האָט מסתמא גאָט געוואָלט.

אברהם: וועלן מיר דיר באַצאָלן גוטע שכירות, וועסטו קאָנען מפרנס־זיין דיין משפחה בכבוד און ניט דאַרפן אָנקומען צו דער שטאָט.

אהרון: יאָ, אַלץ איז טאַקע גוט, אָבער איך האָב מורא ביינאַכט איינער אַליין אין דער פינצטער — און אַ גנב איז דאָך אַ בייזער מענטש.

גדליה: נאַרעלע, דו דאַרפסט ניט מורא האָבן פאַרן גנב; דער גנב וועט גאָר מורא האָבן פאַר דיר. די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז אַ גנב האָט שטענדיק מורא פאַר דעם יעניקן, וואָס היט אים.

אברהם: הכלל, דו וועסט ווערן אונזער נאַכט־שומר. מסכים?

אהרון: אויב נאָר דער גנב וועט מורא האָבן פאַר מיר, בין איך מסכים.

גדליה: ער וועט מורא האָבן.

אברהם: (זייער צופרידן מיט זיך) הייסט עס, מיט גאָטס הילף, האָבן מיר (גיט זיך אַ גלעט איבער בויך) געפונען די גוטע עצה, און מיר קאָנען שוין שליסן די אסיפה. וואָס זאָגט איר, רעב גדליה?

גדליה: יאָ, איך זאָג אויך אַזוי, רעב אברהם; אָבער וואָס וועט אונזער רבי, זאָל לעבן, זאָגן?

רבי: וואָס זאָל איך זאָגן, רבותי? אַ שטיקל שכל איז דאָ דערביי, אין דער עצה מיטן שומר. אָבער בייַנאַכט, ווייסט די וועלט, איז דאָך קאַלט, און נאָך אום ווינטער — און רעב אהרון קאָן זיך נאָך חלילה פאַרקילן, און פון אַ פאַרקילונג, רחמנא לצלן, קאָן מען נאָך, די שעה זאָל ניט זיין, אַוועקגיין פון דער וועלט — איז ווי קאָנען מיר דער־לאָזן, אַז צוליב אונז זאָל אַ ייד בעבעך אַוועקגיין פון דער וועלט און זיין ווייב זאָל חלילה בלייבן אַן אלמנה, און זיינע אַכט קינדערלעך יתומים חלילה. (אהרון ציטערט, ווי ער וואָלט זיך שוין טאַקע פאַר־קילט.)

אברהם: איז דאָך ווידער ניט גוט.

גדליה: וואָס־זשע טוט מען, רבותי? (זעצן זיך ווידער אַנידער טראַכטן, יעדער איינער מיט דער האַנט אויפן שטערן. דער עולם ביים פענצטער ווערט אומגעדולדיק. עס הערן זיך אויסרופן: „נו, שוין... אַן עק זאָל עס נעמען!")

אהרון: (עפנט דאָס פענצטער) שאַ זאָל זיין, זיי טראַכטן.

עולם: (איינער צום אַנדערן) שאַ זאָל זיין, זיי טראַכטן. (אהרון פאַרהאַקט צוריק דאָס פענצטער.)

גדליה: (אַ פריידיקער) איך האָב עס נאָך אַמאָל, רבותי!

אברהם: אדרבאַ, לאָמיר הערן.

גדליה: איך וואונדער זיך נאָר וואָס ס'איז מיר ביז אַהער ניט איינ־געפאַלן. מיין עצה, רבותי, מ'זאָל אויפנייען אהרונען דעם שומר, הייסט עס, אַ שאָפענעם פעלץ.

אהרון: (אַ דערפרייטער) אוי, אַ שאָפענעם פעלץ! טאַקע אַ קלוגע עצה, כלעבן.

אברהם: (ברוגז) ניין. ס'איז ניט קיין קלוגע עצה. וואָס הייסט אַן אָרעמאַן זאָל טראָגן אַ שאָפענעם פעלץ, ווי די גבירים, להבדיל?

גדליה: (בייז) וויפיל אַזעלכע גבירים טראָגן שאָפענע פעלצן ביי אונז אין כעלם אַ חוץ איך, רעב אברהם? — און איר זענט דאָך דער איינציקער.

אברהם: אָט טאַקע צוליב דעם. — ווייל ווי אַזוי וועט די שטאָט דערקענען ווער ס'איז איך און ווער ס'איז אהרון?

גדליה: איז צו דעם, רבותי, אויך דאָ אַן עצה: מ'נעמט דעם שאָ־פענעם פעלץ און מ'נייט אים אויף אַזוי, אַז דער פוטער זאָל זיין איינ־דרויסן.

אברהם: אַ קלוגע עצה, כ׳לעבן. וואָס דענקט דער רבי, זאָל לעבן?

רבי: יאָ, עפּעס אַ שכל איז דאָ דערביי, — אָבער אַז מ׳זאָל גוט אַ טראַכט טאָן איז די מעשה, אַז אויב דער פּוטער וועט זיין אינדרויסן, קאָן נאָך אַ וואָלף, רחמנא לצלן, אָננעמען רעב אהרונען פאַר אַ שעפּס און אים חס וחלילה פאַרצוקן.

אהרון: (דערשרעקט זיך און ציטערט אויף) בררר... בררר...

גדליה: איז ווידער דאָ אַן עצה דערצו, רבותי: מ׳זאָל קויפן אַ פערד און אַוועקזעצן רעב אהרונען אויפן פערד, וועט שוין אַ וואָלף וויסן, אַז ער איז ניט קיין שעפּס.

אברהם: אַ קלוגע עצה, כ׳לעבן. וואָס דענקט דער רבי, זאָל לעבן?

רבי: יאָ, עפּעס אַ שכל איז דאָ דערביי, אָבער אַז מ׳זאָל עס גוט באַטראַכטן, קאָן נאָך חס וחלילה דעם פערד איינפאַלן אַ מחשבה זיך צעלויפן, פאַרטראָגן רעב אהרונען אַרויס דער שטאָט צו די ליים־גריבער, אים דאָרטן אַראָפּוואַרפן און, רחמנא לצלן, אים ברעכן רוק־און־לענד. (אהרון ציטערט אויף.)

גדליה: איז ווידער דאָ אַן עצה דערצו, רבותי: זאָל מען נעמען דאָס פערד מיט אהרונען און אים צובינדן מיט אַ שטריק צו אַ סלופּ.

אברהם: אַ קלוגע עצה, כ׳לעבן. וואָס זאָגט דער רבי דערצו?

רבי: וואָס זאָל איך זאָגן? עפּעס אַ שכל איז דאָ דערביי — נאָר וואָס־זשע דען: ס׳וועט זיך גלייך אָנהויבן אַ גרויסע מחלוקת אין שטאָט: איין קרעמער וועט זאָגן: „זאָל מען צובינדן דאָס פערד מיטן שומר לעבן מיין קראָם”; אַ צווייטער וועט זאָגן: „ניין, צו מיינער.” — און אַז יידן קריגן זיך, ווערט דער שטן־מקטרג ביי זיך זייער שטאַרק.

אברהם: איז וואָס־זשע טוט מען?

גדליה: דאַרף מען ווידער טראַכטן. (דער עולם ביים פענצטער ווערט אומגעדולדיק. אהרון עפנט דאָס פענצטער.)

עולם: נו, שוין, אַן עק זאָל דאָס נעמען.

אהרון: שטיל זאָל זיין, מ׳טראַכט.

עולם: (מיט רעספּעקט) מ׳טראַכט, מ׳טראַכט. (אהרון פאַרהאַקט דאָס פענצטער.)

גדליה: איך האָב עס ווידער: כדי ס׳זאָל ניט קומען צו קיין מחלוקת ביי יידן!...

אברהם: נו? נו?

גדליה: נו, וועלן מיר נעמען דאָס פערד מיטן שומר און אים צובינדן צום סלופּ לעבן דער באָד.

אברהם: ניין, רעב גדליה, עס געפעלט מיר ניט אייער עצה. די באַד איז דאָך וווייט פון די קראַמען, באַזונדערס פון מיין קראָם — איז ווי אַזוי וועט דער גנב וויסן, אַז אהרון היט מיין קראָם?

גדליה: איז צו דעם ווידער דאָ אַ גוטע עצה: זאָל דער שומר, דאָס הייסט, אהרון, שרייען אַ גאַנצע נאַכט לעבן דער באָד: „גנבים, מ׳היט איידָ, גנבים, מ׳היט אייך!״

אברהם: זעט איר, רעב גדליה, דאָס מאָל איז עס שוין איינמאָל אַן עצה! וואָס זאָגט איר, רעב ברוכל?

(דער רבי, אַ שטאַרק אויסגעמאַטערטער, האָט איינגעדרעמלט.)

רבי: (כאַפּט זיך אויף מיט דערשרעק) אַ, וואָס האָט איר געזאָגט, רעב אברהם?

אברהם: אַז אהרון זאָל שרייען אַ גאַנצע נאַכט: „גנבים, מ׳היט אייך, גנבים, מ׳היט אייך!״

רבי: (פריילעך) קלוג, קלוג, גאָר קלוג, אַ דאַנק דעם השם יתברך. (צעגעגנעצט זיך) און איצטער קאָן מען זאָגן, אַז אונזער שטאָט איז געראַטעוועט פון גנבים. האָט־זשע מיר אַלע אַ גוטע נאַכט און זאָל אייך דער אויבערשטער בענטשן.

אַלע: אַ גוטע נאַכט, רבי.

רבי: גייט בשלום.

(אַלע דריי, אברהם, גדליה און אהרון קומען אַרויס פון דער הויז. עס הערן זיך קולות פון עולם: „נו, נו?״ עס הערן זיך אויך שטימען פון רעב אברהם און רעב גדליה. מ׳הערט ניט קלאָר וואָס זיי ריידן, מ׳פאַרשטייט אָבער, אַז זיי גיבן איבער דעם באַשלוס. עס הערן זיך פריידיקע אויסגעשרייען פון עולם: „קלוג, גאָר קלוג!״ (דורכן פענצטער זעט מען ווי דער רבי רעב ברוכל דרעמלט איין אויף זיין שטול זיס און תמימותדיק.)

(פאָרהאַנג)

צווייטע סצענע

דערציילער: און די שטאָט כעלם האָט טאַקע ניט מורא געהאַט פאַר קיין גנבים. איז געקומען די נאַכט, זיינען די קרעמער געשלאָפן רואיק און אַלצדינג איז צוגעגאַנגען כשורה. אָבער איין מאָל, גראָדע אין אַ לבנה־נאַכט, דאַרף זיך טרעפן אַ צרה... אָבער פאַרוואָס זאָל איך אייך פאַרלויפן דעם וועג?...

(ווען דער פאַרהאַנג הויבט זיך אויף איז פאַרטאָג. רעב ברוכל דרייט זיך אויף זיין געלעגער, ווייל יעדעס מאָל וואָס ער וויל איינדרעמלען, דערהערט זיך דעם שומרס זייער דערשראָקן קול: „גנבים, מ׳היט אייך, גנבים, מ׳היט אייך! איך, רעב אהרון, זיץ אויף אַ פערד לעבן דער באָד און היט אייך.״ אויף אַ מינוט ווערט שטיל, און דער רבי דרעמלט איין — אָבער באַלד הערט זיך ווידער אהרונס קול: „גנבים, איך היט אייך...״)

רבי: (הויבט זיך אויף) אַך, אַך, מ׳קאָן בשום אופן ניט שלאָפן. נו, פאַרוואָס־זשע זאָל איך מבטל־זיין מיין צייט? (ער גיסט אָפּ נעגל־וואַסער, צינדט אָן אַ ליכט, נעמט אַרויס אַ גמרא, צעשאָקלט זיך און ברומט אונטער אַ ניגון. דער פאַרטאָג הויבט דערווייל אָן אַריינצו־שיינען אין די פענצטער, העכער צעקרייען זיך. פלוצלונג דערהערן זיך אַ סך טריט און צאָרנדיקע קולות. דער רב, אַ צעשראָקענער, לויפט צום פענצטער, רעב אברהם און רעב גדליה לויפן אַריין אין די שלאָף־רעק און שטעק־שיך.)

אברהם: (מיט אַן אומגליקלעך פנים) גוואַלד, רבי, מ׳האָט אונז אויסגעליידיקט די קראָמען!

גדליה: מ׳האָט אונז בדיל־הדל געשטעלט.

רבי: אָבער איך האָב דאָך אַ גאַנצע נאַכט געהערט רעב אהרונען שרייען: „גנבים, מ׳היט אייך!״

גדליה: זעט איר דאָך!...

רבי: (מיט גרויס צאָרן) גיכער זאָל מען מיר ברענגען דעם פושע, דעם עוכר. איך וועל אים שוין ריכטיק מקיים־פּסק־זיין. (מ׳פראַלט אויף די טיר און מיט קולי־קולות שטופּט מען אַריין דעם אומגליקלעכן אהרונען אין דעם שאַפּענעם פעלץ מיטן פוטער איבדרויסן.)

רבי: (בייז) וואָס פאַר אַ שומר ביסטו, אַז דו האָסט געלאָזט גנבים באַגנבענען כעלם?

אהרון: (טרויעריק) רבי, איך בין ניט שולדיק. גאָט איז מיין עדות, אַז איך בין ניט שולדיק.

אברהם: וואָס הייסט ניט שולדיק? עס איז דאָך געווען אַ לבנה־נאַכט און דו האָסט געקענט זען פונווייטנס, אַפילו פון דער באָד.

אהרון: (וויינענדיק) יאָ, רעב אברהם, איר זאָלט מיר לעבן און געזונט זיין, די נאַכט איז טאַקע געווען אַ לבנה־נאַכט — און אַזאַ לויטערע לבנה... ווי פלוצלונג דערזע איך, ווי גנבים גנבענען זיך צו די קראָ־

מען — אָבער וואָס האָב איך געקענט טאָן מער ווי שרייען, „גנבים, מ׳היט איידז!״

גדליה: האָסטו דאָך געקאָנט צעטרייבן דאָס פערד, זיך אַ יאָג־טאָן צו די קראָמען און פאַרטרייבן די גנבים!

אהרון: איר האָט שוין פאַרגעסן, רעב גדליה, איר זאָלט מיר גע־זונט און שטאַרק זיין, אַז דאָס פערד איז געווען צוגעבונדן צום סלופּ?

אברהם: נעמט מען און מ׳בינדט עס אָפּ.

אהרון: האָב איך דאָך מורא געהאַט, אַז דאָס פערד קאָן זיך נאָך צעלויפן און מיך פאַרטראָגן צו די ליים־גריבער, און מיר ברעכן רוק־און־לענד.

גדליה: האָסטו דאָך געקענט אַראָפּשפּרינגען פון פערד און לויפן פאַרטרייבן די גנבים.

אהרון: אָבער מיין שאָפּענער פּעלץ איז דאָך מיטן פוטער אַרויף.

אברהם: און דערימעך...

אהרון: האָט מיך דאָך אַ וואָלף געקאָנט אָננעמען פאַר אַ שעפּס.

גדליה: האָסטו דאָך געקענט אַראָפּוואַרפן דעם פּעלץ.

אהרון: אין אַזאַ קאַלטער נאַכט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם פּעלץ?

אברהם: האָסטו דאָך געקענט שרייען: „געוואַלד יידן, מ׳באַגנבעט איידז!״ — וואָלטן מיר געווען זיך אויפגעכאַפּט און געלאָפן פאַרטרייבן די גנבים.

,אהרון: אָבער, רעב אברהם, איר זאָלט מיר לעבן און געזונט זיין, איר האָט מיך בפירוש געדונגען, אַז איך זאָל אייך ניט אויפוועקן, כדי איר זאָלט קאָנען שלאָפן רואיק ביינאַכט.

גדליה: תירוצים האָט ער גענוג.

אברהם: ס׳קומט דיר, אַז מען זאָל דיך צעררייסן ווי אַ הערינג.

רבי: ניט מיט כעס, רבותי. כעס פּאַסט ניט פאַר יידן. און וואָס שרייט איר אויף אים? רעב אהרון איז דאָך טאַקע ניט שולדיק — פאַרקערט: ער האָט גאָר געטאָן אַלץ ווי מיר האָבן מיט אים אָפּגע־רעדט. על פּי יושר קומט אים גאָר אַ הוספה... ער איז נעבעך אַ גרויסער אָרעמאַן מיט אַ ווייב און אַכט קינדערלעך, זאָלן אים לעבן און געזונט זיין; און פון די שכירות וואָס מיר צאָלן אים, מישטיינס געזאָגט...

אברהם: (אין כעס) נאָך אים געבן אַ הוספה דערפאַר וואָס מ׳האָט אונז באַגנבעט?!

גדליה: (אין אַ פּליסטער) אַז אונזער רבי רעב ברוכל זאָל לעבן זאָגט אַ הוספה, דאַרף מען אים געבן אַ הוספה, אַז ניט וועט ער דאָך ניט וועלן זיין קיין רבי ביי אונז אין כעלם; מ'וועט אים נאָך אויסכאַפּן קיין וואַרשע...

אהרון: (בויגט זיך פאַרן רבין) אַ הייליקער מענטש, אַן אמתער צדיק... (אברהם און גדליה בויגן זיך אויך פאַרן רבין. רעב ברוכל באַמערקט עס אָבער ניט. ער איז אַריינגעטאָן מיט די אויגן אין דער גמרא, ער שאָקלט זיך און ברומט זיך אונטער זיס און פרום אַ ניגונדל).

עקספּראָפּריאַציע

פון

שלום-עליכם

אינסצענירט פון

כאַווער-פּאַווער

נאַראַטאָר: קאַסרילעווקע האָט פון תמיד אָן באַכגעטאַנצט אַדעס; נאָר פון זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן די בהלות, טרעט קאַסרילעווקע ניט אָפּ פון אַדעס אויף קיין האָר: אין אַדעס אַ סטרייק — אין קאַס־רילעווקע אַ סטרייק; אין אַדעס אַ פּאָגראָם — אין קאַסרילעווקע אַ פּאָגראָם; אין אַדעס קאָנסטיטוציע — אין קאַסרילעווקע קאָנסטיטוציע; אין אַדעס עקספּראָפּריאַציע — אין קאַסרילעווקע עקספּראָפּריאַציע. בקיצור: ס׳איז אַוועק אין קאַסרילעווקע אַ סדרה עקספּראָפּריאַציע, איינע שרעקלעכער פון דער אַנדערער. ניט איין קאַסרילעווקער נגיד האָט זיך געטראַכט, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט מען זיך אין אים דער־מאָנען און קומען אים דערציילן די מעשה ווי גאָט האָט געבאָטן; זיי האָבן הפּנים געפילט, אַז קאַסרילעווקער אָרעמעלייט טראָגן אויף זיי דאָס ריכטיקע האַרץ.

(ערשטע סצענע)

(קאַנצעלאַריע וואו מ׳טיילט אָדער מ׳דאַרף אויסטיילן מעות־חטין).

ערשטער ייד: וואָס רעדט איר וואָס? בנימין לאַסטאָטשקע? — יענער איז דאָך דער גרעסטער נגיד אין קאַסרילעווקע!

צווייטער ייד: ס׳רעדט זיך אַזוי! מיט וואָס איז ער עפּעס ביי אייך דער גרעסטער נגיד?

ערשטער ייד: (ווי אַן אָפּגעבריטער) אַ משל! ערשטנס האָט ער דאָך די רייכסטע מחותנים אויף דער גאַנצער וועלט און והשנית...

צווייטער ייד: (שלאָגט אים איבער) עט, די מחותנים זייַנען זייַנען שוין איצט ניט אַזוי רייך ווי זיי זייַנען אַמאָל געווען.

ערשטער ייד: פונדעסטוועגן, ווען מיר בײדע פאַרמאָגן וואָס יענע

האָבן שוין פאַרלוירן, וואָלטן מיר אפשר אויך ניט געדאַרפט אָנקומען צו מעות־חטין.

צווייטער ייד: מאָלט אייך, אָנקומען צו אַ רייכן מחותן, איז אויך ניט אַזאַ זיס שטיקל ברויט, מחמת דאָס רוב רייכע מחותנים זיינען, איר זאָלט מיר מוחל זיין, גרויסע חזירים...

ערשטער ייד: פונדעסטוועגן איז רעב בנימין לאַסטאָטשקע פאָרט דער גרעסטער נגיד אין קאַסרילעווקע! אַז מ׳דאַרף אַמאָל אַ טובה, צו וועמען גייט מען — צו בנימין לאַסטאָטשקע!

צווייטער ייד: און אַז מ׳גייט איז וואָס? — העלפט ער אייך אַרויס מיט אַ קרעכץ!

ערשטער ייד: גוט איז אויך דאָס. וואָס־זשע אַ קרעכץ גייט ביי אייך עפּעס צו־פוס?

צווייטער ייד: ווייסיך וואָס, וואָס טויגן מיר אייערע פוסטע דבורים? מיר דאַכט זיך, אַז מיר זיצן דאָ אינגאַנצן אומזיסט. איר האָט דאָך געהערט וואָס די נגידים טענהן, אַז אין קאַסרילעווקע זיינען היינטיקס יאָר פאַראַן מער מעות־חטין נעמער ווי געבער.

ערשטער ייד: איר ווילט מיר זאָגן, אַז מ׳וועט היינטיקס יאָר ניט געבן קיין מעות־חטין?

צווייטער ייד: איך וויל אייך זאָגן? איר זאָגט דאָך אַליין.

ערשטער ייד: ווען האָב איך געזאָגט?

צווייטער ייד: נו, האָט איר ניט געזאָגט! נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דער נגיד אייערער, רעב בנימין לאַסטאָטשקע, באַהאַלט זיך פון אונדז אויס. לאָמיר בעסער גיין אַ קוק טאָן וואו ער איז ערגעץ, דער נגיד אייערער?

ערשטער ייד: מיין נגיד, אַ נייע מעשה!

נאַראַטאָר: מאָדנע מענטשן די קאַסרילעווקער יידן! טויזנטער יאָרן זיינען אַוועק זינט זייערע עלטער־עלטער זיידעס האָבן זיך באַפרייט פון מצרים, קאָנען זיי זיך עד היום ניט אָפּגעוואוינען פון עסן מצות אַכט טעג נאָכאַנאַנד. אַ גאַנץ יאָר ווערט אַ קאַסרילעווקער ייד געשוואָלן פון הונגער, און קומט פּסח, מעג זיך איבערקערן די וועלט, מוז ער זיך פאַרזאָרגן מיט מצות. עס איז נאָך ניט געווען דער פאַל, אַז אַ ייד זאָל שטאַרבן פּסח פון הונגער. און טאָמער מאַכט זיך אַמאָל אַזאַ פאַל, דאַרף מען אים פאַרשרייבן אויפן חשבון פונעם יאָר. דאָס הייסט: ער איז געשטאָרבן ניט חלילה דערפאַר וואָס ער האָט ניט

געהאַט די אַכט טעג פּסח קיין מצה, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין חמץ אין די 357 טעג פון אַ גאַנץ יאָר. עס איז, פאַרשטייט איר מיך, אַ גרויסער אונטערשיד.

(צווייטע סצענע)

(אין דערזעלבער קאַנצעלאַריע. עס קומט אַריין בנימין לאַסטאַטשקע, נאָך אים די פריערדיקע צוויי יידן).

לאַסטאַטשקע: אַז ס'איז ניטאָ קיין געלט, אויסגעגאַנגען — האָט קיין פאַראיבל ניט! ניטאָ!

צווייטער ייד: אוי־וואָ! אַ גרויסער צער בעלי חיים אויף רעב בנימין לאַסטאַטשקע; ער מוז נעבעך יעדן איינעם אָפּזאָגן. איך, ווען איר קוילעט מיך, וואָלט איך עס בשום אופן ניט געקענט טאָן. נו, ניטאָ! איז דאָך ניט שייך צו ריידן! איז דערלעבט־זשע אונדז, רעב בנימין פייגעלע, כ'מיין, לאַסטאַטשקע, איבער־אַיאָר, און זאָל דער אויבער־שטער העלפן, אַז ווען איר וועט אַט ירצה השם קומען צו אונדז, זאָלן מיר אייך יאָ קענען געבן מעות חטין. (ביידע יידן אָפּ).

(עס קומען אַריין שמואל־אבאַ פינגערהוט, נאָך אים זיין חברה באַלמעלאָכעס).

פינגערהוט: גאָספּאָדין לאַסטאַטשקע, דאָ שטייען פאַר אייך דער ראַבאָטשי נאַראָד. דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס זיינען געקומען זיך אָנ־נעמען די קריוודע פון אָרעמען נאַראָד, וואָס האָט שוין פאַרקויפט פון זיך דאָס לעצטע העמד. מיר טרעבעווען אַז איר זאָלט זיי געבן מעות חטין אי ביעז ביקאָקיך!

לאַסטאַטשקע: האָט קיין פאַראיבל ניט... אייערע רייד זיינען אַרויסגעוואָרפן. ערשטנס קענען מיר ניט פאַרזאָרגן אַלע אָרעמעלייט; צווייטנס, פאַר פּסח האָט יעדער ייד געקענט געפינען וואו צו פאַרדינען אויף פּסח, דריטנס, זיינען פאַראַן מער נעמערס ווי געבערס און פערטנס — וואו זאָלן מיר אייך נעמען: ניטאָ מער קיין צעבראָכענער גראָשן אין קאָסע. איר גלויבט אפשר ניט? נאָט, זעט! (קערט איבער די קע־שענעס).

פינגערהוט: זשאַל, וואָס איר האָט ניט אָנגעהויבן פונעם סוף, וואָלט איר פאַרשפּאָרט טראַטיען אַזויפיל דוך פּאַנאַפּראַסנאָ, ווייל מיר גלויבן אייך אַלציינס ניט. איצט וועל איך אייך וואָזראַזשאַיען אויף אַלע אייערע

וויוואַדן: ערשטנס, וואָס איר קענט ניט פאַרזאָרגן אַלע אָרעמעלייט — קיינער בעט עס ניט פון אייך. מיר טרעבעווען, אַז איר זאָלט געבן וואָס ס׳קומט זיי; וואָוטאַריך, וואָס איר זאָגט, אַז מ׳דאַרף געפינען אַרבעט — סדעלאַיטיע אָדאַלזשיעניע — גיט זיי אַרבעט, וועלן זיי אייך איבערקערן אַ וועלט; ווטריעטיך: ס׳זיינען דאָ צופיל אָרעמעלייט, איז אין דעם שולדיק דער קאַפּיטאַליזם ס׳אָדנאַי סטאַראַני און די עקספּלאָטאַציע פון פּראָלעטאַריאַט ס׳דרוגאַי סטאַראַני, אַ ווטשע־טוויאַרטיך, וואָס איר וויוואָראַטשעוועט אייערע קעשענעס אויף דער לינקער זייט, איז דאָס גאָרניט קיין דאָקאַזאַטיעלסטווא. מיר סאָמ־ניעוואַיען זיך ניט, אַז ביי אייך אין דערהיים, נאַפּרימער, זיינען די שאַ־פּעס אָנגעפּאַקט מיט מצות, אייער, ציבעלעס, קאַרטאָפּליעס, געענדזנ־שמאַלץ אי טאָמו פּאָדאָבניע. אָדנים סלאָוואָם: איר זענט אַלע בורזשור־קעס און בעזסאָוועסטנע עקספּלאָטאַטאָרס — אי באָלשיע ניטשעוואָ! טאָווארישטשי, ניטאָ מיט וועמען צו רעדן. קומט לאָמיר גיין!

(דריטע סצענע)

נאַראַטאָר: מיט אַ ריינעם געוויסן, אַן אויסגעבאָדענער, אַ יום־טובדיקער, האָט זיך בנימין לאַסטאָטשקע אַוועקגעזעצט מיט זיין ווייב און קינדער די ערשטע נאַכט פּסח צום סדר. רואיק און אויפגעלעבט, ווי אַן אמתער מלך, וואָס פילט זיך גוט אין זיין מלוכה. ביי דער רעכ־טער זייט: די מלכה, שרה לאה, זיין ווייב; פון דער צווייטער זייט, דער פּרינץ, זיין בן יחידל, מיט רויטע בעקלעך און בלישטשענדיקע אייג־לעך. אַפילו זלאָטקע, דאָס דינסטמיידל, וואָס האָרעוועט אַ גאַנץ יאָר ווי אַן אייזל, האָט זיך אויך אויסגעצוואָגן, איז אַריין אין אַ ניי סיצן קליידל און מיט אַ ברייטער רויטער סטענגע אָרום שטערן, און זי דערלאַנגט צום טיש, ווי יעדן טאָג פון אַ גאַנץ יאָר. דער מלך,בנימין לאַסטאָטשקע, זינגט זיך די הגדה מיט אַ גאַנץ שיינעם ניגון און דער בן־מלך, דאָס בן יחידל זיינס, פרעגט די קשיות.

בן מלך: און די פערטע קשיה, טאַטע, וועל איך דיך פרעגן: פאַרוואָס אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר — אַז מיר ווילן, עסן מיר זיצנדיק און אַז מיר ווילן עסן מיר אָנגעליינט? אָבער די דאָזיקע נאַכט פון פּסח עסן מיר אַלע אָנגעליינט.

לאַסטאָטשקע: גיט אַ קניפּ דעם יינגל אין בעקל, טוט אַ קוק מיט אַ נחת־שמייכל צום ווייב, צעוויגט זיך און הויבט אָן: עבדים היינו...

(ס׳דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין דער טיר. אַלע ווערן דערשראָקן, קוקן זיך איבער פאַרוואונדערט).

זלאַטקע: זאָל עס שוין זיין אליהו הנביא!

יינגעלע: אַ משל! אליהו הנביא קומט ערשט צו שפוך המתך!

זלאַטקע: אַז יענער דאַרף גיין איבער אַזויפיל הייזער הייַנטיקע נאַכט, האָט ער מסתמאַ אָנגעהויבן פריער; און צו די נגידים קומט ער זיך אַלעמאָל צו־ערשט — ס׳איז זיכער אליהו הנביא!

פרוי לאַסטאָטשקע: הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן, עפּעס איז דאָ גאָר ניט גלאַט.

(מ׳קלאַפּט ווידער אין דער טיר).

לאַסטאָטשקע: וואָס טויג מיר מעשיות? אליהו הנביא קלאַפּט ניט אין קיין טיר.

(מ׳קלאַפּט שטאַרקער).

לאַסטאָטשקע: ס׳פּוסטע מעשיות! כּהאָב מורא אַז מ׳וועט זייער שיין מוזן עפענען; און אפשר איז דאָס גאָר פּאָליציי? כאָטש צוריקגע־רעדט — וואָס האָט פּאָליציי צו טאָן ביי בנימין לאַסטאָטשקע צום ערשטן סדר?! (צו זלאַטקען): הכלל, גיי גיב אַ קוק ווער ס׳איז דאָרטן.

(זלאַטקע גייט־צו צו דער טיר, עפנט אַ קליינעם שפּאַלט, גיט אַ געשריי): אוי, באַלעבאָס לעבן, ס׳איז ניט אליהו הנביא! (וויל פאַר־האַקן די טיר. פינגערהוט מיט זיין חברה שפּאַרן זיך אַריין, רופן אויס פריילעך): אַ גוט יום־טוב, גאָספּאָדין לאַסטאָטשקע!

לאַסטאָטשקע: (צעשראָקן, פּרובירט זיך מאַכן הארץ) אַ גוט יום־טוב, אַ גוט יאָר. וואָס וועט איר זאָגן עפּעס גוטס?

פינגערהוט: (הוסט זיך אויס, שטעלט זיך אַוועק אין אַ פּאָזע פון אַן אָראַטאָר) איז די דיעלאָ זנאַטשיט אַזוי: איר, גאָספּאָדאַ, זיצט זיך דאָ אין דער ליכטיק און פּראַזדניוועט, און די אָרעמע פּראָלעטאַריער פּראָפּאָדאַיען פון הונגער. איך גלייב, אַז ס׳איז ניט ספּראַוועדליוואָ. פּאָעטאָמו פּריקאַזעווע איך אייך, אַז איר זאָלט פאַר זיי אָפּגעבן אייער יום־טובדיקע וועטשערע און איר זאָלט ניט סמייען אַרויסלאָזן אַ פּיפּס, ניט עפענען קיין פענצטער, ניט רופן קיין פּאָליציי אי טאָמו פּאָדאָבנאָיע, ווארום מיר וועלן מאַכן פון אייך אַש... חבר משה, וואו איז די באָמ־בע?...

משה: (שטעלט אַוועק אויפן טיש זייער פאָרזיכטיק עפּעס אַ הויכע זאַך, צוגעדעקט מיט אַ שמאַטע, ווענדט זיך צום עולם אַרום טיש):

אַסטאַראַזשנע, גאַספּאַדאַ, מיט אַזאַ זאַכעלע האָט מען אין פּיטערבאַרג אויפגעריסן דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר מיט זיין קאַרעטע און מיט די פיר פערד נאַ־שפּיץ...

פינגערהוט: פּאַווערטיע אילי ניעט — בלויז די פּאַדקאָוועס זיינען געבליבן פון די פערד, און פון גענעראַל־גובערנאַטאָר — ני סלוכו, ני דוכו!

לאַסטאַטשקע: אַזוי! און איר מיינט אַז מ׳וועט אייך אַט אַזוי גלאַט אַפּגיין די מעשה? נו, און נאַטשאַלסטווע איז שוין ביי אייך גאָרניט?

פינגערהוט: הערט איר דאָך וואָס ס׳ווערט פון נאַטשאַלסטווע ווען מ׳הויבט זיך אָן מיטן פּראָלעטאַריאַט...

משה: ני סלוכו, ני דוכו!

לאַסטאַטשקע: (דערשרעקט זיך אויף אַן אמת) הכלל, קינדערלעך, וואָס ווילט איר? קיין געלט ווייסט איר דאָך האָב איך ניט.

משה: ער האָט ניט...

לאַסטאַטשקע: איז, הייסט עס, די פסחדיקע וועטשערע. ווילט איר, הייסט עס, פאַרשטערן אַ יידן דעם פסח!

פינגערהוט: אַדנים סלאָוואָם, זע איך דאָך שוין, אַז איר רעדט ניע קדיעלו און ווי אַ בעזסאָוועסטנער בורזשוק.

לאַסטאַטשקע: וואָס האָב איך געקענט טאָן אַז מיר האָבן אין קאַס־רילעווקע מער נעמערס ווי געבערס. איך האָב געגעבן פּאָר מעות־חטין וויפיל איך האָב געקענט! וואָס־זשע האָט איר געוואָלט? איך זאָל עפענען די שאַפעס; צעטיילן די אָרעמעלייט מיינע מצות, מיט די אייער, מיט די ציבעלעס, מיטן געענדזן־שמאַלץ. דעם ווין פאַר אַרבע כוסות, און אַליין זאָל איך בלייבן מיט מיין ווייב און קינד אַט־אַזוי־אַ?...

פינגערהוט: אַדנים סלאָוואָם, וואָס איז זיך דאָ צו ראַזביראַיען! מיר וועלן שוין אַליין צעטיילן צווישן די אָרעמעלייט דעם מעות־חטין. הכלל, משה, ברענג אַריין דעם קאַסטן.

משה: איזוואָלטיע, פּאַזשאַלויסטאַ, ס׳באָלשים אודאָוואָלסטוויעם! (אָפּ)

פרוי לאַסטאַטשקע: ווי איז מיר, פאַר וועמען דאַרף מען עס דאָ אַ קאַסטן?!

פינגערהוט: אַ, פאַר ראַזליטשנע זאַכן (צו אַ צווייטן פון דער חברה) נו, חיים, שעוועליס, כאַפּ זיך נאָר אַריין אין קיך אַריין און ברענג אַריין די טעפּ ווי׳פּאַלנאָם פּאַריאַדקע...

פרוי לאַסטאַטשקע: אַ בראַך איז מיר, צו־וואָס דאַרפט איר האָבן מיינע טעפּ?

פינגערהוט: ווער דאַרף עס אייערע טעפּ; מיר דאַרפן בלויז וואָס ס׳געפינט זיך אין די טעפּ, ווי באַפרימער, די קאַטשקעס, די יוכן, די כרעמזלעך, מיט די פיינע קאָמפּאָטן, אי טאָמו פּאָדאָבנאָיע. (צו חיימען) נו, וואָס שטייסטו?!

(חיים און נאָך אַ פּאָר פון דער חברה לאָזן זיך אין קיך אַריין).

פרוי לאַסטאַטשקע: וויי איז מיר, וואָס ווייסן דאָרט מאַנסבילן פון טעפּ? איר וועט זיך דאָרט אָנמאַכן אַ חורבן. (וויל זיך לאָזן אין קיך. פינגערהוט שטעלט זי אָפּ מיט אַ „סאַדיטיעס״. לאַסטאַטשקע פּרוּווט אויך מאַכן דיזעלבע קונץ. פינגערהוט שטעלט אים אויך אָפּ מיט אַ „סאַדיטיעס״. זלאַטקע, נאָך איר דאָס ייִנגעלע לאָזן זיך נאָך לאַסטאַטשקען. פינגערהוט: „סאַדיטיעס״).

משה: (קומט אַריין מיטן קאַסטן. חברה לאָזט זיך אַרויס פון קיך מיט גרויסע טעפּ; משה קוקט אויף די טעפּ־טרעגער, צו פינגערהוטן): איך האָב מורא אַז מיר האָבן צו אַ קליינעם קאַסטן.

פינגערהוט: ס׳וועט כוואַטיען!

(חברה הויבט אָן אַריינלעגן די טעפּ אין קאַסטן).

משה: נעמט אַרונטער פון טיש דעם פּאַלומוסעק פיש, ברעכט אָפּ אַ שטיקל, צו לאַסטאַטשקע): אָר־וואָ, טייערע פיש, אַ פיינע קעכין, די מאַדאַם אייערע.

זלאַטקע: (באַשיידן) איך האָב זיי גראַדע געקאָכט.

פינגערהוט: נו, קאָניעטשנאָ, אַז די בורזשואַזיע וויל עסן גוטע פיש, נעמט מען זיך אַ זלאַטקען און מ׳מאַכט עס...

חיים: (נאָך דעם ווי מ׳האָט שוין פאַרפּאַקט די טעפּ, כאַפּט אַ קוק אויפן טיש, דערזעט דעם מרור. צו פינגערהוטן): דעם מרור אויך מיטנעמען?

פינגערהוט: ניע נאַדאָ! דעם מרור וועלן מיר איבערלאָזן פאַר דער בורזשואַזיע. (חברה לאָזט זיך אַרויסגיין).

חיים: (קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן. צו פינגערהוטן: נו, און די הגדות?

פינגערהוט: ניע נאַדאָ! פּאָנימאַיעש לי — אַלע יאָר זאָגן מיר די הגדה און זיי עסן די קניידלעך — אַ וואָסטאַיאַשטשעיע וואָריעמיאַ, וועט עס זיין נאַאָבאָראָט...

משה: זאָלן זיי זאָגן די הגדה און מיר וועלן עסן די קניידלעך. (באַמערקט אַ פלעשל וויין, וואָס לאַסטאָטשקע האָט פאַרשטעקט אונטערן קישן, ציט עס אַרויס, גיט דערפון אַ זופּ, צו לאַסטאָטשקען): לחיים, בורזשוק! זאָל גאָט געבען, אַז איר זאָלט ווערן אַ פּראָלעטאַריער ווי מיר, ווען איר אויך האָבן אַ פּסחדיקע וועטשערע.

פינגערהוט: אַ גוטן יום־טוב, גאָספּאָדאַ בורזשואַזיע.

משה: לשנה הבאה בקאָנסטיטוציע!

פינגערהוט: (צו מאַדאַם לאַסטאָטשקע, וואָס פּרובירט ווידער זיך אויפהויבן): סאַדיטעס, מאַדאַם, (צו אַלעמען)) און סמייעט קיינער ניט זיך אויפצוהויבן.

משה: (ווייזט אָן אויף דער זאַך אויפן טיש): ני סלוכו, ני דוכו!

(אַלע בלייבן זיצן ביים טיש ווי פאַרגליווערט, קוקן מיט שרעק אויף דער צוגעדעקטער זאַך פון וועלכער ס'הערט זיך אַ טיק־טאַק, ווי דאָס קלאַפּן פון אַ זייגער).

לאַסטאָטשקע: (ווייזט אָן מיט די אויגן) מ'וואָלט געדאַרפט אַראָפּנעמען אָט־די זאַך פון טיש.

פרוי לאַסטאָטשקע: זלאַטקע!

זלאַטקע: (ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, מיט שרעק): אַ באַלעבאָסטע.

פרוי לאַסטאָטשקע: (ווייזט אָן מיט די אויגן) נעם עס אַוועק פון טיש!

זלאַטקע: (אַ צעטומלטע, ציט אויס די האַנט און כאַפּט זי צוריק מיט שרעק, צו מאַדאַם לאַסטאָטשקע): דערלאַנגט עס מיר, זייט אַזוי גוט.

מאַדאַם לאַסטאָטשקע: דינסטן דיר היינטיקע צייטן!

לאַסטאָטשקע: (קוקט אויף דער זאַך): נו, קאָנסטיטוציע!

(אַלע בלייבן ווידער זיצן פאַרשטיינערט, הערן זיך צו צום טיק־טאַק, מאַדאַם לאַסטאָטשקע וויל זיך אויפהויבן, לאַסטאָטשקע גיט אויף איר אַ קוק מיט שרעק): ביטע, ריר זיך ניט!

נאַראַטאָר: ס'איז שוין געווען אַרום האַלבע נאַכט און דער נגיד בנימין לאַסטאָטשקע מיט זיין הויזגעזינד זיינען נאָך אַלץ געזעסן אַרום טיש, נאָך אַלץ איין איין שרעק. אויפן טיש איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָס „אומגליק" — דאָס הויכע, דאָס קיילעכדיקע, מיט דער שמאַטע איבערגעדעקט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין קלאַפּן טיק־טאַק, טיק־טאַק).

(פערטע סצענע)

(אַרום טיש זיצן נאָך אַלץ אַלע אין דערזעלבער פּאָזע, ס'הייסט, אין געהאַקטע וואונדן. ס'הערט זיך אַ קלאַפּ אין דער טיר. אַלע גיבן זיך אַ צאַפּל אין שרעק).

משה: (לויפט אַריין): זע נאָר, איר זיצט נאָך אַלץ? און איך האָב געמיינט אַז איר שלאָפט שוין.

לאַסטאַטשקע: (ווייזט אָן מיט די אויגן אויף דער זאַך): די באַמבע!

משה: אַ, די באַמבע מיינט איר? נאָך דעם בין איך דאָך טאַקע גע־קומען. מיר דאַרפן זי נאָך היינט אַוועקטראָגן צו רעב איסר ראַפּאָפּאָרט ביי אים אויך אַוועקנעמען דעם מעות־חטין פאַר די אַרעמעלייט (צו פרוי לאַסטאַטשקע): איך האָב צו אייך גאָר אַ וואַזשנעם גרוס פון אייערע פיש. עזריאל דעם טרעגערס קינדערלעך קענען זיך גאָרניט אָפּלויבן פון זיי. זיי האָבן שוין לאַנג ניט געגעסן אַזעלכע פיש.

זלאַטקע: (נאָך אַלץ אַ צעשראָקענע): איך האָב זיי געקאָכט.

(משה גיט אַ נעם די זאַך פון טיש. אַלע בלייבן פאַרציטערט).

לאַסטאַטשקע: ניטע, רירט עס ניט אָן, דעם אומגליק!

משה: וואָס פאַר אַן אומגליק?

לאַסטאַטשקע: כ'מיין, אָט די זאַך, די באַמבע, מיין איך.

משה: אַ, די באַמבע מיינט איר? מ'דאַרף זי נאָך אַמאָל אַנציִען. (נעמט די זאַך אין די הענט. אַלע ביים טיש ווערן פאַרציטערט, רוקן זיך אָפּ. משה רופט צו זלאַטקען, וועלכע גייט צו מיט שרעק און בייגער. משה ווייזט איר עפּעס. זלאַטקע קוקט מיט גרויס חידוש און מיט אַן אָפן מויל. משה אָפּ).

זלאַטקע: (שיסט אויס אַ געלעכטער): אוי, באַלעבאָסטע, ס'איז זיך געוועזן אַ טאָפּ מיט מצה־מעל און אַ וועק־זייגער.

לאַסטאַטשקע: וואָס? אַ טאָפּ מיט מצה־מעל און אַ וועק־זייגער? לאָבוסעס וואָס זיי זייַנען, אַזעלכע לאַפּצאַנעס, שמאַראַוואָזניקעס, בייגאַ־דיאַיען! בנימין לאַסטאַטשקע וועט מען איבערשרעקן מיט אַ טאָפּ מצה־מעל און מיט אַ וועק־זייגער!

משה: (שטעקט אַריין דעם קאָפּ דורכן פענצטער): נו, יאָ, מיט אַ טאָפּ מצה־מעל און אַ וועק־זייגער! (דער זייגער צעקלינגט זיך).

(פאָרהאַנג)

אין דער דאָזיקער נאַכט
פון פסח

אָנטיילנעמער:

דייוו — אַ יאָר 12	דריטע פרוי
דייווס טאַטע	ערשטער שקלאַף
דייווס מאַמע	צווייטער שקלאַף
משה רבינו	ערשטער אויפזעער
אייב לינקאָלן	צווייטער אויפזעער
צביה	דריטער אויפזעער
ערשטע פרוי	מרים הנביאה
צווייטע פרוי	גערדאַנקען

חד גדיאָ טענצער
יידישע שקלאַפן אין מצרים
קעמפער אין וואַרשעווער געטאָ
נעגערשע שקלאַפן אין דער סאַוט

(אַ טיש אויסגעשטעלט צום פסחדיקן סדר. אויף דער וואַנט דריי בילדער: משה רבינו, צביה לובעטקין, אייב לינקאָלן. די פּערזאָנען פון דער חד־גדיאָ טאַנצן אַריין).

כאָר: (זינגט): איין ציגעלע, איין ציגעלע, וואָס דער טאַטע האָט גע־קויפט פאַר צוויי גילדן, א.א.וו.

(די פּערזאָנען פון דער חד־גדיאָ טאַנצן אָפּ, לויפן־צו צו די בילדער): אַ גוט יום טוב פּסח, אַ גוט יום טוב פּסח... (די פּערזאָנען פון דער חד־גדיאָ פאַרשווינדן).

דייוו: (קומט אַריין מיט אַ הגדה אין דער האַנט): איך וועל ניט איינ־שלאָפן, איך וועל ניט איינשלאָפן...

געדאַנקען: וועסט יאָ איינשלאָפן, וועסט יאָ איינשלאָפן...

מאַמע: (קומט אַריין מיט מצות, לייגט אויס אויפן טיש): זע, דייוו, דו זאָלסט ניט איינשלאָפן פונקט ווי פאַראַיאָרן צום סדר.

דייוו: איך וועל ניט איינשלאָפן.

מאַמע: (שטעלט זיך אויף אַ בענקל, הויבט אָן אַפּצושטויבן משה רבינוס פּנים אויפן בילד): ערשט געראַמט און ס׳האָט זיך שוין אָנגע־קליבן שטויב אויף משה רבינוס פּנים.

(משה רבינו טוט אַ וואונק צו דייוון).

דייוו: אוי, מאַמע, משה רבינו האָט צו מיר אַ וואונק געטאָן.

מאַמע: ס׳דאַכט זיך דיר אויס.

דייוו: ס׳האָט זיך מיר ניט אויסגעדאַכט; ער האָט אַ וואונק געטאָן.

מאַמע: אַ קינד... נאָר ס׳רעדט זיך איין זאַכן. (נעמט אָפּשטויבן צביהס פּנים אויפן בילד) און אויף צביהס פּנים אויך אַזוי פיל שטויב.

דייוו: אוי, מאַמע, צביה האָט אויך צו מיר אַ וואונק געטאָן.

מאַמע: הער אויף צו חלומען, דייוו. (שטויבט דאָס בילד).

דייוו: אָבער אַז זי האָט צו מיר אַ וואונק געטאָן.

מאַמע: (נעמט זיך שטויבן דאָס פּנים פון אייב לינקאָלן, צו דייוון): וועסט מיר באַלד זאָגן, אַז אייב לינקאָלן האָט צו דיר אויך אַ וואונק געטאָן.

דייוו: ער האָט טאַקע צו מיר אַ וואונק געטאָן.

מאַמע: דייוו, איך וועל שוין אויף דיר אין כעס; אַ קינד זאָל זיך איינריידן זאַכן.

טאַטע: (קומט אַריין מיט אַ פלעשל ווין): געקויפט זייער גוטן ווין לכבוד פּסח — כרמל ווין.

מאַמע: דייוו, גיי ברענג אַריין פיר כוסות.

דייוו: באַלד, מאַמע. (אָפּ).

מאַמע: וואָס טוט מען מיט אים?

טאַטע: וואָס שוין ווידער?

מאַמע: נאָר ס׳דאַכט זיך אים אויס, נאָר ס׳רעדט זיך איין זאַכן.

טאַטע: אַ סענסיטיוו קינד.

מאַמע: אָבער צופיל סענסיטיוו. אָט רעדט ער זיך איין, אַז ער איז אויך געווען אַ שקלאַף אין מצרים.

טאַטע: אַז ער, דייוו, איז אויך געווען אַ שקלאַף אין מצרים?! דאָס דאַרף מען קאָנען!

מאַמע: און אָט רעדט ער זיך איין, אַז ער איז אויך געווען אַ קעמפער אין דער וואַרשעווער געטאָ.

דייוו: (דערשיינט): אָט, מאַמע, זיינען די פיר כוסות.

מאַמע: גוט. (צום מאַן): גיי טו זיך אָן די יום טובדיקע קליידער.

טאַטע: גוט. (אָפּ).

מאַמע: (נאָכדעם ווי זי צעשטעלט די פיר כוסות, צו דייוון): זע, זאָלסט ניט איינשלאָפן. (אָפּ).

דייוון: איך וועל ניט איינשלאָפן. איך וועל ניט איינשלאָפן.

געדאַנקען: דו וועסט יאָ איינשלאָפן, דו וועסט יאָ איינשלאָפן.

דייוון: פאַרוואָס הער איך קולות? ווער זענט איר?

געדאַנקען: מיר זיינען דיינע געדאַנקען.

דייוון: מיינע געדאַנקען? (מישט אויף אין דער הגדה און הויבן אָן זיך איינחזרן) טאַטע, איך וועל דיך פרעגן די פיר קשיות. די ערשטע קשיה וועל איך דיך פרעגן: מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות?

געדאַנקען: (כאַפּן אונטער) פאַרוואָס איז פאַרענדערט דידאָזיקע נאַכט פון פסח פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר?

דייוון: אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר...

געדאַנקען: עסן מיר אי חמץ אי מצה; דידאָזיקע נאַכט פון פסח בלויז מצה.

דייוון: האָב איך דיר שוין, טאַטע, געפרעגט איין קשיה...

געדאַנקען: די צווייטע קשיה וועל איך דיך פרעגן: פאַרוואָס אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר עסן מיר פאַרשידענע גרינסן; דידאָזיקע נאַכט פון פסח בלויז מרור.

דייוון: האָב איך דיך שוין, טאַטע, געפרעגט צוויי קשיות...

געדאַנקען: די דריטע קשיה וועל איך דיך פרעגן: פאַרוואָס אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר טונקען מיר ניט איין אַפילו איין מאָל; דידאָזיקע נאַכט פון פסח טונקען מיר איין צוויי מאָל...

דייוון: האָב איך דיך שוין, טאַטע, געפרעגט דריי קשיות...

געדאַנקען: די פערטע קשיה וועל איך דיך פרעגן: פאַרוואָס אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר עסן מיר סיי זיצנדיק, סיי אָנגעלענט...

דייוון: דידאָזיקע נאַכט פון פסח בלויז אָנגעלענט. (לענט זיך אָן אין דעם שטול).

געדאַנקען: דער תירוץ איז: עבדים היינו לפרעה במצרים — קנעכט זיינען מיר געווען צו פּרעהן אין מצרים...

דייוון: שקלאַפן זיינען מיר געווען צו פּרעהן אין מצרים. (זעצט זיך פלוצלונג אויף). דאָס הייסט, ווען איך, דייוו, לעב אין מצרים מיט אַ דריי טויזנט פינף הונדערט יאָר צוריק, וואָלט איך אויך געווען אַ שקלאַף?

געדאַנקען: יאָ, וואָלסט אויך געווען אַ שקלאַף.

דייוו: און מיין מאַמע אַ שקלאַפין?

גערדאַנקען: יאָ, דיין מאַמע אַ שקלאַפין.

דייוו: און מיין טאַטע אויך אַ שקלאַף?

געדאַנקען: יאָ, דיין טאַטע אויך אַ שקלאַף.

דייוו: און איך וואָלט ניט געווען פריי?

געדאַנקען: ניין, דו וואָלסט ניט געווען פריי.

דייוו: און מען וואָלט מיך געשמיסן מיט בייטשן?

געדאַנקען: יאָ, מען וואָלט דיך געשמיסן מיט בייטשן.

דייוו: און איך וואָלט געאַרבעט פון פאַרטאָג ביז אין מיטן דער נאַכט?

געדאַנקען: און וואָלסט געאַרבעט פון פאַרטאָג ביז אין מיטן דער נאַכט.

דייוו: ס'איז דאָך שרעקלעך!

געדאַנקען: יאָ, ס'איז שרעקלעך.

(ס'ווערט פינצטער, עס הויבט אָן צו דונערן און צו בליצן. ס'ווערט באַלד ליכטיק. מען זעט פרויען אָנגעטאָן אין זעק, זיצן אויף דער ערד און שאָקלען זיך אַהין און אַהער, צווישן זיי אויך דייווס מאַמע).

דייווס מאַמע: ס'איז שוין באַלד פאַרטאָג און אונזערע מענער זיינען נאָך ניט געקומען פון דער אַרבעט.

1־טע פרוי: זיי וועלן שוין ניט האָבן קיין צייט צו שלאָפן.

2־טע פרוי: מ'וועט דאַרפן גלייך אויפשטיין צו דער אַרבעט.

3־טע פרוי: מען דאַרף זען עפּעס טאָן.

1־טע פרוי: וואָס קאָן מען דען טאָן?

2־טע פרוי: אָט קומען אונזערע מענער.

(עס קומען אַריין די יידישע שקלאַפן אין זעק, מיט גראָבאייזנס, מידע, אויסגעמאַטערטע. די לעצטע קומען אַריין דייוו מיט זיין טאַטן. דייוו פירט זיין טאַטן ביי דער האַנט. אַלע, ווי נאָר זיי קומען אַריין, פאַלן זיי צו צו דער ערד, גוואַלדיק מידע. זיי פאַרמאַכן די אויגן און ווערן אַנט־שלאָפן . . . די פרויען לייגן זיך ניט שלאָפן, נאָר זיי זיצן און יעדע איינע טוט עפּעס אָן אַרבעט. איינע פאַרריכט אַ סאַנדאַל, אַ צווייטע פאַרריכט אַ זאַק, אַ דריטע וואַשט וועש, אַ פערטע באַקט מצות. . . ס'ווערט ליכטיק, ווי פאַרטאָג, דריי אויפזעער קומען אַריין מיט בייטשן אין די הענט).

ערשטער: מען פאַפט גאָר! (הויבט אָן צו שמייסן מיט זיין בייטש די שלאָפנדיקע. די אַנדערע צוויי אויפזעער שמייסן אויך. די שקלאַפן

שפרינגען אויף, די אויפזעער טרייבן זיי אַרויס. עס בלייבן נאָר שלאָפן דיוו און זיין טאַטע).

צווייטער אויפזעער: (שמייסט דייווס טאַטן). אויפשטיין! אויפשטיין!

דייווס טאַטע: איך בין קראַנק.

דייווס מאַמע: מיין מאַן איז קראַנק.

אויפזעער: כאַ־כאַ, קראַנק! (בייטשט אים). נאָר מען זוכט זיך תירוצים. צו דער אַרבעט! צו דער אַרבעט! מען דאַרף בויען פּיתום און רעמסס (פּיסעס און ראַמסעס).

דייווס טאַטע: (הויבט זיך קוים אויף) זיי געזונט, מיין ליבע פרוי, זיי געזונט, מיין טייער קינד. (לאָזט זיך גיין).

אויפזעער: (צו דייוון) און דו אויך, ביזט אויך ניט קראַנק צו אַרבעטן.

מאַמע: ער איז דאָך נאָך אַזוי יונג!

אויפזעער: ווידעראַמאָל תירוצים. צו דער אַרבעט! (הויבט אָן בייטשן דייוון. מוטער פאַרשטעלט איר זון מיט איר קערפּער און כאַפּט אַריין אַלע שמיץ).

אויפזעער: צו דער אַרבעט! צו דער אַרבעט! באַלד וועלן מיר די פרויען אויך נעמען צו דער אַרבעט. (שלעפּט אַוועק דייוון, מאַמע לויפט נאָך).

(ס'הויבט ווידער אָן צו דונערן און צו בליצן. ס'ווערט האַלב ליכטיק. אין דער פאָרם פון אַ טאַנץ זעט מען, ווי די יידישע שקלאַפן אין מצרים בויען פּיתום און רעמסס. מ'זעט ווי זיי לייגן ציגל. די אויפזעער מיט די בייטשן שמייסן. דייוו האָט שוין ניט קיין כוחות, פאַלט צו דער ערד. דער טאַטע כאַפּט אים אונטער. אַלץ קומט פאָר אין טאַנץ. פּלוצלונג הויבן אָן די אויפזעער פייפן אין די פייפלעך, דאָס מיינט — אָן איבער־רייס אויף עפּעס איבערכאַפּן. די שקלאַפן פאַלן אַלע אַנידער צו דער ערד, גוואַלדיק אויסגעמאַטערטע. עס באַווייזן זיך די פרויען מיט טעפּ־לעך עסן. זיי קומען־צו צו זייערע מענער, יעדע איינע דערלאַנגט איר מאַן אַ טעפּל. די מענער אָבער, צוליב גרויס אויסגעמאַטערטקייט, קאָנען ניט עסן).

דייווס טאַטע: איך קאָן שוין דאָס מער ניט אויסהאַלטן.

2־טער ייד: איך קאָן דאָס שוין מער ניט אויסהאַלטן.

3־טער ייד: איך קאָן דאָס שוין מער ניט אויסהאַלטן.

דייווס טאַטע: איך וויל שטאַרבן.

2־טער ייד: איך וויל שטאַרבן.

3־טער ייד: איך וויל שטאַרבן.

דייווס מאַמע: זאָרג זיך ניט, מיין מאַן, ס׳וועט נאָך זיין גוט. די ישועה וועט באַלד קומען.

2־טע פרוי: (צו איר מאַן) זאָרג זיך ניט, מיין מאַן, ס׳וועט נאָך זיין גוט, די ישועה וועט באַלד קומען.

(די פרויען הויבן אָן צו טאַנצן אַ טאַנץ צו זייערע מענער, אַ טאַנץ פון האָפענונג און דערמוטיקונג).

ערשטער אויפזעער: (לויפט אָן) צו דער אַרבעט! צו דער אַרבעט! (טרייבן אַוועק די פרויען).

(אין דער פאָרם פון אַ טאַנץ נעמען די שקלאַפן זיך ווידער צו דער אַרבעט. די אויפזעער יאָגן מיט בייטשן).

ערשטער אויפזעער: גיכער! גיכער!

אַנדערע אויפזעער: גיכער! גיכער!

(די אַרבעט הויבט אָן צו גיין שנעל, קאַפּשווינדלעריש־שנעל. די שקלאַפן קענען שוין ניט אויסהאַלטן און פאַלן. עס פאַלט איינער, עס פאַלט אַ צווייטער, עס פאַלט אַ דריטער, אַלע פאַלן. עס הויבט אָן דונערן און בליצן, ס׳ווערט פינצטער. אין דער פינצטער גייט אויף אין אַ ווינקל אַ ליכטיקייט. צו דער מוזיק פון „ויהי בחצי הלילה״ זעט מען די פרויען שפּאַנען פריידיק מיט מרים הנביאה אין דער שפּיץ).

1־טע פרוי: ס׳איז מרים, מרים!

2־טע פרוי: מרים די נביאה...

דייווס מאַמע: שטיי אויף, שטיי אויף, מיין מאַן.

2־טע פרוי: שטיי אויף, שטיי אויף, מיין מאַן.

3־טע פרוי: שטיי אויף, שטיי אויף, מיין מאַן.

(ס׳קומט פאַר דער טאַנץ פון אויפשטיין. דייווס טאַטע העלפט דייוון אויפשטיין, דייוו העלפט אַ דריטן, דער דריטער העלפט אַ פערטן, און אַזוי ווייטער, ביז אַלע שטייען אויף. משה רבינו קומט אָן מיטן שטעקן).

דייוו: משה רבינו! משה רבינו!

אַלע: משה רבינו! משה רבינו... (די אויפזעער יאָגן אָן מיט די בייטשן. די יידן מיט מורא שטעלן זיך אָפּ. משה, אַ שטאַרקער, אַ זיכע־רער, גייט פאָראויס. די שקלאַפן מיטגעריסן פון משהס זיכערקייט גייען נאָך, זיי גייען גלייך אויף די אויפזעער. די אויפזעער אַנטלויפן... געזאַנג פון זיג... ס׳הויבט אָן צו דונערן און בליצן. ס׳ווערט ליכטיק.

משה רבינו איז צוריק אין דעם בילד ווי פריער... דייוו זיצט אויף דעם שטול און רייבט זיך די אויגן).

דייוו: וואו בין איך געווען?

געדאנקען: אין לאַנד מצרים.

דייוו: אין לאַנד מצרים? וואו קום איך אַהין?

געדאנקען: מיר, דיינע געדאַנקען, האָבן דיך אַהין אַריבערגעטראָגן.

דייוו: געדאַנקען, געדאַנקען, לאָזט מיך אָפּ, איך וויל שלאָפן, שטאַרק שלאָפן.

געדאנקען: טאָ שלאָף, שלאָף.

דייוו: יאָ, איך שלאָף, איך שלאָף.

לינקאָלן: (פון דעם בילד) העי, שטיי אויף, שקלאַף!

דייוו: שקלאַף האָסטו מיך גערופן?

לינקאָלן: יאָ, שקלאַף האָב איך דיך גערופן. קיין שום מענטש קאָן ניט זיין פריי, אויב עס זיינען ערגעץ וואו פאַראַן שקלאַפן אויף דער וועלט.

דייוו: וואו זיינען דאָ שקלאַפן?

לינקאָלן: אין דער סאַוט.

דייוו: איז דאָס דען דאָס יאָר 1861?

לינקאָלן: יאָ, ס'איז דאָס יאָר 1861.

דייוו: און איך האָב געמיינט, אַז עס איז 1957.

לינקאָלן: ניין, ס'איז ניט 1957.

(עס הויבט אָן דונערן און בליצן. ס'ווערט פינצטער. דערנאָכדעם האַלב־ליכטיק. מען זעט אַ גרופּע נעגער־שקלאַפן אַרבעטן אויף אַ פעלד פון בייוול. דייוו אויך צווישן זיי. זיי זינגען):

When Israel was in Egypt land,
Let my people go!
Oppressed so hard they could not stand,
Let my people go!

Go down, Moses,
Way down in Egypt land,
Tell old Pharaoh,
Let my people go!

"Thus said the Lord," bold Moses said,
"Let my people go!
If not, I'll smite your first-born dead,
Let my people go!"
Go down, Moses. . . .

No more in bondage shall they toil,
Let my people go!
They shall go forth with Egypt's spoil,
Let my people go!
Go down, Moses. . . .

(אויפזעער לויפן אַן מיט בייטשן, פאָכן איבער זייערע רוקנס אין אַ טאַנץ־פאָרם). דייוו רייסט זיך אַרויס און אַנטלויפט. די אויפזעער הויבן אָן צו פייפן מיט זייערע פייפלעך, עס גיבן זיך אַ רייס־אַריין בלוט־הינט, זיי יאָגן זיך נאָך דייוון.(אַלעס קומט פאָר אין אַ טאַנץ־פאָרם). די הינט פאַקן דייוון. אַן אויפזעער פירט אים צו צו אַ בלאָק, וואו מ׳פלעגט עפנטלעך פאַרקויפן די שקלאַפן. אויפזעער פירט אַרויף דייוון אויפן בלאָק, טוט אים אויס דאָס אויבערשטע העמד, דייוו בלייבט האַלב־נאַקעט).

אויפזעער: קויפט אַ נעגערשן שקלאַף, קויפט אַ נעגערשן שקלאַף! (טאַפט דייווס מוסקולן), שטאַרקע מוסקולן! (טאַפט זיין ברוסט). זעט זיין שטאַרקע ברוסט.

כאָר: (זינגט אַן ענגליש ליד, וואָס דערציילט ווי אַזוי מ׳פאַרקויפט נעגער־שקלאַפן אויפן בלאָק).

(אין אַ ווינקל גייט אויף אַ ליכטיקייט. די נעגערשע שקלאַפן אין דער שפּיץ מיט לינקאָלן הויבן אָן צו שפּאַנען גלייך אויפן בלאָק. אויפזעער אַנטלויפט. מען באַפרייט דייוון. עס הויבט אָן צו דונערן און בליצן. ס׳ווערט פינצטער, דערנאָכדעם ליכטיק. דייוו זיצט אויפן בענקל און רייבט זיך די אויגן).

דייוו: וואו בין איך געווען?

געדאַנקען: ביי די נעגערשע שקלאַפן אין דער סאַוט אין 1861.

דייוו: ווי אַזוי בין איך געקומען אַהין?

געדאַנקען: מיר, דיינע געדאַנקען, האָבן דיך פאַרטראָגן.

דייוו: צוליב וואָס האָט איר מיך פאַרטראָגן?

גערדאַנקען: ס׳איז היינט פּסח אויפדערנאַכט, טראַכט זיך וועגן אַנ־דערע פּעלקער, וואָס זיינען אויך געווען שקלאַפן.

דייוו: גערדאַנקען, גערדאַנקען, לאָזט מיך צורו, איך וויל שלאָפן.

גערדאַנקען: טאָ שלאָף, שלאָף...

דייוו: איך שלאָף, איך שלאָף.

צביה: (פון דעם בילד) קאָנסט ניט שלאָפן?

דייוו: ווער ביסטו?

צביה: צביה, פון דער וואַרשעווער געטאָ.

דייוו: אָ, די וואַרשעווער געטאָ, ווידער שקלאַפן?

צביה: נאָך ערגער פון שקלאַפן. מ׳האַרגעט, מ׳שעכט, מ׳קוילעט.

דייוו: מען וועט מיך אויך האַרגענען?

צביה: מען וועט דיך אויך האַרגענען.

דייוו: וואָס זשע טוט מען?

צביה: לאָמיר זיך ניט לאָזן. כאַפּ אַ ביקס און קום, מיר הויבן אָן דעם אויפשטאַנד.

דייוו: פּונקט פּסח ביינאַכט?

צביה: טאַקע וויל ס׳איז היינט פּסח ביינאַכט, אין יום טוב פון באַפרייאונג.

(ס׳הויבט אָן דונערן און בליצן. עס ווערט פינצטער. דערנאָכדעם האַלב־ליכטיק. מ׳זעט יידן פון דער וואַרשעווער געטאָ מיט ביקסן אין די הענט, זיצן אין אַ קרייז. אינמיטן זיצט דייוו מיט זיין טאַטן).

דייוו: טאַטע, איך וועל דיך פרעגן די פיר קשיות. די ערשטע קשיה וועל איך דיך פרעגן: פאַרוואָס איז פאַרענדערט דידאָזיקע נאַכט פון פּסח פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר? אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר ליגן מיר פאַרבאַהאַלטן אין די לעכער, און היינטיקע נאַכט פון פּסח ליגן מיר ניט באַהאַלטן?

די צווייטע קשיה וועל איך דיך פרעגן: פאַרוואָס אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר איז קיינער ניט געווען אויף די דעכער, און היינטיקע נאַכט פון פּסח ליגן יידן אויף די דעכער מיט ביקסן און גראַנאַטן אין די הענט?

די דריטע קשיה וועל איך דיך פרעגן: פאַרוואָס אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר גייען־אום איבער די גאַסן פון דער געטאָ בלויז דייטשע פאַטרולן, און היינטיקע נאַכט פון פּסח גייען־אום בלויז יידישע פאַטרולן?

די פערטע קשיה וועל איך דיך פרעגן: פאַרוואָס אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר האָבן מיר קיינמאָל ניט געהערט דאָס דאָזיקע געזאַנג, און היינטיקע נאַכט פון פסח הערן מיר דאָס דאָזיקע געזאַנג?...

כאָר: (זינגט):

זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
ווען הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג,
ווייל קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
עס וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זיינען דאָ!

פון גרינעם פּאַלמען־לאַנד ביז ווייסן לאַנד פון שניי,
מיר זיינען דאָ, מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי.
און וואו געפאַלן ס'איז אַ שפּריץ פון אונדזער בלוט,
וועט אַ שפּראָץ טאָן אונדזער גבורה, אונדזער מוט.

עס וועט די מאָרגן־זון באַגילדן אונדז דעם היינט,
און אונדזער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט.
און אויב פאַרזאַמען וועט די זון אין דעם קאַיאָר,
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור.

געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און ניט מיט בליי,
ס'איז ניט אַ ליד פון זומער־פייגל אויף דער פריי.
דאָס האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט,
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

דערפאַר זאָג קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
ווען הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג,
ווייל קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זיינען דאָ!

(נאַציס מיט ביקסן יאָגן אָן. יידן ענטפערן. צביה פירט אַ גאַנצע גרופּע יינגלעך און מיידלעך מיט גראַנאַטן אין די הענט, וואָס זיי וואַרפן אויף די נאַציס. (אַלעס קומט פאָר אין דער פאָרם פון אַ טאַנץ). בשעת די שלאַכט אין דער וואַרשעווער געטאָ גייט אָן, דעקלאַמירט דער כאָר אַ פאַסיקן אויסצוג פון איציק פעפערס פּאָעמע, „וואַרשעווער געטאָ״. עס דונערט און בליצט. ס'ווערט פינצטער, דערנאָכדעם צוריק ליכטיק. צביה איז צוריק אין דעם בילד ווי פריער).

דייוו: וואו בין איך געווען?
גערדאַנקען: אין דער וואַרשעווער געטאָ.
דייוו: ווי אַזוי קום איך אַהין?
גערדאַנקען: מיר, דיינע געדאַנקען, האָבן דיך פֿאַרטראָגן.
כאָר: (זינגט):

אליהו הנביא,
אליהו התשבי,
אליהו, אליהו,
אליהו הגלעדי.

במהרבה בימינו,
יבוא אלינו,
עם משיח בן דוד,
עם משיח בן דוד.

(עס קומט אַריין אליהו הנביא).

גערדאַנקען: אפשר איז דאָס אליהו הנביא?

דייוו: אליהו הנביא, דער הייליקער נביא, דער נביא פֿון די אָרעמע און פֿון די ערלעכע.

גערדאַנקען: שוויג, לאָמיר זען וואָס ער וועט טאָן.

(אליהו הנביא נעמט דעם כוס וויין פֿון טיש, טראָגט אים צו די ליפּן).

אליהו: איך טרינק לכבוד דעם יום טוב פּסח, וואָס יידן פּייערן אומעטום אין אַלע לענדער פֿון דער וועלט. (טוט אַ זופּ, דערנאָכדעם טראָגט ער צו דעם כוס צו משה רבינו).

משה: איך טרינק צום אָנדענק פֿון יענער נאַכט, וואָס די יידן זיינען אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים. משה טוט אַ זופּ, אליהו נעמט צו פֿון אים דעם כוס און טראָגט אים צו צו צביהן).

צביה: איך טרינק פֿאַר דער גבורה פֿון די קעמפֿער פֿון דער וואַר־שעווער געטאָ. (צביה טוט אַ זופּ, אליהו טראָגט צו דעם כוס צו לינקאָלן).

לינקאָלן: איך טרינק פֿאַר דעם יום טוב פּסח, וואָס איז דער סימבאָל פֿון באַפֿרייאונג פֿון שקלאַפֿעריי ניט נאָר פֿאַר יידן, נאָר פֿאַר אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט.

(עס קומען אַריין טאַטע און מאַמע אין די יום־טובדיקע קליידער, זעצן זיך צום טיש).

מאַמע: ער איז פאַרט איינגעשלאָפן.

טאַטע: זאָל ער שלאָפן.

געדאַנקען: נייז, ער שלאָפט ניט, דאָס טראָגן מיר אים איבער דער געשיכטע פון די יידן און פון דער מענטשהייט. אומעטום, וואו אַ פאָלק האָט געליטן פון שקלאַפעריי, אַהין טראָגן מיר אים.

(עס קומט אַריין די גרופע טענצער און טאַנצט דעם טאַנץ פון באַ־פרייאונג...).

(פ אַ ר ה אַ נ ג)

די יידישע פרוי פון מינסק

(איינאַקטער)

האַנס — אַ דייטשער סאָלדאַט, אַ צוריקגעקומענער פון סאָוועטישן פראָנט
פרוי וואַכטעל — האַנס מוטער
פרוי ראָזנגאָלץ — אַ שכנה
פריץ: — אַ דייטשער סאָלדאַט, אַ צוריקגעקומענער פון פראַנצויזישן פראָנט

(פאַרנאַכט, אין עס־צימער. אויף דער וואַנט בילדער פון ביסמאַרקן, ווילהעלם דעם צווייטן און היטלערן. פרוי וואַכטעל, אַ קליינגעוואוקסיקע אויסגעדאַרטע דייטשע פרוי, זיצט אין אַ ווייכן שטול, אירע פיס אויף אַ קליין בענקעלע, אויף אירע קני אַ נאַצישער זעלנערשער שינעל, און זי האַלט אים אין אויספאַרריכטן. זי זינגט זיך בשעת מעשה צו אַ ניגונדל, וואָס מען קאָן ניט דערקאָנען דעם אָפּשטאַם — אַ טרויעריק ניגונדל. פון דרויסן דערהערן זיך גיכע שאָסן פון אַ רעוואָלווער. פרוי וואַכטעל גיט אַ ציטער אויף, הערט זיך צו מיט גרויסע אויגן צום אינדרויסן. ס'ווערט שטיל. זי פאַרטיפט זיך צוריק אין איר אַרבעט. ס'דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין דער טיר).

פרוי וואַכטעל: (פאַרוואונדערט) קומט אַריין.

פרוי ראָזנגאָלץ: (אַ מיטליאָריקע פרוי, אַ פולבלעכע, אַ קיילעכדיקע, אַ לאַכנדיקע, אָנגעטאָן אין אַ טייערן פוטער־מאַנטל) גרוס גאָט, הייל היטלער. געקומען אייך באַגריסן מיט אייער ליבן גאַסט.

וואַכטעל: דאַנקע שיין, פרוי ראָזנגאָלץ, זיצט, זיצט.

ראָזנגאָלץ: געקומען היינט פרי פון מינכען. זאָגט מיר פרוי שנאַבל: ווייסט איר, פרוי ראָזנגאָלץ, האַנס וואַכטעל איז דאָך געקומען אויף אורלויב פון רוסישן פראָנט? האָב איך זיך געאײַלט. אים געקומען זען, און אויך באַגריסן אייך מיט אייער ליבן גאַסט.

וואַכטעל: דאַנקע שיין, פרוי ראָזנגאָלץ, דאַנקע שיין. טוט אויס אייער מאַנטל. אזא וואונדערבאַרער פוטער. (טאַפּט דעם פוטער מיט קנאה און הנאה) ס'דאַרף אייך שוין זיין זייער וואַרעם.

ראָזנגאָלץ: (לאַכט) זייער וואַרעם. געגאַנגען מיטן פעלד. ס'בלאָזט אַזאַ פּראַסטיקער ווינט, און איך לאַך, ווייל מיר איז וואַרעם. (זי טוט אויס דעם מאַנטל און בלייבט שטיין אין אַרעמע קליידער, פאַרציִרעוועטע, פאַרלאַטעטע, און אין אַלטע צעדרייטע שיך, אַ געוואַלדיקער קאָנטראַסט צו איר רייכן פוטער). ער האָט מיר צוגעזאָגט, מיך ליבער היינריך, מיר אויך שיקן שיך מיט קאַלאָשן. זיי טראָגן זייער וואַרעמע קאַלאָשן, די רוסן דאָרטן. אויסגעבעט אינעווייניק מיט אַזאַ רויטן וואַרעמען פוטער. יאָ, ער וועט מיר שיקן, מיין זון, ביי דער ערשטער געלעגנהייט. אַזוי שרייבט ער. זאָל זיי דער ליבער גאָט נאָר העלפן נעמען מאָסקווע וואָס גיכער. דאָרטן וועט מען שוין קריגן אַ סך קאַלאָשן מיט וואַרעמען פוטער אינעווייניק. איך האָב זייער האַלד וואַרעמע קאַלאָשן. ס'איז גוט פאַר מיינע פיס.

וואַכטעל: (טרויעריק) און מיר האָט מיין האַנס גאָרניט געבראַכט אויף צו טראָגן. (טוט אַ קוק אויף אירע צעדרייטע שיך. טוט אַ טאַפּ איר פאַרציִרעוועט קליידל).

ראָזנגאָלץ: ווי קומט דאָס? ער איז דאָך געווען אויפן רוסישן פראָנט, האָב איך געהערט.

וואַכטעל: (טרויעריק) מיר יאָ עפּעס געבראַכט, אָבער ס'איז ניט פאַר מיר. (גייט צו דער שאַפע, נעמט אַרויס אַ ווייסע זיידענע חופּה־קלייד, צוזאַמען מיטן כלה־שלייער) אָט דאָס וואָס ער האָט מיר געבראַכט.

ראָזנגאָלץ: (מיט קנאה) אמתער זייד. ס'איז אַ פאַרגעניגן. מען קאָן דאָס פאַרקויפן פאַר גוטע געלטער. (ס'דערהערן זיך פונדרויסן גיכע שאָסן). (דערשראָקן) ווער שיסט דאָס?

וואַכטעל: (טרויעריק) ס'איז ער, מיין האַנס.

ראָזנגאָלץ: כאַ, כאַ, אַזוי איז אויך געווען קאַרל מאַרוועד ווען ער איז געקומען פון פראָנט, אויף אורלויב. אַרויסגעגאַנגען איבערן פעלד און געשאָסן פון זיין רעוואָלווער אויף די פייגל. כאַ, כאַ, מיין מאַן, הער ראָזנגאָלץ זאָגט מיר: ס'איז ווי אַ פּיאַניסט; כדי די פינגער זאָלן ניט ווערן שטייף, מוז ער שוין פּראַקטיצירן יעדן טאָג. כאַ, כאַ, מיין מאַן הער ראָזנגאָלץ איז אַ גרויסער וויצלינג. (דערזעט פּלוצלונג ווי וואַכטעל לאַכט ניט מיט, נאָר זי בויגט אָן דעם קאָפּ אַ טרויעריקע, האָקט זי זיך איבער אינמיטן) וואָס איז, פרוי וואַכטעל, איר פילט ניט גוט?

וואַכטעל: ס'איז גאָרניט; ס'איז גאָרניט.

ראָזנגאָלץ: איר וועט מיר אַנטשולדיקן, פרוי וואַכטעל, וואָס איך

זאָג עס אייך — אָבער איר זעט עפּעס אויס ניט פריילעך. איז עפּעס געשען מיט אייער האַנסן? איך מיין, איז ער ניט פאַרוואונדעט?

וואַכטעל: ניין, ניט פאַרוואונדעט. גאַנץ אין אַלע זיינע גלידער, דאַנקען דעם ליבן גאָט, אָבער... (ווערט טרויעריק) נאָר עפּעס אַן אַנדערשדיקער... אַ פאַרביטענער האַנס...

ראַזנגאַלץ: איך פאַרשטיי ניט. וואָס מיינט איר, פרוי וואַכטעל?

וואַכטעל: ס׳איז ניט מיין האַנס. ס׳איז אַן אַנדערער...

ראַזנגאַלץ: (מיט פאַרדראָכט) איר פילט פיליכט ניט גוט, פרוי וואַכ־טעל. ווען דער מענטש פילט ניט גוט, קומען מאָדנע געדאַנקען צו אים.

וואַכטעל: (מיט דערשרעק) זיין קוקן אויף מיר...

ראַזנגאַלץ: (נאָך אַלץ מיט פאַרדראָכט) וואָס מיינט איר — זיין קוקן אויף אייך?

וואַכטעל: אָט אַזוי: פּלוצלונג, אינמיטן דערינען, און ער טוט אַ קוק אויף מיר... און איך דערשרעק זיך... ווי ניט מיין זון וואָלט געקוקט אויף מיר. נאָר ווי... (האַקט זיך איבער אינמיטן דערינען, ווייל ס׳דערהערן זיך שווערע טריט. מיט אַ געצוואונגענער פריילעכקייט) דאָס איז ער, מיין זון.

האַנס: (קומט אַריין אַ שטורעמדיקער מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט, מיט אַ גאַנצער רייע מעדאַלן אויף זיין ברוסט) אַ גאַסט, הייל היטלער!

ראַזנגאַלץ: הייל היטלער. דו דערקאָנסט מיך?

האַנס: היינריכס מוטער.

ראַזנגאַלץ: (לאַכט) יאָ, יאָ, היינריכס מוטער. מיך דערקענט. דו ביזט אויסגעוואַקסן, האַנס. אַזאַ יונגינקער, אַזאַ צאַרטער געווען, איידער דו ביזט אַוועק אויפן פראָנט.

האַנס: (אומצופרידן) אַ צאַרטער? קיינמאָל ניט געווען קיין צאַרטער.

ראַזנגאַלץ: כאַ, כאַ, ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין צאַרטער. פון דיין מאַמעס בויך ביזטו געבוירן געוואָרן אַזאַ היפשער מיט די גרויסע שטיוול.

האַנס: (וועלנדיק אַריבערפירן דעם געשפּרעך אויף אַן אַנדער טעמע) וואָס גיבט נייעס, פרוי ראַזנגאַלץ?

ראַזנגאַלץ: וואָס וויסן מיר פון נייעס? דאָרפס־מענטשן, אַזוי צו זאָגן. אָבער דו, האַנס, האָסט אונדז געוויס אַ סך צו דערציילן. ווען קאַרל מאַרווער איז אַהיימגעקומען אויף אורלויב פון רוסישן פראָנט, האָט

ער אונדז שוין דערציילט אַזוי פיל זאַכן פון דאָרטן, אַז מען האָט גע־קאָנט זיצן שטונדן לאַנג און אים הערן דערציילן. (זעענדיק ווי האַנס פּאַראינטערעסירט זיך מיט איר פוטער מאַנטל) אַזוי וואַרעם אין דעם, אַז מען וואונדערט זיך אַזש.

האַנס: היינריך האָט אים אייך געשיקט?

ראָזנגאַלץ: יאָ, מיין היינריך האָט מיר אים געשיקט.. אַ טייערער זון, האָט מיך שטענדיק אין זינען. ער וועט מיר שיקן שיך און קאַלאָשן אויך, שרייבט ער מיר. (זעענדיק ווי האַנס טאַפּט און דרייט דעם מאַנטל און זוכט עפּעס). ס'איז זייער אַ טייערער מאַנטל, עכטער רוסישער פוטער.

האַנס: (ביטרע) יאָ, ס'איז אַן עכטער רוסישער פוטער. אָבער דאָס אַ האָט איר באַמערקט? (צייגט מיטן פינגער אויף אַ קליין, קוים אומ־באַמערקט לעכעלע אין מאַנטל.)

ראָזנגאַלץ: (דערשראָקן) וואָס איז דאָס דען?

האַנס: גאָרניט, בלויז אַ קליינטשיקער ריס; קוקט אויס ווי דורכ־געלעכערט.

ראָזנגאַלץ: אַ, דאָס. מסתמא אַ קנעפּעלע זיך אָפּגעריסן.

האַנס: (ווי ער רייצט זיך מיט איר) ס'איז שוין גאָרניט פון קיין אָפּגעריסן קנעפּעלע. די קנעפּעלעך זיינען דאָרטן.

ראָזנגאַלץ: (נאַאיוו) פון וואָס־זשע דען איז דאָס?

האַנס: (מיט שאָדן־פרייד) זאָל אייך אייער היינריך זאָגן פון וואָס ס'איז. ער ווייסט.

ראָזנגאַלץ: (כאַפּט זיך גלייך פון וואָס ס'איז, אָבער זי מאַכט זיך טאַמעוואַטע) אָבער דאָס איז גאָרניט. מען באַמערקט דאָס סאַי ווי סאַי ניט. און אויסער דעם קאָן מען דאָס לייכט פאַרריכטן. (האַנס קוקט אויף איר סאַרקאַסטיש.) אָבער לאָמיר שוין ניט ריידן פון דעם. איז, יאָ, הער האַנס וואַכטעל, לאָמיך דיך גוט אָנקוקן. אַזאַ היפשער געוואָרן. אַזאַ העלדישער, מיט אַזוי פיל מעדאַלן. איז אויף ווי לאַנג פאַרבלייבסטו מיט אונדז? (טוט זיך דערוויל אָן דעם מאַנטל) מען דאַרף שוין גיין. הער ראָזנגאַלץ וואַרט שוין אויף מיר. ער איז אַן אומגעדולדיקער ביי מיר, מיין מאַן, הער ראָזנגאַלץ. אויף ווידערזען.

האַנס: הייל היטלער.

וואַכטעל: אויף ווידערזען, פרוי ראָזנגאַלץ.

ראָזנגאַלץ: (שטייט שוין ביי דער טיר. מען זעט אָבער אַז ס'באַ־

אומרואיקט זי דאָס לעכעלע אין מאַנטל. זי מאַכט אַ פּאָר טריט אויף צוריק.) אָבער ווי אַזוי האָסטו, האַנס, געוואוסט וועגן דעם? איך מיין — פון לעכעלע אין מיין מאַנטל? (האַנס ענטפערט איר ניט, נאָר ער טוט אַ קוק אויף איר בייז. ראַזנגאַלץ קאָרטשעט זיך איין פון זיין בייזן קוק, רוקט זיך שנעל צו דער טיר.) איך האָב גאָר ניט געמיינט דערמיט. יאָ, מען דאַרף שוין גיין. זייער צופרידן דיך צו זען, האַנס וואַכטעל. זייער צופרידן. צום ווידערזען. (אָפּ)

(פרוי וואַכטעל זעצט זיך צוריק אויף איר פריערדיקן פּלאַץ, נעמט זיך פאַרריכטן דעם שינעל. האַנס, אַן אומרואיקער מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט, האַלט אין איין שפּאַנען אַהין און צוריק איבערן הויז. די מוטער, אַן איינגעקאָרטשעטע, אַן איינגעקוואַרטע, זעט אויס אַזוי נעבעכדיק בשעת זי זיצט אַזוי אָנגעבויגן איבערן מאַנטל. מיט שרעק און מיט פאַרגנבעטע בליקן שפּירט זי אים נאָך. פּלוצלונג שטעלט זיך האַנס אָפּ אינמיטן צימער, הויבט אָן צו קוקן אויף זיין מאַמען מיט בלוט-פאַרגאָסענע אויגן. יענע מיט גרויס שרעק טוט זיך אַ הויב פון פּלאַץ און אינסטיקטיוו לאָזט זי זיך לויפן צו דער טיר.)

האַנס: (אויסער זיך) האַלט! שטיי! וואוהין לויפסטו?

וואַכטעל: (פאַראַליזירט פון שרעק) איך לויף ניט.

האַנס: וואָס האָסטו זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר?

וואַכטעל: איך ווייס ניט.

האַנס: דאַנער וועטער! גאָט פאַרדאַמטער! (טוט זיך אַ זעץ אויף אַ בענקל, כאַפּט זיך מיט ביידע הענט ביים קאָפּ, ווי ער וואָלט געליטן פון אַ שווידערלעכן קאָפּ-ווייטיק.)

וואַכטעל: (אַ פאַרזיכטיקע גייט זי צו צו אים) וואָס איז, מיין זון?

האַנס: (שוין מילדער אין טאָן) גאָרניט, מוטערכן, גאָרניט.

וואַכטעל: טוט דיר ערגעץ וויי, זון? ביזטו ערגעץ פאַרוואונדעט און ווילסט מיר ניט דערציילן?

האַנס: גאָרניט, מוטער, גאָרניט. (טוט אַ קוק אויף איר מיט מיט-לייד) ביזט אַזוי אויסגעדאַרט, אָפּגעצויגן, מוטער.

וואַכטעל: (דערפרייט וואָס איר זון רעדט צו איר אַזוי וואַרעם). ס'איז שווער, זון. מען איז איינע אַליין, און ווען אַפילו דיין פאָטער האָט געלעבט, האָט די פאַרם אונדז געגעבן זייער אַן אָרעמען לעבן. (האַנס זינקט צוריק אַריין אין מעלאַנכאָליע). ס'איז ניט גוט אַזוי, זון; וואָלסט פיליכט געדאַרפט אַרויסגיין און זיין צווישן מענטשן.

האַנס: איך וויל ניט זיין צווישן מענטשן.

וואַכטעל: און דו האָסט דאָך פריער אַזוי שטאַרק ליב געהאַט צו שפּילן אויף דיין פּיאַנע. מען האָט דאָך דיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון איר. און איצטער שוין פינף טעג אינדערהיים, און דו האָסט זיך אַפילו קיין איינמאָל ניט צוגערירט צו איר. שפּיל עפּעס, וועט דיר ווערן פריילעכער.

האַנס: (טוט אַ קוק אויף זיינע שווערע פינגער) שוין ניט פאַר דער פּיאַנע.

וואַכטעל: קוק־זשע אַריין אין עפּעס אַ בוך. האָסט דאָך אַזוי שטאַרק ליב געהאַט פריער אַריינצוקוקן אין דיינע ביכער.

האַנס: ניטאָ שוין די שטימונג דערצו... (ס'הערט זיך אַ קלאַפּ אין דער טיר. האַנס פון געוואוינהייט כאַפּט זיך צום רעוואָלווער).

וואַכטעל: קומט אַריין.

(עס קומט אַריין פריץ אין אַ זעלנערישן אוניפאָרם, מיט וואַנצעלעך. אַ לאַכנדיקער, אַ פריילעכער, בלייבט ער שטיין אינמיטן הויז).

האַנס: (מיט צעלאַפּענע, פריילעכע אויגן): אויב ס'איז ניט פריץ גאַטלינג, יאָ, פריץ גאַטלינג, דו טייפלשער זון, דו גאָט־פאַרדאַמטער. (זיי דערלאַנגען זיך איינער דעם אַנדערן גוט־ברודערשע בוכטשעס).

פריץ: געקומען צופאָרן היינט בייטאָג. זאָגט מיין מוטער: דו ווייסט, האַנס וואַכטעל איז אויך דאָ. זיך קוים דערוואַרט און בין געלאָפן צו דיר. האַנס וואַכטעל, דו שווינען־קאָפּ! (דערלאַנגט אים נאָך אַ פּאָר בוכטשעס. באַמערקט פּלוצלונג האַנס מוטער. פאַרנויגט זיך גאַלאַנט): גוטן אָוונט, פרוי וואַכטעל.

וואַכטעל: גוטן אָוונט, פריץ גאַטלינג. קוקסט אויס אַזוי אויסגעפּאַשעט.

האַנס: אין פראַנקרייך געווען די גאַנצע צייט, האָב איך געהערט.

פריץ: אין פראַנקרייך די גאַנצע צייט, אין פּאַריז. און אָט האָב איך דיר עפּעס געבראַכט פון דאָרטן. (ווינקט צו פריילעך מיט אַן אייגל און שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ פלעשל שאַמפּאַניער).

האַנס: שאַמפּאַניער, דו הינטשער זון. (כאַפּט אויס די פלאַש).

פריץ: (ווינקט פריילעך מיט אַן אייגל) די בעסטע מאַרקע, די בעסטע מאַרקע. די גאָט־פאַרדאַמטע פראַנצויזן ווייסן דיר וואָס צו טרינקען. געבראַכט פון דאָרטן אַ גאַנצן טוצן. געטראַכט, איך גיי צו האַנסן, לאָמיר מיטנעמען אַ פלאַש ווייַן און באַנעצן אונדזער צוזאַמענטרעפן זיך.

האַנס: גוט האָסטו געטאָן. דערלאַנג גלעזער, מוטער.

וואַכטעל: יאָ, מיין זון. (נעמט אַרויס פון שאַפע צוויי וויין־גלעזער).

פריץ: (עפנט די פלאַש ווי אַן עקספערט. גיסט אָן צוויי גלעזער) צו אונדזער ווידערזען זיך.

האַנס: (טרינקט) צו אונדזער ווידערזען זיך.

פריץ: און איר, פרוי וואַכטעל, נעמט אויך אַביסל. ס׳צעוואַרעמט די ביינער.

וואַכטעל: אַ דאַנק.

האַנס: און דו, פריץ גאַטלינג, דו מזל׳דיקער שוויין, דיר איז געווען גוט, די גאַנצע צייט דאָרטן אין פּאַריזש. שאַמפּאַניער, די שיינע פראַנ־צויזישע מיידלעך, און דו קוקסט טאַקע אויס אַקוראַט ווי דו וואָלסט זיך ערשט אומגעקערט פון וואַקאַציע און ניט פון דער מלחמה.

פריץ: וואָס דען, אַזוי ווי איר דאָרטן אויפן רוסישן פראָנט — פאַר־לייזיקטע, פאַרשווייצטע, מיט די וועלף דאָרטן אין די גרויסע זאַווע־רוכעס?

האַנס: און ער נעמט זיך נאָך איבער. (גיט אים אַ בוכטשע).

פריץ: מען דאַרף האָבן מזל, דאָס אַלעס.

(פרוי וואַכטעל וואַרפט אַרויף איר אַלטן אויסגעלאַטעטן שאַל אויף די פּלייצעס, ווי זי קלייבט זיך ערגעץ צו גיין.)

האַנס: (בייז) וואוהין איז?

וואַכטעל: איך וועל אייך ברענגען עפּעס צום פאַרבייסן. איך האָב עפּעס דאָרטן פאַר אייך אין שפּייז־קאַמער. (אָפּ).

פריץ: (צו האַנסן, וואָס האָט נאָכגעקוקט זיין מוטער די גאַנצע צייט מיט אַ פינצטערן בליק) וואָס איז?

האַנס: (בייז) וואָס מיינסטו?

פריץ: וואָס האָסטו אויסגעשטרעקט אויף דיין מאַמען אַזוינע ווילדע קוקערס?

האַנס: (כאַפּט זיך ביים קאָפּ) איך ווייס ניט. נאָר ס׳איז עפּעס מאָדנע. (טרינקט אויס אַביסל וויין פון זיין גלאָז) וועסט פיליכט לאַכן, נאָר עפּעס אַזאַ וואַנזיניקער געדאַנק האָט זיך אַריינגעכאַפּט און לאָזט מיך ניט אָפּ.

פריץ: איך פאַרשטיי דיך ניט. רעד דייטלעך.

האַנס: ס׳האָט זיך אָנגעהויבן ווען איך בין אָנגעקומען מיט דער באַן, און פון זינט דעמאָלט, קומט דאָס נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל.

פריץ: וואָס קומט דאָס נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל? רעד מיר ניט פאַרשטעלט.

האַנס: (קוקט אַפילו ניט צום חבר.) ס'איז עפּעס מאָדנע, וויפיל מאָל איך זאָג זיך אַליין זייער שטרענג: ס'איז דיין מוטער, גלאָמפּ, דיין אייגענע מוטער, און מיר ווייזט זיך אַלץ אויס, אַז ס'איז זי.

פריץ: (מיט פאַרדאַכט) ווער זי?

האַנס: זי... די יידישע פרוי פון מינסק.

פריץ: (מיט פאַרדאַכט) וואָס פאַר אַ יידישע פרוי? און וואָס פאַר אַ מינסק?

האַנס: אַ יידישע פרוי פון מינסק. איך האָב זי דערשאָסן. אין רוקן איר געטראָפן.

פריץ: דערשאָסן, גוט האָסטו געטאָן. אָבער וואָס האָט די יידישע פרוי צו טאָן מיט דיין מוטער?

האַנס: ביים אַראָפּשטייגן פון באַן האָט דאָס געטראָפן. איך בין פריילעך, זייער פריילעך. אָט וועל איך דערזען מיין מוטער. זי וואַרט געוויס אויף מיר ביים באַן־הויף. איך לאָז זיך אויף דער פּלאַטפאָרמע, און זי גייט מיר אַנטקעגן. אין אַן אַלטן שאַל פאַרוויקלט, אַן איינגע־הויקערטע און אַן איינגעבויגענע. ווי די יידישע פרוי פון מינסק, — טוט גלייך אַ בליץ אין מיין געדאַנק. יענע אויך אין אַזאַ אַלטן שאַל, אַן איינ־געהויקערטע און אַן איינגעבויגענע.

(אין דער מינוט טוט זיך אַן עפן די טיר און פרוי וואַכטעל באַווייזט זיך אין איר אַלטן שאַל, אַן איינגעהויקערטע און אַן איינגעבויגענע, און זי זעט טאַקע אויס ווי יענע יידישע פרוי פון מינסק וואָס האַנס האָט ערשט געשילדערט. ביידע שטעלן אויף איר אַן שטויבענדיקע אויגן. פרוי וואַכטעל, דערזעענדיק ווי זיי ביידע קוקן אויף איר אַזוי מאָדנע, בלייבט שטיין אַ דערשראָקענע.)

האַנס: (טוט אַ רעווע) וואָס שטייסטו אַזוי?

וואַכטעל: (ציטערט אויף) ווי אַזוי שטיי איך דען?

פריץ: (וויל עס פאַרגלעטן, ציגט אויף האַנסן). נערוון. און דו, האַנס וואַכטעל, רעווע ניט אויף דיין מוטער. (דערזעט וואָס וואַכטעל וויקלט אַרויס פון אַ פּאַפּיר) וואורשט! אויסגעצייכנט! שוין לאַנג ניט געגעסן קיין עכט דייטשיש שטיקל וואורשט.

וואַכטעל: (צעשניידט דעם וואורשט אויף אַ טעלער) דער לעצטער וואורשט. אים געהאַלטן די גאַנצע צייט... געטראַכט, מיין זון וועט קומען פון אורלויב, וועל איך...

פריץ: (גיט אַ כאַפּ אַ שטיק וואורשט) מ־מ — אויסגעצייכנט! (הויבט די גלאָז) צום געזונט פון אונדזער פירער. הייל היטלער.

האַנס: (הויבט אויך די גלאָז) הייל היטלער. (צו דער מוטער, וואָס לאָזט זיך אין צווייטן צימער): און דו, מוטער, וואוהין? זעץ זיך מיט אונדז און טרינק אַביסעלע.

וואַכטעל: טרינקט אייך, קינדער, טרינקט אייך, און פאַרברענגט אייך. איך בין שוין אַלט, מיד. גוטע נאַכט.

פריץ: גוטע נאַכט, פרוי וואַכטעל. (יענע, אַריינגייענדיק אין צווייטן צימער, דרייט זיך אויס צו זיי מיטן רוקן — אַ הילפלאָזער, נעבעכדי־קער רוקן. האַנס פּנים קערט זיך גלייך איבער ווען ער דערזעט זיין מאַ־מעס רוקן. עפּעס ווי אַ מאַניאַק קוקט ער נאָך זיין מאַמען). וואָס פאַר אַ שוידערלעכע קוקערס ביי דיר. (האַנס הערט אַפילו ניט דעם חברס רייד. בלייבט שטיין פאַרגליווערט.) קום צו זיך, דומקאָפּ. קום צו זיך! (פריץ כאַפּט אים אָן ביי זיינע אַקסל און צעטרייסלט אים).

האַנס: (קומענדיק צו זיך) וואָס שלאָגסטו זיך, וואָס?

פריץ: צו דערווירקלעכקייט, מענטש, ביזט ניט דאָרטן; ביזט דאָ אין דיין מאַמעס הויז, און דיין יוגנט־קאַמעראַד פריץ גאַטליבנג איז דאָ מיט דיר, און מיר טרינקען צו אונדזער גליקלעכן זעען זיך. (גיסט אים אָן אַ גלאָז ווין).

האַנס: (איידער ער נעמט די גלאָז צו די ליפּן) מאָדנע, מאָדנע. (טרינקט אויס, ווערט פריילעכער) גיס מיר אָן נאָך, און לאָמיר טרינקען צו אונדזער קאַמעראַדשאַפט.

פריץ: אַט אַזוי האָב איך דיך ליב. (הויבט די גלאָז) צו אונדזער קאַמעראַדשאַפט. האָך, האָך! (הויבט אָן צו זינגען אַ דייטשיש ביר־לידל, וואָס באַזינגט געטרייע קאַמעראַדשאַפט).

האַנס: האָך, האָך. (כאַפּט אויך אונטער דאָס זעלביקע לידל).

פריץ: (איז אַ דערהויבענעם פייערלעכן טאָן) האַנס וואַכטעל, דו היבטישער זון, זיך גאַרניט געריכט, איך וועל דיך טרעפן אַ לעבעדיקן. געמיינט דו ליגסט שוין לאַנג אָן איבערגעקערטער מיט די ציין אַרויף אויף דער רוסישער ערד.

האַנס: ניט האַנס, דו שווינען קאָפּ: דו זעסט אַט־דעם דאָזיקן רע־וואָלווער?

פריץ: איך זע, איך זע.

(אין דער מינוט באַווייזט זיך פרוי וואַכטעלס פּנים צווישן בײדע

העלפטן פאַרהאַנג, וואָס טיילט אָפּ דעם ערשטן צימער פון צווייטן. מיט גרויסע אויגן פון שרעק, הערט זי זיך צו צום זונס רייד; יענע באַמערקן זי ניט.)

האַנס: דו זעסט אָט די קאָרבן?

פריץ: איך זע.

האַנס: צייל איבער.

פריץ: פופצן.

האַנס: (שטאָלץ) יאָ, פופצן.

פריץ: רוסן?

האַנס: פינף רוסן און צען יידן.

פריץ: ניט שלעכט.

האַנס: דו פאַרשטייסט, היינטערן אויער, הינטערן אויער — אַ צווייַ סענטימעטער פון לעפּל. דאָס איז דאָס ריכטיקע אָרט. ווי אַ בליץ טרעפט דאָס דיך. (שטופּט דעם רעוואָלווער הינטער פריצעס אויער. וויל אים וויַיזן ווי אַזוי).

פריץ: (פּירט אָפּ דעם רעוואָלווער פון זיך). איך גלויב דיר; איך גלויב דיר. דאַרפסט דאָס מיר ניט אילוסטרירן.

האַנס: אין ביאַליסטאָק איז דאָס געווען. איך האָב געזען ווי אַנדערע קאַמעראַדן טוען דאָס, האָב איך זיך אויסגעלערנט פון זיי. דעם ערשטן יידן וואָס איך האָב דאָס געטאָן איז געווען זייערער אַ גייסטלעכער, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד. ער האָט זיך גאָרניט געריכט. כ׳האָב באַהאַלטן דעם רעוואָלווער הינטער מיינע פּלייצעס, אים געזאָגט: דריי זיך אויס מיטן רוקן צו מיר, איך וויל דיר אַ קוק טאָן אונטערן אויער. האָב איך אים געזאָגט, און יענער האָט מיר געגלויבט, כאַ, כאַ, און איך — קליק, און — פאַרטיק!...

פריץ: (קלאַפּט אים איבער דער פּלייצע) בראַוואָ, בראַוואָ.

האַנס: (אַ באַגייסטערטער) און דערנאָכדעם האָב איך שוין געטאָן מיט אַנדערע יידן אויך. הינטערן אויער. ווי אַ בליץ טרעפט דאָס.

פריץ: בראַוואָ, בראַוואָ.

האַנס (פאַרכמורעט) אָבער איינמאָל בלויז אין רוקן. דאָס איז געווען מיט דער יידישער פרוי אין מינסק. פאַרנאַכט איז דאָס געווען. גיי איך מיר אַזוי אין אַ הינטער־געסל, און זי טוט אַ שווער פאַרביי. אַ דאַרע, אַן איינגעקאַרטשעטע, מיט אַן אַלטן שאַל אויף דער פּלייצע. האָב איך זי געכאַפּט, און זי האָט זיך גלייך אַרויסגעריסן פון מיר. אַנגעהויבן צו אַנט־

לויפֿן און שרייען. און ווי זי האָט געשריען, ליבער גאָט! אַזוי אוממענטש־לעך שרייען דיר דאָס יידישע פֿרויען. דאָס בלוט ווערט אַזש פֿאַרגלי־ווערט. האָב איך אויסגעשאָסן, און די קויל האָט איר געטראָפֿן אין רוקן.

פֿריץ: בראַוואָ, בראַוואָ. (המוראייזליש) אָבער ווי ס'קוקט אויס האָסטו בלויז געהאַט צו טאָן מיט אַלטע יידישע פֿרויען; און וואָס וועגן די יונגע יידישע פֿרויען?

האַנס: (פֿריילעך) אָ, דו מיינסט . . .

פֿריץ: (ווינקט מיט אַן אייגל) זיכער, מיין איך.

האַנס: איבערגעגנוג . . . אָבער די שענסטע איז געווען די אוקראַיני־שע פֿרוי אין אומאַן. בלוט און מילך. אירע בריסטן מאַרמאָר־ווייס, און הייסע אַזוינע, איך זאָג דיר. (פֿאַרטראַכט זיך מיט עקסטאַז).

פֿריץ: (אַ צעוואַרעמטער, אַ ליידנשאַפֿטלעכער, רוקט זיך נעענטער צום חבר). וואָס ביזטו געבליבן שטיין אינמיטן דעריבען? דערצייל, דער־צייל.

האַנס: דאָס איז געווען אַ שיינהייט, אַ פֿולע, אַ זאַפֿטיקע, מיט שאַרפֿע ציין — און זי האָט זיך געביסן.

פֿריץ: און זי האָט זיך גאָר געביסן, די קאַנאַליע. דערצייל, דערצייל.

האַנס: אָבער דאָס איז גאָרניט, וואָס זי האָט זיך געביסן. אַ קינד איז געווען מיט איר, אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר דריי אָדער פֿיר, האָט דאָס אָנ־געהויבן צו געוואַלדעווען. האָב איך דאָס אָנגעכאַפּט ביים העלדזל, איין קוועטש געטאָן און ס'איז פֿאַרשטומט געוואָרן.

פֿריץ: כאַ, כאַ, פֿאַרשטומט געוואָרן. און וואָס איז ווייטער געווען?

האַנס: (ווי ער וואָלט זיך געררייצט) און ווייטער . . . ווייטער האָט מען געטאָן וואָס מען האָט געדאַרפֿט . . .

פֿריץ: (אַ צעפֿאַרעטער) איך קאָן שווערן, אַז פֿון דיין געטרייען קאַ־מעראַד פֿריץ גאָטלינג האָסטו גאָרניט געטראַכט אין יענעם מאָמענט, דו הינטישער זון. (דערזען אַ גראַמאָפֿאָן אויפֿן צווייטן טישל, טוט אַ דריי אָן, לייגט אַרויף אַ רעקאָרד. ס'דערהערט זיך אַ פֿריילעכע דייטשישע ליד, אַזאַ מין האַלב וואַלס, האַלב פֿאָלקע,ביידע, באַזויפֿענע, צעכראַסטעטע, צעפּלאָמטע, נעמען זיך אַרום און הויבן אָן צו האָפּקען. פֿרוי וואַכטעל, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט הינטערן פֿאַרהאַנג און זיך צוגעהערט צום זונס מערדערייען — האָט געציטערט מיט אַלע אברים פֿון מורא — מורא פֿאַרן זון דעם מערדער. ווען די וויקטראָלאַ האָט אָנגעהויבן צו שפּילן האָט זי אַרויפֿגעוואָרפֿן איר שאַל אויף די פּלייצעס, זיך גע־

גײבן אַ שמוגל דורך צו דער טיר. די טאַנצנדיקע האָבן זי באַמערקט, װען זי האָט אָן עפן געטאָן די טיר).

האַנס: (אױסער זיך, אינגאַנצן אָן איבערגעקערטער) װער איז דאָס? האַלט! (צו פריצן מיט אױגן פון אַ מאַניאַק): ס'איז זי, די ײדישע פרױ פון מינסק. (כאַפנדיק דעם רעװאָלװער, לאָזט ער זיך אַרױס נאָך איר. פריץ װיל אים אָפּשטעלן, אָבער יענער איז אײן אױגנבליק איז שױן פון יענער זײט טיר. פריץ יאָגט אים נאָך. ס'דערהערט זיך פונדרױסן האַנס װאַנזיניק קול): שטײן! שטײן! (ס'דערהערן זיך בלוט-פאַרגלי־װערנדיקע געשרײען פון זײן מאַמען. ס'דערהערן זיך צװײ שאָסן. אַ װײלע שטיל. האַנס, מיט אַ רױכערנדיקן רעװאָלװער אין אײן האַנט, און מיט דער מאַמעס שאַל אין דער צװײטער האַנט, קומט אַרײן אין הױז אַ צעשױבערטער, מיט אַ סאַרדאָנישן, װאַנזיניקן שמײכל אױף זײנע ליפּן. דער גראַמאָפאָן האַלט אין אײן שפּילן דאָס לוסטיקע דײטשי־שע ליד...)

(פאַרהאַנג)

כאַווער־פּאַווערס ליטעראַרישער אני מאמין

(אין 1961, צו זיין 60־סטן געבורטסטאָג און פערציק יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט, האָט דער זשורנאַל „יידי־שע קולטור" זיך געווענדט צו כאַווער־פּאַווערן מיט אַ צאָל פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו זיין לעבנס־ און שאַפונגס־גאַנג. דאָס זיינען די פראַגן און די ענטפערס.)

1) ווען האָט איר אָנגעהויבן פילן דעם דראַנג צו שרייבן?

אַ דראַנג צו שרייבן האָב איך נאָך דערפילט, איידער איך האָב זיך אויסגעלערנט שרייבן. איך האָב ליב געהאַט, נאָך אַלס אַ יונגער ייִנגל, אויסטראַכטן מעשיות און זיי דערציילן מיינע חברים.

אין די שמעקנדיקע גרינע און זילבערנע אוקראַאינער זומער־נעכט, אויף די קלעצער פאַר מיין טאַטנס הויז, האָב איך געשפּונען מעשהלעך וועגן יורקע דעם וואַסער־טרעגער. אַ באָרוועסער אום זומער, און מיט אָרומגעוויקלטע שמאַטעס אויף די פיס אום ווינטער. ער איז אויפגע־קומען אין מיינע מעשהלעך, איינער פון די ל"ו (לאַמעד־וואָווניקעס), וואָס מאַכט זיך, אַז ער קאָן אַפילו ניט דאַווענען; און וועגן אַ בן־מלך, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בעטלער, און איך האָב אים געזען, האָב איך זיך געשוואוירן, איין מאָל אויף אַ יאַריד אין אונדזער שטאָט, זיצנדיק אויף דער ערד, אויסגעצעבעט אויף שטרוי און שפּילנדיק אויף דער באַנדורע טרויעריקע ניגונימלעך. פאַרשטייט זיך, אַז די מעשיות, וואָס איך האָב אויסגעטראַכט, זיינען ניט געווען אינגאַנצן מיינע אייגענע. איך האָב גענומען אַ סך פון די מעשיות, וואָס איך האָב געהערט יידן דערציילן זיך אין אַלטן בית מדרש, צווישן טאָג און נאַכט, הינטער דער הרובע...

2) איז ווען־זשע האָט איר זיך טאַקע גענומען צו דער פּען?

אין חדר נאָך. און מיין נעמען זיך צו דער פּען האָט זיך אויסגעלאָזט גאָרניט פריילעך פאַר מיר. ס'איז געווען אין חדר פון יאַנקל ליפּמאַן, דער גרעסטער מלמד אין שטאָט, דער עיקר אין לשון קודש. איך בין

דעמאָלט געווען אַ בחורל פון אַ יאָר צוועלף. פאַרגלוסט זיך מיר אָנשרייבן אין לשון־קודש אַ מעשה, וועגן אַ ציגעלע, וואָס וויל ניט לײדן, הלמאַי מען מעלקט אויס איר מאַמע אַלע אינדערפרי, און דאָס ציגעלע אַליין האָט ניט קיין גענוג מילך צום איבערבייסן, און ס׳פּראָטעסטירט דאָס ציגעלע צו די מענטשן און מען ווערט אין כעס אויף דעם און מען פאַרקויפט דאָס ציגעלע צום קצב... האָט יאַנקל ליפּמאַן איבערגעלייענט דאָס מעשהלע פריער פאַר זיך און געלאַכט. דערנאָכדעם האָט ער דאָס געלייענט פאַרן גאַנצן חדר, און דער גאַנצער חדר האָט אויך געלאַכט. מען האָט פשוט געמאַכט חוזק פון מיין מעשהלע... דאָס האָט מיך געוואַלדיק געקרענקט און מערער האָב איך זיך שוין ניט צוגערירט צו דער פען פאַר יאָרן און יאָרן...

זיך נאָך אַמאָל צוגערירט צו דער פען ערשט בשעת דער רעוואָלוציע און די פּאָגראָמען. איך געדענק, ווי ערב אַ פּאָגראָם און די קלויסטער גלאָקן האָבן אָנגעהויבן צו קלינגען: באָם־גלאָן, באָם־גלאָן, האָב איך אָנגעשריבן אַ מעשה, וואָס ס׳האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן מיט „באָם־גלאָן, באָם־גלאָן״.

3) ווען האָט איר זיך אָנגעהויבן צו דרוקן?

מיינע חברים האָבן מיר גע׳עצה׳ט איך זאָל איבערשרייבן איינע פון מיינע זאַכן ריין און שיין און זי שיקן אין דער רעדאַקציע פון דער ידישער צייטונג אין קיעוו (שוין פאַרגעסן דעם נאָמען פון דער צייטונג). האָב איך טאַקע איבערגעשריבן מיינע אַ זאַך, די מעשה, וואָס הויבט זיך אָן מיט „באָם גלאָן, באָם גלאָן״. עטלעכע מאָל איבערגעשריבן, אָבער שיקן דאָס קיין קיעוו אין דער רעדאַקציע האָב איך ניט געשיקט. ס׳האָט פשוט מיך אַ מורא באַפאַלן. איך האָב מורא געהאַט, אַז מען וועט לאַכן דאָרטן פון מיר אין דער רעדאַקציע, פּונקט ווי מיין רבי יאַנקל ליפּמאַן מיט די ייִנגלעך האָבן געלאַכט פון מיר אין חדר...

איז ווי אַזוי־זשע פאָרט האָב איך אָפּגעדרוקט די ערשטע זאַך, וועט איר פרעגן... איז די מעשה געווען אַזוי. פאַרוואָגלט געוואָרן קיין קעשעניעוו, און דאָרטן איז אַרויסגעגאַנגען אַ טעגלעכע צייטונג „דער איד״. דער רעדאַקטאָר איז געווען איינער ראָזענטאַל, און דעם דאָזיקן ראָזענטאַל האָב איך אָפט מאָל געזען איינדרויסן אַרויסגייענדיק פון דער

רעדאַקציע. און זיין פּנים, זיין גאַנג, זיין גאַנצער איך, האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט ניט לאַכן, אַז ער איז איינער פון די טייערע מענטשן...

און דאָך האָט זיך מיר דאָס האַרץ שיער ניט אָפּגעריסן, אײדער איך האָב געעפנט די טיר פון דעם רעדאַקציע־צימער... און אָט אַזוי איז אין קעשעניעווער „איד" אָפּגעדרוקט געוואָרן מיינע אַ זאַך צום ערשטן מאָל, וואָס האָט געהייסן „צווישן חורבות"...

4) און די קינדער־מעשיות? ווי אַזוי זייט איר געקומען צו זיי?

דאָס איז טאַקע געווען אין זעלביקן קעשעניעוו. איך בין געווען אַ לערער אין אַ שול פאַר קינדער פון בעזשענצעס (פּליכטלינגען) און אין דער שול איז געווען אַ וואונדערלעכע לערערקע פאַר קינדער־גאָרטן־עלטער, איינע אַ פאַניע קופּערמאַן, לייב קוויטקאָס אַ שוועגערין. און די דאָזיקע פאַניע האָט גאָרניט אָנערקענט קיין שום שרייבער, אַחוץ די, וואָס האָבן געשריבן מעשיות פאַר קינדער... און איך האָב פון שטענדיק אָן ליב געהאַט צו דערציילן מעשיות פאַר קינדער, דאָס הייסט, בעל פּה... פאַר מיינע פּלימעניקעס און פּלימעניצעס האָב איך שטענדיק אויסגעטראַכט מעשיות, ווען איך בין נאָך געווען אַ בחור פון אַ יאָר צען־עלף... הכלל, איך האָב אָנגעשריבן צום ערשטן מאָל אַ קינדער־מעשהלע, „ציגעלע־מיגעלע", האָט דאָס געהייסן... און איך האָב דאָס געלייענט אין פאַניע קופּערמאַנס קינדער־גאָרטן קלאַס, און ס'איז געווען ביי די קליינע חברה אַזאַ פרייד, אַזאַ פרייד!...

5) און דעם נאָמען „כאַווער־פּאַווער"? ווי אַזוי זייט איר געקומען צום אים?

טאַקע דעמאָלט, ווען איך האָב געשריבן מיין ערשט קינדער־מעשהלע. כ'האָב געטראַכט, אַז מען שרייבט פאַר קינדער, דאַרף מען זיך געבן אַ נאָמען, אַ שפּילעוודיקן. פון נאָמען אַליין זאָלן זיך די קינדער צעשמייכלען, און ס'זאָל ווערן פריילעך... האָב איך זיך דערמאָנט, אַז ווען איך בין געווען אַ יונג יינגל און אַז ווען איך האָב זיך איבערגעבעטן מיט אַ חבר נאָך אַ צעקריגעניש, האָבן מיר זיך פאַרטשעפּעט איינער מיטן אַנדערן מיט אונדזערע מינדסטע פינגער און געזונגען דערביי אַ לידל:

כאַוועך פּאַוועך, וואָס איך וועל האָבן
ברענען, בראָטן, וועל איך דיר געבן,
שטעכן מיט דראָטן, וואָס דו וועסט האָבן
וועסטו מיר געבן...

(ס'זײַנען דאָ אַ סך ווערסיעס פון דעם דאָזיקן לידל. אין געוויסע געגנטן איז דאָרט ניט געווען כאַוועך־פּאַוועך, נאָר כאַוועך־לאַוועך.)

6) און ווי זײַט איר איבערגעגאַנגען צו גרעסערע זאַכן? ווי אַזוי איז דאָס געשען? וואָס האָט אײַך געבראַכט צו דעם?

געקומען קיין אַמעריקע, האָב איך מערסטנס געשריבן קינדער־מעשהלעך... לאָמעד שאַפּיראָ האָט גראָדע ניט שטאַרק געהאַלטן פון מײַנע קינדער־מעשהלעך. מיך געמוסרט, הלמאי איך שרײַב אַזוי ווינציק פּאַר דערוואַקסענע... און איין מאָל אין קעמפּ „ניט געדאַיגעט"... און ס'איז דאָרטן געווען זײַער פריילעך יענעם זומער: יעקב שייפער, יעקב מעסטל, ב. בוכוואַלד, אַרטעפּניקעס, קאָנצערט־פּראָגראַמען כמעט יעדן אָוונט, געזאַנגען, דעקלאַמאַציעס. און גראָדע צווישן די הונדערטער פריילעכע זומערניקעס, האָט מיך אָנגעהויבן צו ציען, עפּעס אָנשרײַבן וועגן דער שטאָט בראָנזוויל, וואו איך האָב געלעבט אין מײַנע גרינע יאָרן... איך האָב געשריבן גאַנצע טעג מיט אַזאַ פיבער. אין קעמפּ־ביבליאָטעק געשריבן... „וירא אלהים כי טוב..." ווי ס'זאָגט זיך אין חומש, און איך האָב געזען, אַז ס'איז גוט, האָב איך מיט דער צײַט גענומען שרײַבן אַ צווייטע לענגערע זאַך, אין אַ ראָמאַן־פאָרם, און אַ דריטע און אַ פערטע. און אָט אַזוי זײַנען געבוירן געוואָרן: „בראָנז־וויל", „פון יענער זײַט טײַך", „קאַפּל דער האַרבאַטער", „אַ שול אין דער בראָנקס", „קלינטאָן סטריט", „זיסלס וואַנדערונג", „די צען לאַנדסלײַט", „רייזל פון דער איסט־סאַיד", „דזשוליוס", „די האַנט פון נקמה" (וועגן די קאַמפן פון יידישע פּאַרטיזאַנען אין די ווײַסרוסישע וועלדער), „גבורים פון דער נאַכט" (וועגן די קאַמפן פון יידישע פּאַר־טיזאַנען אין די פּוילישע וועלדער), „זלמן דער שוסטער", איך און מײַן חבר פּוליע", „גרשון מאיר דעם בלינדנס", „גרשון אין אַמערי־קע"... פון די אַלע לענגערע זאַכן, זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ בוך־פאָרם בלויז „פון יענער זײַט טײַך", „קלינטאָן סטריט", „די צען

לאַנדסלייט", „גבורים פון דער נאַכט", „זלמן דער שוסטער". פון די אַלע אַנדערע זאַכן ווערט שטויב אין די בלעטער פון די אַלט־געבונדענע יאָר־גענג „מאָרגן־פרייהייט". ס'איז ביליק צייטונג־פּאַפּיר, אַז ס'צעקריכט זיך, ווי נאָר מען מישט איבער אַ בלאַט...

7) און ווען האָט זיך אָנגעהויבן אייער אינטערעס צום טעאַטער?

געזען די ערשטע טעאַטער־פאָרשטעלונג אַלס ייִנגל און אָפּגעקאַכט געוואָרן, ווי מען זאָגט. געזען די צווייטע טעאַטער־פאָרשטעלונג און ניט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם... און צוליב ביידע אָט די דאָזיקע טעאַטער־פאָרשטעלונגען האָב איך געכאַפּט זייער הייסע שמיץ. די ערשטע — גאָלדפאַדענס „די כישופמאַכערין", האָב איך און מיין חבר פוליע געזען דורך אַ דאַך. דאָס הייסט, מיר זיינען אַרויפגעקראָכן אויפן ברעזענטענעם דאַך פון טעאַטער און אַריינגעקוקט צווישן די שפּאַלטן. האָט אונדז ביים צווייטן אַקט דערזען דער סטראַזשניק און האָט אונדז אָנגעהויבן שמייסן מיט זיין ברענענדיקער נאַגאַיקע, און ס'האָט טעג און טעג געברענט דאָרטן, וואו מען שעמט זיך אויסצוזאָגן... דאָס צווייטע מאָל האָב איך געגנבעט צוואַנציק קאָפּיקעס ביי מיין טאַטן און געגאַנגען זען „ציגאַנקאַ אַזאַ", געשפּילט פון אַן אוקראַאינישער טרופּע, און דערנאָכדעם ווידער געכאַפּט פון מיין טאַטן זייער הייסע שמיץ... אָבער דער כישוף, וואָס דער טעאַטער האָט מיר אָפּגעטאָן איז געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז יאָ שמיץ, ניט שמיץ...

מיין ערשטער טעאַטער־פּרואוו איז געווען אַלס אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן אָדער ניינצן. ישראל פריד, דער איצטיקער שני רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן פרייהייט", דעמאָלט אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען אָדער עלף, מיינער אַ בן־עיר, האָט געוואָלט שפּילן טעאַטער מיט אַ גרופּע ייִנגלעך, און דאָס געלט זאָל גיין פאַר די יתומים פון שכנהשן שטעטל טעפּליק, וועמענס עלטערן זיינען אומגעקומען אין פּאָגראָם... ער האָט מיך געבעטן איך זאָל אים העלפן, און איך האָב אָנגעשריבן אַ שפּיל... שפּעטער אין ניו־יאָרק, דערנאָכדעם — אין לאָס־אַנדזשעלעס, האָב איך שוין געהאַלטן אין איין שרייבן שפּילן פאַר די קינדער פון די שולן... מען וואָלט געקאָנט אַרויסגעבן אַ דריי־פיר בענד פון מיינע שפּילן פאַר קינדער... און נאָכדעם האָב איך געשריבן שפּילן פאַרן „אַרטעף"

אין ניו־יאָרק, פאַר דער „פאָלקס־בינע״ אין לאָס־אַנדזשעלעס, אַ פילם־סצענאַריום באַזירט אויף מענדעלע מוכר ספרימס ווערק...

8) זאָגט מיר, כאַווער־פאַווער, ווי פאַרן זיך אין אייער שאַפן אַמע־ריקע און בערשאַד?

ווייס איך ניט, וואָס איך צו ענטפערן... אפשר אַנדערע, וואָס זיינען גוט באַקאַנט מיט מיין שרייבן וועלן קאָנען ענטפערן... מסתמא וועלן אַנדערע זאָגן, אַז אין מיין שרייבן וועגן אַמעריקע, פילט זיך שטענדיק דאָס בחורל פון בערשאַד, וואָס קוקט אַריין דורך פרעמדע פענצטער צו זען, וואָס ס׳טוט זיך אינעווייניק אין די הייזער. און אפשר וועלן אַנ־דערע מענטשן זאָגן, אַז אין מיין שרייבן וועגן אַמעריקע, כאַפּ איך אויף נאָר די יידן, וואָס זיינען טאַקע געקומען פון בערשאַד און פון די נאָענטע שטעטלעך אַרום בערשאַד. און אפשר וועט מען זאָגן, אַזוי ווי איך בין שוין פערציק יאָר אין אַמעריקע, האָב איך שוין אַריינגעזאַפּט אין זיך אַ סך פון די ריחות, קאָלירן און זאַפטן פון נייעם לאַנד...

9) וואָס זיינען די וויכטיקע מאָטיוון אין אייער שאַפן?

רחמים, ליבשאַפט צום געפאַלענעם און דערשלאָגענעם. מאָנען גע־רעכטיקייט, יושר... אָבער דאָס קאָן אָנווייזן יעדער שרייבער... און מסתמא זיינען דאָ ביי מיר אַ סך אַנדערע מאָטיוון, וואָס זיינען ביי מיר גאָרניט באַוואוסטזיניק... ס׳ווילט זיך דערציילן אַ מעשה אי זיך אַליין, אי מיינע מיטמענטשן, און די מעשה זאָל אונדז אָוועקנעמען פון דער אומעטיקייט און וואָכיקייט פון לעבן. און אויב לויט דער טעמע מוזטו טאַקע מאָלן די וואָכיקייט פון לעבן, די אומעטיקייט פון לעבן, זאָלסטו קאָנען אַריינברענגען אַזוינע פאַרבן, וואָס זאָלן אויסשטראַלן אויך דעם יום־טוב פון לעבן, די פרייד פון לעבן...

און וואויל איז דעם שרייבער, וואָס קאָן שמייכלען מיט וואַרעמקייט און טרייסטונג אַפילו אין די טרויעריקסטע מאָמענטן פון זיין מעשה... און וואויל איז דעם שרייבער, וואָס קאָן אַריינטאָן אין וואָרט אַ רוח־חיים, אַ לעבעדיקן אָטעם... און וואויל איז דעם שרייבער, וואָס דער לייענער באַקומט צו אים צוטרוי פון ערשטן וואָרט זיינעם...

10) וואָס פּלאַנירט איר איצט צו שרייבן?

אַ וועלט מיט אַרבעט, ווי משה אָלגין וואָלט געזאָגט. איך האַלט אין שרייבן אַ ראָמאַן וועגן „נחמה אין אַמעריקע". דער אָנהויב „נחמה פאָרט קיין אַמעריקע" איז געווען געדרוקט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין דער „יידישע קולטור". איך וויל אָנשרייבן אַ ראָמאַן וועגן די „קינדער פון די צען לאַנדסלייט", און אַ ראָמאַן וועגן אַ קאַליפאָרניער יידישן פּאַר־מער. דער פּראָטאָטיפּ איז דער גוט־באַקאַנטער לואי מאַטלין, און אַ בוך וועגן לאָס־אַנדזשעלעסער יידישע ליטעראַטור, וואָס איך האָב געקאָנט פון זיבּט איך האָב זיך באַזעצט אין לאָס־אַנדזשעלעס... איך וויל אָנשרייבן אַ לענגערע זאַך וועגן אַ שטומען יידישן ייִנגל אין פּוילן, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַלע היטלער שחיטות, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, און אַדאַנק זיין קלוגשאַפט, געבליבן לעבן. זיין שטום זיין איז אויך געווען אַ קלוגשאַפט, מחמת ער איז ניט געווען שטום, נאָר ער האָט זיך גע־מאַכט שטום... איך וויל אָנשרייבן אַ בוך וועגן אַ יידישער פּרוי אין אַמעריקע, וואָס זאָל זיין אַ פּאָר צו „זלמן דעם שוסטער"... און דראַמען, און נאָך און נאָך מעשיות פאַר קינדער און קורצע דערציילונגען... זאָל נאָר דאָס געזונט ניט ווערן ערגער, זאָל מען נאָר האָבן אַ מינימום פּרנסה...

כאַוועך-פּאַוועך

פון נחמן מייזיל

מיר פייערן צוויי וויכטיקע דאַטעס אין לעבן און שאַפן פון כאַוועך-פּאַוועך, — דעריבעך לאָמיר נישט אָפּקומען מיט גלאַט לויב-געזאַנג צו אים; נאָר לאָמיר בעסער פּרואוון זאָגן אייניקע תוך-ווערטער וועגן אים.

ביז אַהער האָבן מיר געהאַט פאַר זיך איינצעלנע ביכער פון כאַוועך-פּאַוועך, וואָס זיינען דערשינען אין די לעצטע יאָרצענדליקער, און אין וועלכע עס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן שטיקער יידיש לעבן פון דער אַלטער היים און פון אַמעריקע. האָבן מיר יעדעס ווערק אויפגענומען פאַר זיך, באַזונדער, צוזאַמען מיט די וועלטן, סביבות און טיפן-געשטאַלטן, וואָס זיינען אין זיי אַרויסגעבראַכט געוואָרן. איצט אָבער, ווען מיר פּרואוון מאַכן אַ סך-הכל פון די 40 יאָר שאַפן פונעם קינסטלער, — שטייען פאַר אונדז נישט בלויז זיינע צען-צוועלף ביכער, נאָר עס וואַקסט-אויס פאַר אונדז אין דער פולער מאָס דער קינסטלער כאַוועך-פּאַוועך, — אַן אייגנאַרטיקער און אייגנטימלעכער שרייבער, וואָס פאַרמאָגט אַן אייגענעם כאַראַקטער, מיט אַן אייגענעם סטיל און מיט אַן אייגענעם בליק אויפן לעבן און אויף די מענטשן, וואָס ער פירט אַרויס.

און מיר מעגן, דאַכט זיך, איצט זאָגן מיטן ריינעם געוויסן, אַז צו דער גרעסטער צאָל יידישע שרייבער, קאָן מען צורעכענען נאָך איינעם, וואָס גייט זיך זיין אייגענעם דרך, וואָס איז שוין אַליין פאַר זיך אַ וויכטיקע ליטעראַרישע דערשיינונג, און וועלכן מיר קאָנען אָפּגעבן אַ „שטאָט" אין דער מזרח-וואַנט פון אונדזער יידישער ליטעראַטור.

אויב ביז אַהער האָבן זיך געצויגן שטעגן-וועגן פון אים, פון דעם שאַפער, דורך זיינע פאַרשיידענע ביכער, וועלכע מיר האָבן געלייענט און זיי אויפגענומען און באַטראַכט באַזונדער, — איז איצט האָט זיך די לאַגע געביטן. ער גופא שטייט איצט פאַר אונדז ווי אַ „יש", ווי אַן אָביעקט, ווי אַ וויכטיקער קינסטלער, וועמען מיר באַדאַרפן באַגרייפן און פאַרשטיין ווי אַ גאַנצן און וועלכער פאַרנעמט אַ בכבודיק אָרט אין אונדזער שאַפונגס-וועלט. מיר דאַרפן דעריבער פון איצט אָן האַלטן אַן אויג אויף אים און אַכטונג געבן אויף זיין ווייטערדיקן ריכטיקן קינסטלערישן גאַנג.

עס איז אונדזער חוב צונויפנעמען אַלץ, וואָס ער האָט ביז אַהער גע־שאַפן, און אויס׳סדר׳ן עס איינס נאָך איינס, כדי צו זען דעם פּאַדעם, וואָס פאַרבינדט זיי, און כדי צו שאַפן די גאָלדענע קייט, וואָס שמידט צונויף די איינצעלנע רינגען־ווערק. מיר מוזן אויך אַרויסהעלפן אים אין זיין שרייבערישער ווירטשאַפט. אים סטימולירן און גלייכצייטיק שטעלן אים גרעסערע פאָדערונגען — ווייל פון דעם, וואָס פאַרמאָגט אַ סך, פאַרלאַנגט מען מער!

און דעריבער זאָל דער מחבר און אויך מיר זאָלן האָבן פון איצט אָן אַן אַנדער קוק אויף זיין שאַפן, און אויך — אַן אַנדער צוגאַנג.

מיר דאַרפן נעמען זיינע אַלע ביז־איצטיקע ווערק, וואָס זיינען אַרויס פון זיין פעדער, ווי טיילן פון איין גאַנצעס. עס זיינען נישט קיין איינציקע צופעליקע ביכער, אָפּגעריסן איינס פונעם אַנדערן אין זיין שיער נישט 40 יאָריקן שאַפן. עס מוז זיין פאַר אים און אויך פאַר אונדז, פאַר אונדזער באַטראַכטונג, אַ קלאָרער, צילאָנגעוועטדעטער גאַנג, וואָס קומט פון ערגעץ און גייט און שטרעבט צו אַ געוואונטשטן ציל און צוועק. מיר דאַרפן מיט אַנדערע מאָס און וואָג אויפנעמען זיינע פריערדיקע ווערק, זען דעם הינטערגרונט זייערן, דערגיין די סיבות־מאָטיוון, אַדאַנק וועלכע זיי זיינען געקומען צום אויסדרוק, און אויפ־נעמען די געענדערטע סאָציאַל־פּאָליטישע און קולטור־גייסטיקע באַ־דינגונגען, אין וועלכע זיי זיינען געשאַפן געוואָרן.

כאַווער־פּאַווער גופא מוז דערפילן די גאָרע אחריות פאַר זיין ווייטער־דיקן שאַפן. ער האָט איצט דערגרייכט מער רייפקייט אין זיין שרייבן, מוז אויך דער אינהאַלט זיין אַ ברייטערער, אַ טיפערער. עס מוז קומען אַ נייע אידייען־אָנגעלאָדנקייט אין זיין שאַפן. ווייל די צייט איז אַן אַנדערע, ווייל אונדזערע פאָדערונגען און פאַרלאַנגען זיינען אויסגע־וואַקסן.

עס איז באַקאַנט דער זאָג: „ווי מען נעמט זיך, אַזוי העלפט גאָט!“

זיינע ביז־איצטיקע ווערק, וואָס ער האָט געשאַפן, זיינען פיל מחייב, זיי שטעלן אַרויס זייער מחבר גרויסע פאָדערונגען, וואָס ער איז זיכער בכוח צו דערפילן.

נישט בלייבן שטיין אויף די שוין דערגרייכטע פּאָזיציעס, נאָר גיין העכער און ווייטער, מיט נייע פאַרמעסטן, מיט אויסגעברייטערטע אויפ־גאַבן און פאַרלאַנגען.

און וויבאַלד מיר נעמען אים אַריין אין דער אָנגעזעענער משפחה

פון די יידישע שרייבער, מוזן מיר אויך אויסטיילן אים דעם פּאַסיקן אָרט צווישן די וויכטיקע וואָרט־זאָגער אין דער יידישער ליטעראַטור, ציען פּאַרגלייכן צווישן אים מיט אַנדערע יידישע אָנגעזעענע קינסט־לער, און זען, — וואָס ער איז מחדש, וואָס גיט ער צו צום אייזערנעם פאָנד פון אונדזער יידישער ליטעראַטור.

זיין לעצט אויטאָביאָגראַפיש בוך „גרשון מאיר דעם בלינדנס", וואָס איז אַרויס מיט אַ צוויי־דריי יאָר צוריק, שטעלט זיך אין דער ריי פון ענ־לעכע וויכטיקע אויטאָביאָגראַפישע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זיינען פאַרפאַסט פון די בעסערע, אויב נישט די בעסטע עלטערע יידישע שרייבער. אָנגעהויבן פון מענדעלע מו"ס מיט זיין „שלמה ר' חיימס", שלום־עליכם — „פונעם יאַריד", פּרץ — „מיינע זכרונות", מרדכי ספּעקטאָר „מיין לעבן", הירשביין — „קינדער־יאָרן", א. ראַבאָי — „מיין לעבן", דוד בערגעלסאָן — „פּענעק" — האָט אויך באָוער־פּאָוער, אויף זיין אייגענעם אופן און שטייגער, אַרויסגעבראַכט זיין היים, זיין קינדהייט און יוגנט, זיין צייט און געגנט, און גלייכ־צייטיק אויך געגעבן זיך גופא, זיין מאַטעריעל־גייסטיקע וועלט, אין וועלכער עס האָט זיך אויסגעפורעמט זיין געשטאַלט, זיין פּערזענלעכ־קייט. און צו די אַלע אַרויסגעבראַכטע יידישע שטעטלעך, וואָס די דערמאָנטע יידישע שרייבער האָבן געשילדערט און פאַראייביקט, וואָקסט־אויס פאַר אונדז אַ יידיש שטעטל, מיט איר אייגענעם פּרצוף־פּנים, מיט איר אייגענעם נוסח, מיט אירע אייגענע טראַדיציעס און פירעכצן, און מיט אירע אייגענע גלגולים און איבערוואַנדלונגען.

קאַבצאַנסק, טונעיאַדעווקע, קאַסרילעווקע און מאַזעפּעווקע, — און איצט טשעמערעיעוו און בערשאַד. און ווי אין די דערמאָנטע ווערק פון די עלטערע יידישע שרייבער, אַזוי אויך ביי באָוער־פּאָוער וואָקסט גרשון, אַנטוויקלט זיך, געשטאַלטיקט זיך אין זיין פורעם. ווי עס שטייט געשריבן: „בצלמו ובדמותו", — לויט זיין געשטאַלט און לויט זיין גלייכעניש . . .

באָוער־פּאָוער גייט זיך כסדר מיט זיין אייגענעם דרך. ער האָט זיך זיין אייגענעם שטייגער פון מאָלן מענטשן, פון כאַראַקטעריזירן סיטואַציעס און גוראַנגלעענישן און באַדינגונגען, — דער אינהאַלט און פאָרם זיינען ביי אים נאַטירלעך און אָרגאַניש צונויפגעגאָסן. אָפּטמאָל דאַכט זיך, אַז עס זיינען צופיל פּרטים, צופיל שטריכן, אָבער פון די פּרטים, פון די איינצעלנע שטריכן וואָקסט כסדר אויס דאָס גאַנצע

בילד, קומט צום פולן אויסדרוק אַלדאָס געשעענע און דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע. עס איז דאָ עכטקייט און ערלעכקייט אויך ביים דערציילן וועגן זיך גופא, וועגן זיינע אייגענע טואונגען און פירעכצן, ער איז אָביעקטיוו און קריטיש צו זיך גופא, ווי ער איז צו די טיפן און פאַרשוויגענע, וואָס ער ברענגט אַרויס. ער שוינט נישט זיך אַליין. ער ברענגט אַרויס אייגענע שוואַכקייטן און פעלערן.

אין אַ שריפטלעכן אינטערוויו מיט אונדז האָט כאַוער־פּאַוער געזאָגט: „וואויל איז דעם שרייבער, וואָס קאָן שמייכלען מיט וואַרעמקייט און טרייסטונג אַפילו אין די טרויעריקסטע מאָמענטן פון זיין מעשה" . . . („יידישע קולטור", ב' 2, 1961, ז' 49). ער האָט אויך באַטאָנט, אַז זיין שטרעבן איז „אין דער וואָכעדיקייט און אומעטיקייט פונעם לעבן" אַריינגעגעבן „אַזוינע פאַרבן, וואָס זאָלן אויסשטראַלן אויך דעם יום־טוב פון לעבן, די פרייד פון לעבן". כאַוער־פּאַוער איז געטריי אָט־די געבאָטן.

אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי אין אַנדערע ליטעראַטורן, האָבן מיר צוויי הויפּט־ריכטונגען: איינע וואָס איז פול מיט סענטימענטן, מיט מיטגעפיל און מיטלייד צו די אַרויסגעבראַכטע געשטאַלטן און צו די לעבנס־סיטואַציעס. כ'וואָלט די שטרעמונג אָנגערופן — די מאַמישע, די מוטערלעכע; און די צווייטע ריכטונג — איז אַ שטרענגע, אַ מאַנענדיקע, אַ שטראָפּערישע, אַ וואָרנענדיקע — בקיצור — אַ פאָטערלעכע. ביי אונדז ציט זיך איין ליניע פון יעקב דינעזאָן, מרדכי ספּעקטאָר דורך שלום־עליכם, א. ראַבאַי, אברהם רייזען, און זי פלעכט זיך אַריין אויך אין דעם שאַפן פון כאַוער־פּאַוער, וואָס איז אָנגעפילט, ווי ער זאָגט אַליין, מיט „רחמים, ליבשאַפט צום געפאַלענעם און דערשלאָגענעם". און די צווייטע ריכטונג קומט פון מענדעלען דורך פּרצן און דוד בערגעלסאָן, וואָס געדאַנק, אידייען, פּראָבלעמען האָבן ביי זיי די אויבערהאַנט.

די ערשטע שרייבער ווערן געפירט דורך די טרויעריקע דערשיינונגען אין לעבן, זיי געפינען זיך אונטערן שווערן יאָך פון דער טרויעריקטראַגישערווירקלעכקייט, זיי זיינען געדריקט און געפּלאָגט פון דעם געזעענעם און געהערטן, זיי לעבן מיט די זאָרגן און יסורים פון זייערע מיטמענטשן; די צווייטע — שטעלן זיך העכער פון דעם ווירקלעכן לעבן, זיי קומען צו דער וואָרער ווירקלעכקייט מיט פאָדערונגען, מיט

מאַנונגען, זיי דיקטירן זייערע אידייען, די טיפּן, זיי הויבן זיי אַרויס און זיי ווילן זיי אַרויסבאַפרייען פון זייערע וועלטן.

ווי אַן עלטערער חבר און קאָלעגע וויל איך ווינטשן כאַווער־פּאַווערן צו זיין טאָפּלטן יום־טוב, ווען ער שטייט פאַר אונדז אַ רייפער און קרעפטיקער, — ער זאָל אַרויף אויף דעם ברייטערן וועג פונעם יידישן לעבן, ער זאָל נעמען פירן און אָנפירן מיט זיין טאַלאַנט, מיט זיינע שאַפערישע מעגלעכקייטן, אַנשטאָט צו ווערן געפירט פון זיי.

ער דאַרף, ער מוז מיט זיינע געבענטשטע קינסטלערישע פייאיקייטן אַרויף אויף נייע ברייטע וועגן פון דעם רייכן העראָאישן און מאַרטיראָלאָגישן יידישן לעבן!

רעדע, געהאַלטן אויף דער פייערונג לכבוד כאַווער־פּאַווער צו זיין 60סטן געבוירנטאָג און 40 יאָר שאַפן, שבת, דעם 13טן מאַי, 1961, אין ניו־יאָרק.

געדרוקטע ווערק פון כאַווער־פּאַווער
(גרשון איינבינדער)

„קלינטאָן סטריט״ — ניו יאָרק, 1937

„די צען לאַנדסלייט״ — לאָס אַנגעלעס, 1942

„לעבנס אויפן וואַגשאָל״ — לאָס אַנגעלעס, 1944

„גיבורים פון דער נאַכט״ — לאָס אַנגעלעס, 1950

„זלמן דער שוסטער״ — לאָס אַנגעלעס, 1955

„גרשון מאיר דעם בלינדנס״ — לאָס אַנגעלעס, 1958

„גרשון אין אַמעריקע״ — וואַרשע, פּוילן, 1963

„קלינטאָן סטריט און אַנדערע מעשיות״ (אין ענגליש) — ניו־יאָרק, 1974

קינדער־מעשיות

קינדער־מעשהלעך (צוויי בענדער) — ניו־יאָרק, 1926

„פון יענער זייט טייך״ — ניו יאָרק, 1930

(דאָס בוך איז אויך אַרויס אין אַ רוסישער איבערזעצונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד)

„לאָבזיק״ 1 — ניו־יאָרק, 1935

„לאָבזיק״ 2 — ניו־יאָרק, 1937

„וואָוויק״ — לאָס אַנגעלעס, 1947

אין דער ביכער־רשימה גייען ניט אַריין אַ צאָל אייגענע און דראַמאַטיזירטע פּיעסן און קינדער־שפּילן, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין פאַרשידענע זשורנאַלן און צייטשריפטן אין אַמעריקע און אין אייראָפּע.

ניט־פֿאַרעפֿנטלעכטע ווערק

אין כּאַווער־פֿאַווערס ליטעראַרישן אַרכיוו געפֿינען זיך די ראָמאַנען: „קאַפּל דער האַרבאַטער", „אַ שול אין בראָנקס", זיסלס וואַנדערונג", „רייזל פֿון דער איסט סייד", „דזשוליוס", „די האַנט פֿון נקמה".

די אַלע ראָמאַנען זיינען אין פֿאַרשידענע צייטן געדרוקט געוואָרן אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט" און זיינען נאָך ניט דערשינען אין בוך־פֿאָרם.

קריטיק וועגן כּאַווער־פֿאַווערן

וועגן כּאַווער־פֿאַווערס ליטעראַרישן שאַפֿן און זיין גרויסן בייטראָג צו דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור האָבן, צווישן אַנדערע, גע־שריבן מיט אַ סך ליבע די פֿאָלגענדיקע:

מ. אָלגין — אין בוך „קולטור און פֿאָלק"
י. אַשפּיז — „מאָרגן־פֿרייהייט"
א. אָראָן — אין „נייע פּרעסע", פּאַריזש
ג. בוכוואַלד — „מאָרגן־פֿרייהייט"
איטשע גאָלדבערג — „יידישע קולטור"
ב. צ. גאָלדבערג — „דער טאָג"
בער גרין — אין בוך: „פֿון דור צו דור"
פּוליע טשערנער — „יידישע קולטור"
משה כץ — אין „משה כץ בוך"
דער לעבעדיקער — „דער טאָג"
נחמן מייזיל — „יידישע קולטור"
פּ. נאָוויק — „מאָרגן־פֿרייהייט"
י. א. ראָנטש — אין בוך: „אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור"

אינהאַלט

כאַוועל-פאַוועריש — אריינפיר-וואָרט וועגן דעם ראָמאַן „בראָנז-
וויל”: י. א. ראָנטש

„בראָנזוויל” 11

דראַמאַטישע שפּילן

מאָטל פּייסי דעם חזנס (לויט שלום-עליכמ'ען) 157

די ברוגזע מומעביילע............................. 175

כעלמער חכמים 183

עקספּראָפּריאַציע (לויט שלום-עליכמ'ען)............. 192

אין דער דאָזיקער נאַכט פון פּסח.................... 201

די יידישע פּרוי פון מינסק........................ 213

•

כאַוועל-פאַוועלס ליטעראַרישער אני מאמין............. 225

נחמן-מייזיל: אָפּשאַצונג וועגן כאַוועל-פאַוועל........... 232

רשימה פון געדרוקטע ביכער; קריטיק וועגן
כאַוועל-פאַוועלן 237